STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03887

# DI MISHPOHE POLANETSKI

Henryk Sienkiewicz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הענריק שענקעוויטש

# די
# משפחה פּאלאנעצקי

יידיש: יונה שפּעס

פאַרלאַג ה. בזשאָזאַ
וואַרשע, 1926.

# ערשטער טייל

## I.

ס׳איז געווען איינס אַ זייגער באַנאַכט, ווען פּאָלאָניעצקי האָט זיך דערנענטערט צום הויף אין קושעמיען. אין דעמדאָזיקן דאָרף, וווּהין די מוטער זיינע, אַ ווייטע קרובה פונעם היינטיקן באַלעבאָס פון קושעמיען, האָט אים געפלעגט פירן אויף וואַקאַציע, איז ער געווען בסך־הכל צוויי מאָל. פּאָלאָניעצקי האָט איצט זיך באַמיט צו דערמאָנען זיך די געגנט, ס׳איז אים אָבער אָנגעקומען שווער. באַנאַכט, אינעם שיין פון דער לבנה, האָט אַלץ באַקומען גאָר אַן אַנדער אויסזען. איבער די גראָזן, לאָנקעס און גרודעס איז נידעריק געלעגן אויסגעשפּרייט אַ ווייסער נעפּל, וואָס האָט די גאַנצע געגנט פאַרוואַנדלט אין אַן אין־סופיקע אָזיערע. דידאָזיקע אָזיערע איז נאָכמער פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך די כאָרן פרעש, וואָס האָבן זיך געלאָזט הערן אינעם נעפּל. ס׳איז געווען אַ יולי־נאַכט, זייער אַ מילדע און באַלויכטענע פון דער פולער לבנה. מינוטנווייז, בשעת די פרעש פלעגן אַנטשוויגן ווערן, האָט מען געקענט הערן וואַכטלען, וואָס האָבן זיך געשפּילט אויפן טוי. צייטנווייז ווידער האָט פונדערווייטן, ווי פון אונטער דער ערד, פון די זומפּיקע

סטאַוון אַרויס, וואָס זענען געווען פאַרשטעלט פון די אַלכעס. אָפּגערופן זיך אַ קול פון אַ באַנק.

פּאָלאָניעצקי האָט נישט געקענט בייַשטיין דעם כישוף פון דער דאָזיקער נאַכט. זי איז אים געווען עפּעס היימיש און די היימישקייט האָט ער געפילט נאָכמער דערפאַר, ווייל ער פלעגט פריער זעלטן-ווען קומען אַהיים, און ערשט מיט צוויי יאָר צוריק האָט ער אויף שטענדיק זיך אומגעקערט פון אויסלאַנד, ווו ער האָט פאַרבראַכט זיין ערשטע יוגנט און שפּעטער זיך אָפּגעגעבן דעם מסחר. איצט, בשעת ער איז אַרייַנגעפאָרן אין דעם שווייגנדיקן דערפל, האָט ער זיך דערמאָנט אָן זיינע אייגענע קינדער-יאָרן, וואָס ער האָט געדענקט אַ דאַנק דער מוטער זיינער, וועלכע האָט שוין פינף יאָר נישט געלעבט אין צוליב דעם, וואָס די עגמת-נפשן און דאגות פון זיין קינדהייט האָבן לגבי די היינטיקע, אויסגעוויזן אים ממש, ווי שטותים.

ענדלעך איז די בריטשקע אַרייַנגעפאָרן אין דערפל אַריין, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ צלם, וועלכער איז געשטאַנען אויף אַ זאַמדיק בערגל. דער צלם האָט זיך שוין שטאַרק איינגעבויגן און געדראָט מיט איינפאַלן. פּאָלאָניעצקי האָט געדענקט דעם צלם דערפאַר, ווייל מען האָט דאָ בשעתו מקבר געווען אַ געהאָנגענעם, וועלכן מען האָט געפונען אין שכנותדיקן וואַלד און לייטן פלעגן שפּעטער מורא האָבן דאָרט אַרומצוגיין באַנאַכט.

נאָכן צלם האָבן זיך אָנגעהויבן די ערשטע כאַטעס. לייטן זענען שוין געשלאָפן. אין קיין איין פענסטער האָט זיך נישט געלויכטן. ווו מען האָט נאָר אַ וואָרף געטון מיטן אויג, האָבן געפינקלט אויפן נאַכטישן פאָן בלויז די דעכער, וואָס זענען געווען פאַרגאָסן מיט לבנה-שיין און אינם דאָזיקן גלאַנץ אויסגעזען זילבערן און גרוי. אַ טייל כאַטעס זענען געווען באַשמירט מיט וואַפּנע און געגלאַנצט העל-גרין, אַנדערע ווידער פאַרבאָרגן אין קערשנגערטלעך, אין געדיכטעניש פון סלאָמיעשניקעס, אָדער צווישן שטעקעלעך צוקער-באָב, האָבן קוים-קוים זיך אַרויסגעזען פון שאָטן. אויף די הייף האָבן געבילט די הינט, אָבער ווי פון חלום אַרויס,

ווי זיי וואָלטן געענטפערט אויפן קוואַקען פון די זשאַבעס, צום שפּילן פון די וואַכטלען, פון די באָנקעס און די אַלע מינים קולות, מיט וועלכע עס רופט זיך אָפּ אַ זומער-נאַכט און וואָס מאַכן נאָך שטאַרקער דעם איינדרוק פון דער שטילקייט.

די ברישקע איז, רוקנדיק זיך פּאַמעלעך איבערן זאַמדיקן וועג, סוף כּל סוף אַרייַנגעפאָרן אין אַ פינסטערע אַלשע אַריין, וועלכע איז געווען דאָ און דאָרט באַשפּריצט מיט שימער, וואָס האָט זיך דורכגעריסן דורך די בלעטער. עק אַלעע האָבן געפּייפט די נאַכט-סטרוזשעס. באַם סאַמע סוף האָט ווייס זיך אָנגעזען אַ פּריצישער הויף מיט עטלעכע באַלויכטענע פענסטער. בשעת די ברישקע האָט אָנגעהויבן רוישן פאַרן גאַנעק, איז פון הויז אַרויס אַ יינגל, אַ באַדינער, וואָס האָט פּאָלאָניעצקין גענומען העלפן אויסשטייגן. אַ חוץ דעם האָט זיך דערנענטערט דער נאַכט-סטרוזש מיט צוויי ווייסע הינט, ווייזט אויס, זייער יינגע און מילדע, מחמת, אָנשטאָט צו בילן, האָבן זיי אָנגעהויבן זיך לאַשטשען און אַרויפכאַפּן זיך אויפן גאַסט, אַרויסווייזנדיק לכבוד אים אַזאַ גרויסע פרייד, אַז דער סטרוזש האָט געמוזט מיט אַ שטעקן איינצוימען זייער השתפכות-הנפש.

דאָס יינגל האָט אַראָפּגענומען פון דער ברישקע פּאָלאָניעצקיס זאַכן, ער אַליין ווידער האָט אין אַ ווייל צרום זיך שוין געפונען אין עסצימער, וווּ עס האָט געוואַרט אויף אים טיי. באַ איין וואַנט איז געשטאַנען אַ בופעט פון ניסנהאָלץ, דערלעבן דער זייגער מיט גרויסע וואַגעס און מיט אַ קוקו, אין דער צווייטער זייט צוויי געמיינע פּרויען-פּאָרטרעטן אין קליידער פון אַכצנטן יאָר-הונדערט, אינדערמיט ווידער אַ טיש, וואָס איז געדעקט געווען מיט אַ ווייס טישטוך, אַרומגערינגלט מיט שטולן, מיט הויכע פּרענטשעס. דאָסדאָזיקע צימער, העל באַלויכטן, פול מיט פּאַרע, וואָס האָט געגעצט פון סאַמאָוואַר, האָט אויסגעזען גאַנץ געמיטלעך און פריילעך.

פּאָלאָניעצקי האָט אָנגעהויבן שפּאַנען לענגויס דער שטוב, דאָס סקריפּען פון זיינע אייגענע שטיוול האָט אים אָבער אין

דערדאָזיקער שטילקייט געאַרט, איז ער דעריבער צוגעגאַנגען צום פענסטער און אַרויסגעקוקט דורך דער שויב אויפן הויף, וואָס איז געווען באַלויכטן פון דער לבנה. דאָרט האָבן די זעלבע צוויי ווייסע הינט, וואָס זענען אים מיט אַזאַ התלהבות אַנטקעגנגעקומען, זיך איינס נאָך דאָס אַנדערע געיאָגט.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט די טיר פון שכנותדיקן צימער זיך געעפנט און ס׳איז אַרײַן אַ יונג מענטש, וואָס פּאָלאָניעצקי האָט משער געווען, אַז דאָס איז די טאָכטער פון באַלעבאָס פון קושעמיען, פון זיין צווייט ווייב. תיכף, ווי ער האָט זי נאָר דערזען, איז ער אַרויס פון פענסטער-פּראַמוגע און דערנענטערנדיק זיך מיט זיינע סקריפּענדיקע שטיוול צום טיש, זיך פאַרנייגט און אָנגערופן זיין פאַמיליען-נאָמען.

דאָס מיידל האָט אויסגעצויגן צו אים די האַנט און אַ זאָג געטאָן:

— מיר האָבן פון דער דעפּעשע געוווּסט וועגן אייער קומען. דער טאַטעשי איז עפּעס נישט געזונט און האָט געמוזט זיך לייגן אין בעט אַרײַן, מאָרגן אָבער וועט אים גרויס הנאה טון אייך צו זען.

— נישט מיין שולד, וואָס כ׳בין אַזוי שפּעט געקומען — האָט געענטפערט פּאָלאָניעצקי, — דער צוג קומט אָן קיין טשערניאָוו ערשט עלף אַ זייגער.

— און פון טשערניאָוו קיין קושעמיען איז נאָך גאַנצע צוויי מייל וועגס. דער טאַטע האָט מיר געזאָגט, אַז איר זייט דאָ שוין נישט דאָס ערשטע מאָל.

— כ׳פלעג דאָ אַהערקומען מיט דער מאַמען, ווען איר זענט נאָך אויף דער וועלט נישט געווען.

— כ׳ווייס, איר זענט דעם טאַטנס אַ קרוב.

— איך בין הער פּאָלאָניעצקיס ערשטער פרויס קרוב.

— דער טאַטע האָט זייער ליב משפחה, אפילו די ווייטסטע — האָט געענטפערט דאָס מיידל.

זי האָט אָנגעהויבן אָנגיסן טיי, אָפּיאָגנדיק פון צייט צו

צייט מיט דער צווייטער האַנט די פּאָרע, וואָס האָט געזעצט פון סאַמאָוואַר און פאַרשטעלט איר די אויגן.

בשעת דער שמועס האָט זיך איבערגעריסן, האָט מען געקענט הערן בלויז דאָס קלאַפּן פונם זייגער. פּאָלאָניעצקי, וועלכן ס'האָט אינטערעסירט יינגע פרויען, האָט זיך צוגעקוקט צו פריילין פלאַוויצקאַ. דאָס איז געווען אַ פּערזאָן פון מיטעלן ווּקס, אַ גאַנץ שטאַלטנע, מיט טונקעלע האָר און אַ מאַט געזיכט, אָבער עפּעס ווי אַן אויסגעלאָשנס, מיט אַ ברוסט אַ ביסל אַן אָפּגעברענטע פון דער זון, בלויע אויגן און פראַכטפולע ליפּן. בכלל איז עס געווען אַ געזיכט פון אַן איידעלער און רויִקער פרוי. פּאָלאָניעצקי, וועלכן זי האָט אויסגעוויזן נישט קיין מיאוסע, אָבער אויך נישט קיין שיינע, האָט געטראַכט, אַז זי איז גאַנץ באַחנט, אַז ס'קען זיין, זי איז אַ גוטע און אַז אונטער דערדאָזיקער נישט איבעריק גלענצנדער אויסערלעכקייט, קען זי פאַרמאָגן אַ סך אַזעלכע מיני־מעלות, וואָס עס האָבן געווייגטלעך דאָרפישע מיידלעך. הגם ער איז געווען יינג, האָט אים דאָס לעבן אויסגעלערנט איין אמת, אַז אין כלל גענומען, ווען מען דערקענט פרויען נענטער, געווינען זיי דערביי, מאַנסלייט ווידער — פאַרלירן. ער האָט אויך געהערט וועגן פריילין פלאַוויצקאַ, אַז די גאַנצע ווירטשאַפט אין קושעמיען, איבעריקנס כמעט לחלוטין אַ חורבה, ליגט אויף איר קאָפּ און אַז דאָס איז איינע פון די אַרבעטזאַמסטע נפשות אויף דער וועלט. לגבי דידאָזיקע דאגות, וואָס זענען אויף איר געלעגן, האָט זי אין זיינע אויגן אויסגעזען רויִק און מילד. אַ חוץ דעם האָט ער געטראַכט, אַז מסתמא ווילט זיך איר שלאָפן, מען האָט עס געקענט צוזען אפילו אין אירע אויגן, וואָס האָבן זיך נישט ווילנדיק געזשמורעט אַנטקעגן דער שיין פונם הענגל־לאָמפּ.

דער עקזאַמען וואָלט בכלל געווען פאַר איר דורך גינסטיק, ווען דער שמועס זאָל נישט האָבן צוגעגאַנגען אַ ביסל שווערלעך. דאָס האָט זיך אָבער דערקלערט דערמיט, וואָס זיי האָבן זיך דאָס ערשטע מאָל אין לעבן געזען. אַ חוץ דעם האָט זי אים אויפגענומען איינע אַליין, וואָס דאָס האָט אַ יינג מיידל געקענט שטעלן אין אַ פאַרלעגנהייט. לסוף, האָט זי געוווּסט, אַז פּאָלאָניעצקי איז

געקומען צו זיי נישט מיט אַ באַזוך, נאָר נאָך געלט. אינדעראמתן איז עס טאַקע אַזוי געווען. די מוטער זיינע האָט מיט זייער אַ לאַנגער צייט צוריק אַוועקגעגעבן עטלעכע און צוואַנציק טויזנט רובל אויף דער היפּאָטעק פון קושעמיען, וועלכע פּאָלאָניעצקי האָט איצט געוואָלט אָפּנעמען, ראשית דערפאַר, וואָס מען האָט לאַנג געלאָזט וואַרטן מיטן פּראָצענט, והשנית צוליב דעם, וואָס זייענדיק אַ שותף צו אַ האַנדלס־הויז אין וואַרשע, האָט ער געמאַכט פאַרשידענע געשעפטן און זיך גענייטיקט אין מזומנים. ער האָט פאָרויס געהאַט מיט זיך אָפּגעמאַכט, אויף קיין שום הנחות נישט איינצוגיין און זייגס אָן שום טענות ומענות אַרויסצובאַקומען. אין אַזעלכע מיני עסקים איז אים שטענדיק דער עיקר בעגאַנגען אין אַרויסווייזן זיך אַלס אַן עקשן. בטבע איז ער אפשר גאָר אַזעלכער נישט געווען, ער האָט אָבער געמאַכט זיך פונם עקשנות אַ פּרינציפּ און אגב אורחא אַ פראַגע פון אייגנליבע. צוליב דעם טאַקע פלעגט ער אָפטמאָל צופיל דעריגען מגזם זיין, ווי דער שטייגער איז בײַ מענטשן, וואָס רעדן זיך עפּעס איין.

דעריבער האָט ער איצט אפילו, ווען ער האָט געקוקט אויף דעם סימפּאַטישן, אָבער ווייזט אויס שלעפעריקן מיידל, אויף צו־להכעיס דעם מיטגעפיל, וואָס האָט זיך נישט ווילנדיק אין אים געוועקט, בײַ זיך געחזרט:

— אַלץ איז טאַקע גאַנץ פיין, אָבער באַצאָלן וועט איר מוזן.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער אַ זאָג געטון:

— כ'האָב געהערט, אַז איר פאַרנעמט זיך דאָ מיט אַלץ: איר האָט ליב ווירטשאַפט?

— איך האָב זייער ליב קושעמיען — האָט זי געענטפערט.

— איך האָב אויך ליב געהאַט קושעמיען, ווען כ'בין געווען אַ יינגל. אָבער באַלעבאַטעווען דאָ וואָלט איך נישט געהאַט קיין חשק. אַזעלכע שווערע באַדינגונגען...

— שווערע, שווערע... מיר טוען אַלץ, וואָס מיר זענען נאָר בכוח.

— דאָס הייסט, איר אַליין טוט אַלץ, וואָס איר קענט.

— איך העלף צו דעם טאַטען, וואָס איז אָפּט אַ בעל־מיחוש.

— איך בין נישט קיין מבין אויף די זאַכן. ווי איך הער אָבער און זע, קום איך צום באַשלוס, אַז ס'רוב ערד־באַזיצער האָבן זיך נישט וואָס צו פאַרלאָזן אויף דער צוקונפט.

— מיר פאַרלאָזן זיך אויפן אייבערשטן.

— דאָס איז אַן ענין, מען קען אָבער קיין בעל־דברס צו אים נישט אַפּשיקן.

פריילין פלאָוויצקאַס פּנים האָט זיך אינגאַנצן פאַרוויטלט, אוןביידע זענען אין פאַרלעגנהייט אויף אַ רגע אַנטשוויגן געוואָרן.

פּאָלאָניעצקי האָט דאַמאָלס צו זיך אַ זאָג געטון:

— פאַרפאַלן, קוים האָסטו אָנגעהויבן, זאָלסטו גיין ווייטער.

און ער האָט געזאָגט:

— איר וועט דערלויבן צו דערקלערן אייך דעם ציל פון מיין קומען.

דאָס מיידל האָט געוואָרפן אויף אים אַ בליק, פון וועלכן פּאָלאָניעצקי האָט געקענט אַרויסלייענען: ביסט נאַר־וואָס געקומען, שפּעט איז, איך אַליין, קוים וואָס איך לעב פון מידעקייט — ווי האָט עס דיך די פּשוטע איידלקייט נישט איינגעהאַלטן פון אָנהייבן אַט־אָ־דעם שמועס".

אויפן קול אָבער האָט זי געענטפערט:

— איך ווייס צוליב וואָס איר זענט געקומען, ס'איז אָבער אפשר גלייכער, איר זאָלט רעדן דערפון מיטן טאַטען.

— גוט; אַנטשולדיקט — האָט געענטפערט פּאָלאָניעצקי.

— איך אַנטשולדיק זיך פאַר אייך. מענטשן האָבן רעכט צו מאָנען, וואָס זיי קומט און איך בין דערצו שוין געוווינט. היינט איז אָבער שבת; און שבת איז דאָ אַזוי פיל אַרבעט. אויבעריקנס, אין אַזעלכע מיני ענינים, פאַרשטייט איר. . . צייטנווייז,

אז עס פאָרן זיך אָן יידן, קום איך מיט זיי אַליין דורך... אָבער דאָס מאָל וואָלט איך ליבערשט וועלן, איר זאָלט רעדן מיטן פּאָ־טער. ס'וועט אונדז ביידע זיין לייכטער.

— אַלזאָ, ביז מאָרגן — האָט אַ זאָג געטון פּאָלאָניעצקי, וועלכן ס'האָט אויסגעפּעלט דרייסטקייט צו זאָגן, אַז אין געלט־זאַכן וואָלט ער וועלן באַהאַנדלט ווערן ווי אַ ייִד.

— אפשר וועט איר דערלויבן נאָך טיי?

— ניין. אַ דאַנק. אַ גוטע נאַכט.

און אויפשטייענדיק, האָט ער דערלאַנגט איר די האַנט; דאָס מיידל האָט אים דערלאַנגט אירע, אָבער אַ סך ווייניקער האַרציק, ווי צום קבלת־פּנים, אַזוי, אַז ער האָט קוים אָנגע־רירט די שפּיץ־פינגער.

אוועקגייענדיק, האָט זי אַ זאָג געטון:

— דער באַדינער וועט אייך אָנווייזן דאָס צימער...

פּאָלאָניעצקי איז געבליבן אַליין. ער האָט געפילט אַ בילס אַ ווידערטעם און איז געווען נישט צופרידן פון זיך אַליין, הגם ער האָט נישט געוואָלט זיך דערינגען מודה זיין. ער האָט אפילו זיך אָנגעהויבן איינרעדן, אַז זיין האַנדלונג איז געווען אַ גוטע, מחמת ער איז נישט אַהערגעקומען פאַרווען דאָ קיין העפלעכקייט, נאָר מאָנען געלט. וואָס גייט אים דאָרט אָן פריילין פּלאַוויצקאַ; זי איז אים גאָנץ עגאַל. אויב זי וועט אים האַלטן פאַר אַ גראָבן יונג, מילא איז אוודאי גוט, ווייל דער שטייגער איז, אַז וואָס אומאָנ־בענעמער ס'איז דער בעל־דבר, אַלץ גיכער וויל מען זיינע פּטור ווערן.

דער ווידערטעם איז אָבער געווען שטאַרקער פון דעם שכל, מחמת עפּעס אַ שטים האָט אים געזאָגט, אַז דאָס מאָל גייט נישט בלויז אינעם העפלעכקייט, נאָר פּשוט אין אַ ביסל רחמנות אויף אַ פאַרמאַטערטער פרוי. ער האָט דערביי געפילט, אַז באַ־גייענדיק זיך אַזוי שאַרף, באַפרידיקט ער בלויז זיין פּאָזע, אָבער בשום אופן נישט זיין האַרץ, נישט זיין איינגעבוירענעם אינ־סטינקט.

ער איז אויך אין כעס געווען אויף פריילין פלאַוויצקאַ, נאָכמער דערפאַר, וואָס בעצם איז זי אים געפעלן. פונקט ווי אינם פאַרשלאָפענעם דערפל, פונקט ווי אין דער לבנה-נאַכט, האָט ער אין דעם מיידל געפונען עפעס היימישס, עפעס אַזוינס, וואָס ער האָט בחנם געזוכט בײַ די אויסלענדישע פרויען. און דאָס האָט אים אויפגערעגט נאָך אַ סך מער, ווי ער אַליין האָט זיך עס געקענט ריכטן. מעגסטן שעמען זיך אָבער אָפטמאָל מיט זייערע אייגענע געפילן. פּאָלאָניעצקי האָט זיך געשעמט אָפט מיט זיין אויפרעגונג, ער האָט דעריבער באַשלאָסן זיך צו פירן ווי אַן אכזר, און אָן שום רחמנות צודריקן דעם אַלטן פלאַוויצקין.

בינו לבינו האָט דאָס יינגל אים אַריינגעפירט אין שלאָפצימער. פּאָלאָניעצקי האָט אים תיכף משלח געווען און געבליבן איינער אַליין. ס'איז געווען דאָס זעלבע צימער, וואָס אַמאָל, בשעת ער פלעגט באַם ערשטן ווייבס לעבן, אַהערקומען מיט זיין מוטער. עס האָבן אים ווידער באַהערשט די זכרונות. די פענסטער זענען אַרויסגעגאַנגען אין גאָרטן, נאָך וועלכן ס'איז געווען אַ סטאַוו. אינם וואַסער האָט זיך געשפיגלט די לבנה — און דעם סטאַוו האָט מען איצט בעסער אָנגעזען, ווי אַמאָליקע צייטן, ווען ס'האָט אים פאַרשטעלט אַן אַלטער יעשנבוים, וואָס אַ שטורעמווינט האָט געמוזט אומוואַרפן, מחמת אויפן אָרט האָט איצט אַרויסגעסטאַרטשעט בלויז אַ קאָרטש, פון אויבן פריש אָפגעבראָכן. ס'האָט געמאַכט אַן איינדרוק, ווי די לבנה-שיין וואָלט זיך צונויפגעזאַמלט אויפן קאָרטש, וועלכע האָט זייער שטאַרק געגלאַנצט. דאָס אַלץ צוזאַמען האָט געמאַכט אַן איינדרוק פון געוואַלטיקער רו. פּאָלאָניעצקי, וואָס האָט אין שטאָט אינגאַנצן געלעבט מיט משא-ומתן, און אין כסדרדיקער אָנשטרענגונג פון אינטעלעקטועלע און פיזישע כוחות, האָט נישט ווילנדיק דערפילט די שטימונג פונם דאָרף, וואָס רינגלט אים אַרום, פונקט ווי מען פילט אַ וואַרעמע וואַנע נאָך אַ גרויסער אַרבעט. ס'האָט אים אָנגעהויבן לייכט ווערן. ער האָט געפרוווט טראַכטן וועגן זיינע עסקים, וועגן דעם, ווי אַזוי זיי וועלן זיך ענדיקן, צי וועט ער באַקומען ריווח אָדער היזק, לסוף וועגן זיין שותף ביגעל און וועגן דעם, ווי אַזוי ער

זעט זיך דאָרט אַן עצה געבן אָן אים — אָבער בחנם. אַנשטאָט דעם האָט ער געטראַכט וועגן פריילין פלאָוויצקאַ. הגם איר פּער־זאָן האָט אויף אים געמאַכט אַ גוטן איינדרוק, איז ער דאָך גע־בליבן צו איר גאַנץ גלייכגילטיק, שוין בלויז דערפאַר, וואָס ער האָט נאָר־וואָס זיך געהאַט מיט איר באַקאַנט. זי האָט אים אָבער פאַר אינטע־רעסירט אַלס אַ טיפּ. ער איז אַלט געווען אַ יאָר עטלעכע און דריי־סיק; איז געווען אַלזאָ אינם עלטער, ווען דער אינסטינקט טרייבט דעם מאַנסביל ממש מיט אַן אומברחמנותדיקער קראַפט צו בילדן אַ היים, נעמען אַ ווייב און שאַפן אַ משפחה. דער גרעסטער פּעסי־מיזם איז אָנמעכטיק לגבי דעמדאָזיקן אינסטינקט; ס'העלפט נישט קיין קונסט, נישט קיין אַנדערע לעבנס־אויפגאַבן. דעריבער טאַקע האָבן מיזאַנטראָפּן חתונה, נישט קוקנדיק אויף זייער פילאָזאָפיע, קינסטלער, נישט קוקנדיק אויף זייער קונסט און בכלל די אַלע, וואָס האַלטן אין איין טענהן, אַז זיי גיבן זייערע צילן אָפּ נישט די האַלבע, נאָר די גאַנצע נשמה. די אויסנאַמען באַשטעטיקן בלויז די מסקנא, אַז אַ כלל קען מיט קיין קאָנווענציאָנעלן ליגנט נישט לעבן און קעגן די שטרעמונגען פון דער נאַטור נישט גיין. ס'רוב האָבן נישט חתונה בלויז אַט אַ־די, וואָס זייער מניעה דערצו איז געווען די זעלבע קראַפט, וועלכע איז מזווג־זיווגים. דאָס הייסט די, וואָס די ליבע האָט זיי פשוט פאַראַטן. פונדאַנען נעמט זיך טאַקע, וואָס דאָס בלייבן אַן אַלטער בחור איז על פי רוב, אויב נישט תמיד, אַ באַהאַלטענע טראַגעדיע.

פלאַניעצקי איז לעולם קיין מיזאַנטראָפּ נישט געווען, אויב נישט קיין מענטש, וואָס פריידיקט שיטות קעגן חתונה־האָבן. פאַר־קערט: ער האָט גראָד יאָ געוואָלט נעמען אַ ווייב און איז געווען איבערצייגט, אַז ער דאַרף עס דווקא טון. ער האָט געפילט, אַז עס איז געקומען אויף אים די צייט, האָט ער דעריבער געזוכט אַרום זיך אַ פרוי. פון דאַנען האָט אויך געשטאַמט דער גרויסער אינטערעס, וואָס ס'האָבן געוועקט אין אים פרויען און דער עיקר מיידלעך. הגם ער האָט עטלעכע יאָר פאַרבראַכט אין פראַנקרייך און אין בעלגיע, האָט ער באַ קיין ווייבלעך קיין ליבע נישט גע־זוכט, סיידן שוין באַ גאָר לייכטע. ער איז געווען אַ לעבעדיקער

און אַקטיווער מענטש, וואָס האָט געהאַלטן, אַז פירן ליבעס מיט ווייבלעך איז אַן עסק בלויז פאַר ליידיקגייער און אַז בכלל איז דאָס באַלאַגערן פרעמדע ווייבער מעגלעך דאָרט, ווו מענטשן האָבן זייער אַ סך געלט, ווייניק אָרנטלעכקייט און לחלוטין גאָרנישט וואָס צו טון, ובכן אין געזעלשאַפטן, ווו ס'איז פאַראַן פון לאַנג-אָן אַ רייכער קלאַס, וועלכער איז בראשו ובריבוא אַריינגעטון אין פוסט און אין אויסגעלאַסן לעבן. ער אַליין איז באמת געווען זייער פאַרנומען. היות אָבער ער האָט געוואָלט ליב קריגן, כדי חתונה צו האָבן, האָבן אין אים, הן פסיכישן, הן פיזישן אינטערעס אַרויסגערופן גאָר מיידלעך. פלעגט ער טרעפן אייגע אַזעלכע אויף זיין וועג, האָט ער ראשית און פון דער ערשטער רגע אָן זיך געשטעלט די שאלה: צי נישט אָט-אָ-די אַמאָל!", אָדער לכל הפחות: „צי נישט אַזעלכע אַמאָל?" איצט האָבן די מחשבות זיינע זיך געדרייט אויף דעמזעלבן אופן אַרום פריילין פלאַוויצקאַ. פריִער האָט ער שוין אַ סך זיך געהאַט וועגן איר אָנגעהערט פון אירס אַ קרובה, וואָס וווינט אין וואַרשע — געהערט גוטס, אַפילו רירנדיקס, איצט איז אים געקומען פאַר די אויגן איר שטיל, מילד געזיכט. ער האָט זיך דערמאַנט אָן אירע הענט, זייער שיינע מיט לאַנגע פינגער, הגם אַ ביסל אָפּגעבערענטע; אירע טונקל-בלויע אויגן און דאָס קליינע שוואַרצע חן-פינטעלע איבער איר מויל. ס'איז אים אויך געפעלן איר שטים. הגם ער האָט געהאַט מיט זיך אָפּגעמאַכט, אויף קיין שום הנחות נישט איינצוגיין און דאָס זייניקע זיך אָפּצונעמען, איז ער דאָך געווען אין כעס אויפן מזל, וואָס האָט אים געבערענגט צו פירן קיין קזשעמיען בתורת אַ בעל-דבר. רעדנדיק מיט זיך אַליין אויפן סוחרישן לשון, האָט ער אין האַרצן געהזרט: דער סאָרט איז אַ גוטער, כ'וועל אָבער נישט „רעפלעקטירן" — מחמת נישט צוליב דעם בין איך דאָ אַהערגעקומען.

דאָך האָט ער יאָ „רעפלעקטירט" און דערצו אַזוי ווייט, אַז בשעתן אויסטון און לייגן זיך, האָט ער אַ לאַנגע צייט נישט געקענט איינשלאָפן. די הענער האָבן אָנגעהויבן קרייען, די שויבן בלאַס און גרין צו ווערן, ער אָבער האָט אַלץ נאָך אונטער די

פאַרמאַכטע וויעס געזען פריילין פלאַוויצקאַס לויטערן שטערן, איר חן-פינטעלע איבערן מויל און די הענט, וואָס גיסן אָן טיי. שפּעטער ווען דער שלאָף האָט אים גענומען פּייניקן, האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער האָט דידאָזיקע הענט אין זיינע און ציט זיי צו זיך צו. אויף צומאָרגנס האָט ער זיך שפּעט אויפ-געכאַפּט אין דערמאַנענדיק זיך אָן פריילין פלאַוויצקאַ אַ טראַכט געטון: „אַהאַ! דאָס זעט זי אַזוי אויס!“

## II.

אויפגעוועקט האָט אים אייגנטלעך דאָס ייִנגל, וואָס האָט אים געבראַנגט צו טראָגן קאַווע און גענומען די זאַכן אויסצופּוצן. בשעת ער איז מיט זיי צוריקגעקומען, האָט אים פּאָלאַניעצקי אַ פרעג געטון, צי איז אין דעם הויז נישט קיין מנהג זיך צוזאַמענצוקומען אין עסצימער אויף פרישטיק.

— ניין, — האָט געענטפערט דאָס ייִנגל, ווייל דאָס פריילין הייבט זיך אויף פרי און דער עלטערער פריץ ווידער שלאָפט לאַנג.

— דאָס פריילין האָט זיך שוין אויפגעהויבן?

— דאָס פריילין איז אין קאָשטשאָל.

— אמת: היינט איז זונטיק. דאָס פריילין פאָרט נישט צוזאַמען מיטן עלטערן פריץ?

— ניין; דער עלטערער פריץ פאָרט אויף דער שפּעטערער תפילה, טרעט אָפּ אַגב באַם קאַנאָניק, דעריבער איז דער פריילין באַקוועמער צו פאָרן צו דער פרימאָרגן-תפילה.

— וואָס-זשע טוען די באַלעבאַטים זונטיק?

— זיי זיצן אינדערהיים. אויף מיטאָג קומט צו פאָרן הער גאָנטאָווסקי.

דעמדאָזיקן גאָנטאָווסקי האָט פּאָלאָניעצקי געקענט נאָך אַלס יינגל. דאַמאָלס האָט ער אים גערופן „בערעלע", מחמת ער איז געווען אַ דיק יינגל, אַן אומגעלומפּערטער און אַ מרוק דערצו. דער באַדינער האָט דערקלערט, אַז הער גאָנטאָווסקיס פאָטער איז געשטאָרבן מיט אַ יאָר זעקס צוריק און דער יונגער פּריץ פירט אַליין די ווירטשאַפט אין שכנותדיקן יאַבּאָשיקאָוו.

— און קומט אַהער יעדן זונטיק? — האָט אַ פרעג געטון פּאָלאָניעצקי.

— צייטנווייז אויך אינמיטן דער וואָך אין אָוונט.

— אַ חתן! — האָט אַ טראַכט געטון פּאָלאָניעצקי!

און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער געפרעגט:

— דער עלטערער פּריץ האָט זיך שוין אויפגעהויבן?

— דער פּריץ האָט מסתמא געקלונגען, ווייל יוזעף איז צו אים אַוועק.

— וואָסער יוזעף?

— דער קאַמערדינער.

— און דו וואָס ביסט?

— איך בין זיין געהילף.

— גיי-זשע, טו זיך אַ פרעג, ווען מען וועט קענען זיך זען מיטן פּריץ.

דאָס יינגל איז אַוועק און אין אַ ווײַלע אַרום זיך אומגעקערט צוריק.

— דער עלטערער פּריץ האָט געהייסן זאָגן, אַז ער וועט זיך אָנטון, וועט ער אַרייַנבעטן.

— גוט.

— דאָס יינגל איז אַוועק. פּאָלאָניעצקי איז געבליבן איינער אַליין און געוואַרט, אָדער ריכטיקער געזאָגט, גאַנץ היפּש זיך געלאַנגווײַלט. לסוף האָט ער פאַרלוירן דאָס געדולד און האָט שוין בדעה געהאַט אַרויסצוגיין אין גאָרטן אַריין, ווען דערדאָזיקער

יוזעף איז אים געקומען מידיע זיין, אַז דער עלטערע" פריץ בעט אים צו זיך.

ער האָט אים דורכן פאָרהויז אַריינגעפירט אין צימער אַריין, וואָס האָט זיך געפונען אין דער צווייטער זייט הויז. פּאָלאָניעצקי איז אַריין אַהין און בשעת מעשה פלאַוויצקין נישט דערקענט. ער האָט אים געדענקט אַלס אַ מאַנסביל אין די בליענדיקע יאָרן און אַלס זייער אַ שיינעם, איצט אָבער איז געשטאַנען פאַר אים אַן אַלטער מאַן מיט אַ געריבצלט פנים, ווי אַ געבראָטענער אַפּל, אויף וועלכן די קליינע געשוואַרצטע וואָנסעלעך האָבן בחנם זיך באַמיט צו מאַכן אַן אָנשטעל פון יינגקייט. הן זיי, הן די שוואַרצע, אַן אַ זייט פאַרקעמטע טשופּרינע, האָבן בלויז עדות געזאָגט, ווען די עד-היום נאָך נישט פאַרלאָשענע פּרעטענזיעס.

הער פלאַוויצקי אָבער האָט צעשפּרייט די אָרעמס:

— סטאַך! וואָס מאַכסטו, בחור טייערער! קום אַהער!

און אָנבייזנדיק אויף זיין ווייס וועסטל, האָט ער אַרומגענומען פּאָלאָניעצקיס קאָפּ און צוגעדריקט אים צו דער ברוסט, וואָס האָט שנעל געאָטעמט.

דאָס צודריקן אים האָט געדויערט אַ לאַנגע ווײַלע, פאַר פּאָלאָניעצקין אפילו אַ ביסל אַ צו לאַנגע. ענדלעך האָט הער פלאַוויצקי אַ זאָג געטון:

— לאָמיך-זשע זיך צוקוקן צו דיר. אַננאַ אויסן אויג! מיין ליבע אַננאַ! מיין ליבע אַננאַ!

און הער פלאַוויצקי האָט זיך צעכליפּעט, דערנאָך מיט דעם קליינעם פינגער צוגעדריקט די רעכטע ווּיע, אויף וועלכער עס איז קיין טרער איבעריקנס נישט געווען — און געחורט:

— אַננאַ אויסן אויג!... דיין מאַמע איז תמיד געווען באַ מיר די בעסטע און פריינטלעכסטע קרוב".

פּאָלאָניעצקי איז געשטאַנען אַנטקעגן אים אַ צעמישטער, אַ ביסל אַ פאַרשיכורטער הן פון קבלת-פנים, אויף וועלכן ער האָט זיך לגמרי נישט געריכט, הן פון ריח פונם פּיקסאַטור פודער און כלערליי פאַרפומען, מיט וועלכע הער פלאַוויצקיס פנים, וואָנסן און וועסטל האָבן געשמעקט.

— וואָס מאַכט דער פעטער? — האָט ער ענדלעך אַ פרעג געטון, מיינענדיק, אַז דערדאָזיקער טיטל וואָס ער האָט הער פלאָוויצקין געגעבן אין די קינדער־יאָרן, וועט צום בעסטן זיין צוגעפאַסט צו דער שטימונג און צום היינטיקן פייערלעכן קבלת־פנים.

— וואָס איך מאַך! — האָט איבערגעחזרט הער פלאָוויצקי — שוין נישט קיין סך, נישט קיין סך! דעריבער טאַקע בין איך נאָך מער האַרציק מקבל־פנים באַ זיך אין הויז... פאָטערלעך... און אויב די ברכה פון אַ מענטש, וואָס שטייט שוין באַם קבר און איז דער עלטסטער מיטגליד פון דער משפחה, האָט עפעס אַ ווערט אין דיינע אויגן, גיב איך זי דיר.

און צרומכאַפנדיק נאָכאַמאָל פאָלאָניעצקיס קאָפ, האָט ער אים אַ קוש געטון און איבערגעצלמט. דער יינגערמאַן האָט זיך נאָך מער צעטומלט און אויף זיין פנים האָט זיך באַוויזן אַן אויסדרוק פון צוואַנג. די מוטער זיינע איז געווען הער פלאָוויצקיס ערשטער פרויס אַ פריינדין און אַ קרובה. מיט אים אַליין האָט זי קיינמאָל, אויף וויפיל ער געדענקט, קיין האַרציקע באַציונגען נישט געהאַט, דעריבער איז די פייערלעכקייט פונם קבלת פנים, צו וועלכער ער האָט בעל־כרחו זיך געמוזט צופאַסן, געווען אים גאָר וואַלטיק אומאָנגענעם. פאָלאָניעצקי אַליין האָט בנוגע צו פלאָוויצקין די מינדסטע משפחה־נאָענטקייט נישט געפילט און אין האַרצן דעריבער געטראַכט: „די מאַלפע בענטשט מיך, אָנשטאָט צו געבן געלט" — און עפעס אַ כעס האָט אים באַהערשט, וואָס האָט אים געקענט צונויץ קומען באַם אַוועקשטעלן קלאָר דעם ענין. בינו־לבינו האָט פלאָוויצקי אַ זאָג געטון:

— איצט זעץ זיך, בחור טייערער, — און זיי ווי באַ זיך אינדערהיים.

פאָלאָניעצקי האָט זיך אַנידערגעזעצט און אָנגעהויבן רעדן:

— ליבער פעטער, ס'איז מיר זייער אָנגענעם צו באַזוכן דעם פעטער; כ'וואָלט עס אוודאי געווען געטון, ווען כ'זאָל אפילו נישט האָבן קיין ענין צו אייך, אָבער דער פעטער ווייסט, איך בין געקומען וועגן דעם ענין, וואָס די מאַמע מיינע...

דאַ האָט פּלאַוויצקי פּלוצלינג צערויפגעלייגט די האַנט אויף זיין קני:

— און קאַווע האָסטו געטרונקען? — האָט ער אַ פרעג געטון.

— געטרונקען — האָט געענטפערט פּאַלאַניעצקי, אַן אַראָפּגעפירטער פון וועג.

— מחמת מאַריניאַ פּאָרט אינדערפרי אין קאָשטשאָל אַריין. אַנטשולדיק מיר אויך, וואָס כ'האָב דיר נישט אָפּגעטרעטן מיין צימער. איך, אַלטער מאַן, האָב זיך צוגעוווינט דאָ צו שלאָפן, דאָס איז מיין נעסט...

זאָגנדיק דאָס, האָט ער מיט אַ קיילעכדיקער באַוועגונג פון דער האַנט אים אָנגעוויזן אויפן צימער.

פּאַלאַניעצקי האָט נישט-ווילנדיק אַ קוק געטון נאָך דער באַוועגונג פון דער האַנט, אַמאָל האָט ער דאָסדאָזיקע צימער ממש באַגערט צו האָבן, מחמת דאָרט איז געהאָנגען הער פּלאַוויצקיס כלי-זיין. פון די אַמאָליקע צייטן האָבן אין אים זיך געביטן בלויז די טאַפּעטן, וואָס זענען איצט געווען ראָז מיט אַן אומגעהייערער צאָל פּאָסטישקעס, אָנגעטון אַלאַ וואַטאָ, וואָס כאַפּן פיש מיט אַ ווענטקע. באַם פענסטער איז געשטאַנען אַ טואַלעטטישל, ווייס געדעקט, מיט אַ שפּיגל אין זילבערנעם ראַם, אָנגעשטעלט מיט אַ סך סלאָיקלעך, פּודעלעך, פלעשעלעך, בערשטלעך, קעמלעך, זעגעלעך צו די נעגל וכדומה. דערלעבן אין אַ ווינקל אַ ליולקע-געשטעל מיט בורשטינענע ציבעקענע קעפּ; אויף דער וואַנט, איבער דער סאָפע, אַ קאָפּ פון אַ ווילד חזיר, אונטער אים צוויי דובל-ביקסן, אַ טאַש, פייפעלעך און בכלל יעגער-מכשירים; אין אַלע זייטן פול גראַטעס, מער אָדער ווייניקער נייטיקע, וואָס זאָגן עדות, אַז דער באַוווינער פון דעם צימער איז די אַקס, אַרום וועלכער אַלץ אינם הויז דרייט זיך און אַז ער גופא האָט זיך זייער שטאַרק ליב. מיט איין וואָרט, ס'איז געווען אַ צימער פון אַן אַלטן בחור, אַן עגאָיסט, וועלכער דאגהט וועגן דער קלענסטער זאַך, וואָס איז נוגע זיינע באַקוועמלעכקייטן און איז פול מיט פרעטענזיעס. פּאַלאַניעצקי האָט נישט באַדאַרפט האָבן קיין

געוואַלטיקן מוח, כדי תופס צו זיין, אַז פּלאַוויצקי וואָלט פאַר כּל-הון-דעלמא זיין צימער נישט אָפּגעטרעטן.

דער גאַסטפּריינטלעכער באַלעבאָס האָט אָבער ווייטער גע-פרעגט:

— ס׳איז דיר געווען דאָרט געגוג באַקוועם? ווי איז דיר דורך די נאַכט?

— אַ דאַנק; אויסגעצייכנט; כ׳האָב זיך פרי אויפגע-הויבן.

— וועסט דאָך אוודאי פאַרבלייבן באַ מיר א וואָך צייט?

פּאָלאָניעצקי, וואָס איז בטבע געווען אַ לעבעדיקער, האָט אויף דער שטול זיך אַ הייב געטון.

— דער פעטער ווייסט מסתמא, אַז כ׳האָב אין וואַרשע גע-שעפטן און אַ שותף, וואָס גיט איצט איינער אַליין אַכטונג אויף דער גאַנצער אַרבעט, כ׳מוז דעריבער וואָס פריער זיך אומקערן און כ׳וואָלט גערן היינט נאָך דערליידיקן דעם ענין, צוליב וועלכן כ׳בין אַהערגעקומען.

דערויף האָט פּלאַוויצקי מיט אַ געוויסן האַרציקן ערנסט זיך אָנגערופן:

— ניין, מיין בחור׳ל, היינט איז זונטיק, א חוץ דעם זענען די משפחה-געפילן ביילכער פאַר געשעפט. היינט באַגריס איך דיך און נעם דיך אויף, ווי אַ קרוב — מאָרגן, אויב דו ווילסט, וועס-טו אַרויסטרעטן, ווי אַ בעל-דבר. אַזוי איז די מעשה. היינט איז צו מיר געקומען מיין סטאַך, מיין אַננאַס זון! ביז מאָרגן! אַזוי מוז עס זיין, סטאַך. דאָס זאָגט דיר אַן עלטערער קרוב, וואָס האָט דיך ליב און פאַר וועלכן דו ביסט עס מחויב צו טון.

פּאָלאָניעצקי האָט זיך אַ ביסל איינגערינצלט, אָבער אין אַ ווײַלע אַרום אַ זאָג געטון:

— זאָל שוין זיין ביז מאָרגן.

— איצט האָט פון דיר אַרויסגערעדט אַננאַ. רייכערסט צ[illegible] ליולקע?

— ניין. איך רייכער באַר פּאַפּיראָסן.

— גלייב מיר, דו טוסט אן עוולה. כ'האָב אָבער פאַר געסטס וועגן פּאַפּיראָסן אויך.

דעם ווייטערדיקן שמועס האָט איבערגעריסן דאָס גערויש פון אַ קאָטש, וואָס איז צוגעפאָרן צום גאַנעק.

— דאָס איז מאַרינאַ געקומען פון דער פרימאָרגן-תּפילה — האָט אַ זאָג געטון פלאַוויצקי.

פּאָלאָניעצקי האָט אַ קוק טוענדיק אין פענסטער דערזען אַ ראָז מיידל אין אַ שטרויענעם הוט, וואָס איז אויסגעשטיגן פון קעטשל אַרויס.

— האָסטו זיך באַקענט מיט מאַרינאַן? — האָט אַ פרעג געטון הער פלאַוויצקי.

— כ'האָב געהאַט דאָס פאַרגעניגן — נעכטן.

— אַ טייער קינד! כ'דאַרף דאָך דיר נישט דערציילן, אַז איך לעב בלויז פאַר איר...

באותו הרגע האָט זיך געעפנט די טיר און אַ יונגע שטים האָט אַ פרעג געטון:

— מען קען?

— מען קען, מען קען. סטאַך איז דאָ הינען. — האָט געענטפערט הער פלאַוויצקי.

מאַרינאַ איז שנעל אַריין אינם הוט, וואָס איז געווען אַריבערגעוואָרפן מיט בענדער איבער די אַקסל, און אַרומעמענדיק דעם פאָטער, דערלאַנגט פּאָלאָניעצקין די האַנט. אינם ראָזן, פּערקאַל-קליידל האָט זי אויסגעזען אומגעווייטלעך שטאַלטנע און שיין. זי האָט געהאַט אין זיך אַ שטיק זונטיקדיקע שטימונג און דערביי עפּעס פונם פרימאָרגן-פרישקייט, וואָס איז געווען קלאָר און לויטער. די האָר אירע זענען געווען אַ ביסל צעשויבערט פונם הוט, די באַקן פאַרויטלט — ס'האָט געשפּריצט פון איר יונגקייט. זי האָט היינט אויסגעוויזן פּאָלאָניעצקין אי פריילעכער, אי שענער ווי נעכטן.

— דאָס גאָט-דינסט וועט היינט פאַרקומען אַ ביסל שפּעטער — האָט זי אַ זאָג געטון צום פאָטער — ווייל דער קאַנאָניק איז תּיכף נאָך דער פרימאָרגן-תּפילה געפאָרן אין מיל אַריין דיספּאָ-

נירן די סיאַטקאָווסקאַ. עס האַלט מיט איר זייער שמאָל. דער טאַטע האָט נאָך צייט אַן ערך אַ האַלבע שעה.

— גוט. — האָט געענטפערט פלאַוויצקי — בינו-לבינו וועסטו זיך נענטער באַקענען מיט סטאַך פּאָלאָניעצקין. כ׳זאָג דיר, אַננאַ אויסן אויג! דו האָסט דאָך אָבער זי קיינמאָל נישט געזען, געדענק, מאַריניאַ, אַז מאָרגן, אויב ער וועט וועלן, וועט ער זיין אונדזער בעל-דבר, אָבער היינט איז ער בלויז אונדזער קרוב און אורח.

— גוט, — האָט דאָס מיידל אָפּגעענטפערט — וועלן מיר היינט האָבן אַ פריילעכן זונטיק.

— איר האָט אייך אַזוי שפּעט נעכטן געלייגט שלאָפן — האָט אַ זאָג געטון פּאָלאָניעצקי — און היינט זענט איר שוין געווען אויף דער פרימאָרגן-תפילה.

זי האָט פריילעך געענטפערט:

— צו דער פרימאָרגן-תפילה קום איך צוזאַמען מיטן קוכער, כדי מיר זאָלן דערנאָך האָבן צייט אַ טראַכט צו טון וועגן מיטאָג.

— כ׳האָב נעכטן פאַרגעסן אייך צו דערציילן — האָט געזאָגט פּאָלאָניעצקי — אַז איך האָב געבראַכט צו פירן פאַר אייערטוועגן אַ גרוס פון פרוי עמיליאַ כוואַסטאָווסקאַ.

— כ׳האָב עמילקין שוין נישט געזען אַנדערטהאַלבן יאָר, מיר שרייבן צו זיך אָבער גאַנץ אָפט, זי האָט בדעה צו פאָרן קיין רייכנהאַל, צוליב דער קליינער אירער.

— זי איז געווען אָפּגעפאָרן.

— און וואָס מאַכט די קליינע?

— לגבי אירע צוועלף יאָר איז זי צו הויך-געוואַקסיק און זייער בלוט-אָרים. זי זעט נישט אויס צו זיין אַ זייער געזונטע.

— איר קומט אָפט צו עמילקען?

— גאַנץ אָפט, דאָס איז באַקאַנט מיין איינציקע באַקאַנטשאַפט אין וואַרשע. אַ חוץ דעם, האָב איך פרוי עמיליאַן זייער ליב.

— זאָג מיר, בחור מיינער, — האָט אַ פרעג געטון הער

פלאָוויצקי, אַראָפּנעמענדיק פון טיש אַ פּאָר נייע הענטשקעס און אַריינלייגנדיק זיי אין בוזעם-קעשענע. — מיט וואָס פאַרנעמסטו דיך אייגנטלעך אין וואַרשע?

— איך בין דאָס, וואָס מען רופט אָן „אַפּעריסט". איך האָב בשותּפות מיט איינעם ביגעל אַ האַנדלס-קאָמיסיאָנעריש הויז. איך שפּעקולירט מיט תּבואה, מיט צוקער, אַמאָל מיט וואַלד, מיט וואָס עס לאָזט זיך.

— בחשבֿ כ'האָב געהערט, אַז דו ביסט אַן אינזשיניער.

— איך בין אַ טעכניקער, כ'האָב אָבער נאָך מיין אומקערן זיך נישט געקענט געפינען קיין אַרבעט אין קיין שום פאַבריק, האָב איך זיך געוואָרפן אויף מסחר, בפרט נאָך, אַז כ'האָב דערי-נען געהאַט עפּעס אַ שטיקל ידיעה, ווייל אין שותּפות בין איך שוין געווען אַ יאָר פיר, הגם די געשעפטן האָט געפירט ביגעל איינער אַליין. מיין אַמתדיק פאַך איז גאָר פאַרבערייי.

— וואָס זאָגסטו? — האָט אַ פרעג געטון הער פלאָוויצקי.

— פאַרבערייי.

— ס'איז אַזעלכע צייטן היינט, אַז צו אַלעם מוז מען זיך כאַפּן. — האָט אַ זאָג געטון מיט ווערדע הער פלאָוויצקי — איך האַלט עס גאָרנישט פאַר קיין עוולה, אָבי מען היט נאָר אָפּ די אַמאָליקע ערלעכע משפּחה-טראַדיציעס — באַפלעקט קיין שום אַרבעט נישט דעם מענטש.

פּאַלאַניעצקי איז, דערזעענדיק דאָס מיידל, געוואָרן גוט גע-שטימט. הער פלאָוויצקיס גראָיסמוטיקייט האָט איר פּלוצלינג שטאַרק אָנגעהויבן ווייל, — און צעלאַכנדיק זיך, האָט ער בשעת-מעשה אַנטפּלעקט זיינע געזונטע ציינער און געענטפערט:

— מילאַ, געלויבט איז גאָט.

פרוילין מאַרינאַ האָט זיך אויך צעלאַכט און אַ זאָג געטון:

— עמילקאָס, וואָס האָט אייך זייער ליב, האָט מיר געשריבן אַמאָל, אַז איר פירט אייערע געשעפטן אויסגעצייכנט.

— אין דעם פּרט איז בלויז שלעכט מיט ייִדן, ווייטער איז די קאָנקורענץ אַ לייכטע. אָבער אפילו מיט ייִדן, אויב מען גיט נאָר נישט אַרויס קיין אַנטיסעמיטישע מאַניפעסטן און מען טוט

ויך רויק ס׳זייניקע, קען מען אויך דורכקומען. וואָס שייך פרוי־עמילאַ, האָט זי אַזאַ השגה וועגן געשעפט, פונקט ווי די קליינע ליטקאַ.

— יאָ, זי איז קיינמאָל נישט געווען פּראַקטיש, ווען נישט דעם מאַנס ברודער, הער טעאָפיל כוואַסטאָווסקי, וואָלט זי געווען פאַרלוירן איר גאַנץ פאַרמעגן. הער טעאָפיל האָט אָבער זייער ליב ליטקאַן.

— ווער האָט עס ליטקאַן נישט ליב? איך אַליין גיי דער ערשטער פאַר איר אויס. ס׳איז אַזאַ מאָדנע און טייער קינד, כ׳זאָג אייך, אַז כ׳האָב צו איר ממש אַ חולשה.

פריילין מאַרינאַ האָט אַ קוק געטון אויפמערקזאַם אויף זיין אויפריכטיק, לעבעדיק פנים, און אַ טראַכט געטון:

— ער מוז זיין אַ ביסל אַ כעסן, אָבער אַ גוט האַרץ האָט ער.

הער פלאוויצקי האָט דערווייל אַ זאָג געטון, אַז ס׳איז שוין צייט צום גאַסט-דינסט און זיך גענומען אַזוי געזעגענען מיט פריילין מאַרינאַ, ווי ער וואָלט זיך געלאָזט אין וועג אַריין לכל-הפחות אויף עטלעכע חדשים. דערנאָך האָט ער זי אָפּגעצלמט און גענומען דעם הוט. דאָס מיידל האָט אַ דריק געטון שטאַרק פּאַלאַניעצקיס האַנט, ווי אינדערפרי בשעתן באַגריסן, ער ווידער האָט אַריינשטייגנדיק אין קאָטש אַריין, באַ זיך געחזורט:

-- אָ, זי איז זייער שיין! זייער באַחנט...

נאָך דער אַלעע, דורך וועלכע פּאַלאַניעצקי איז נעכטן גע־האָט געקומען, איז די קאָטש אַרויס אויף אַ ברייטן וועג, וואָס איז בלויז ערטערווייז געווען פאַרזעצט מיט אַלטע און צעפוילטע בזשאַזעס, וועלכע זענען געשטאַנען אָפּגערוקט נישט אַלעמאָל גלייך איינס פון דאָס אַנדערע. פון איין זייט האָט זיך געצויגן אַ קאַרטאָפל-פעלד, פון דער צווייטער זייט איין גרויסער ליין מיט קאָרן מיט שווערע און איינגעבויגענע זאַנגען, וואָס האָבן געמאַכט אַן איינדרוק, ווי זיי וואָלטן שלאָפן אין דער רויקער און מיט זון־שיין אָנגעפילטער לופט. צווישן די בזשאָזעס זענען פאַר דער קאָטש דורכגעפלויגן סאָראָקעס און כאַווקעס. פונדערווייטנס האָבן

זיך אָנגעזען דאָרף־שיקסעס, וואָס זענען געגאַנגען דורך די שטעגן, געזונקען ביז אונטער די אָרעמס אין תהום פון תבואה און אין די רויטע טיכלעך אויף די קעפּ, אויסגעזען ווי בלי־ענדיקער מאָן.

— גוט קאָרן — האָט אַ זאָג געטון פּאָלאָניעצקי.

— נישקשה. מען טוט, וואָס עס לאָזט זיך גאָר, און וואָס דער אייבערשטער שיקט צו, דאָס האָט מען. ביסט יינג, מיין טייערער, וועל איך דיר געבן איין התראה, וואָס וועט דיר אין דער צוקונפט צונוץ קומען. טו אַלעמאָל, וואָס עס געהער צו דיר, און ווייטער פאַרלאָז זיך אויף גאָט. ער ווייסט צומבעסטן, וואָס מיר דאַרפן האָבן. דאָס געריכטעניש וועט היי־יאָר זיין אַ גוטס — און כ'האָב עס געוווּסט פאָרויס, ווייל אַז דער אייבערשטער וויל מיך שטראָפן, שיקט ער מיר תמיד אַריין אַ צייכן.

— וואָס אַזוינס? — האָט פּאָלאָניעצקי אַ פאַרחידושטער אַ פרעג געטון.

— וויפיל מאָל עס דאַרף געשען עפּעס בייזס ווייזט זיך מיר נאָך דעם ליולקע־געשטעל — כ'ווייס נישט, צי האָסטו באַמערקט, ווו עס שטייט — עטלעכע טאָג נאָכאַנאַנד אַ מויז.

— עס מוז זיין אַ לאָך אין דיל.

— קיין לאָך איז נישטאָ — האָט ער אַ זאָג געטון הער פּאָלאָניעצקין, צומאַכנדיק די אויגן און שאָקלענדיק געהיימניספול מיטן קאָפּ.

— און ווען מען זאָל אַריינברענגען אַ קאַץ;

— כ'וועל נישט ברענגען, ווייל קוים איז דאָס דעם אייבערשטנס רצון, אַז אַ מויז זאָל זיין פאַר מיר אַ צייכן און אַ וואָרנונג, וויל איך דעם רצון זיך נישט אַקעגנשטעלן. היי־יאָר האָט זיך מיר גאָרנישט נישט געוויזן. כ'האָב געזאָגט דאָס מאַריניאַן... אפשר וויל דער אייבערשטער אויף וועלכן ס'איז נישט אופן ווייזן, אַז ער האָט איבער אונדזער פאַמיליע השגחה. הער, מיין טייערער: כ'ווייס, לייט רעדן, אַז מיר זענען רוינירט, אָדער אין בעסטן פאַל, אַז די עסקים זענען אין דרערד. זאָג־זשע דו אַליין: קושעמיען צוזאַמען מיט די סקאָקיס מיט מאַגערוווקאָ און סוכאָ-

טשין האַלט אַן ערך צוויי־הונדערט און פופציק װלוק ערד. ס׳איז דאָ דערויף אַן ערך זעכציק טויזנט רובל פון דער געזעלשאַפט — מער נישט, און אַ קעגן אַ הונדערט טויזנט היפּאָטעק־חובות, שוין מיט דיין געלט אינאיינעם. לאָמ׳ר רעכענען נישט קיין סך, צו דריי טויזנט רובל אַ װלוק ערד, װעלן מיר האָבן אַ קימא לן פון זיבן הונדערט פופציק טויזנט. סך־הכל אַלזאָ: ניין הונדערט און ניינציק טויזנט...

— ווי הייסט? — האָט פּאָלאָניעצקי איבערגעריסן אַ פאַרחידושטער — רעכנט דער פעטער דעם חוב אַריין אינם פאַרמעגן.

— ווען דאָס גיט זאָל גאָרנישט ווערט זיין, וואָלט מיר קיינער דערויף קיין גראָשן נישט געטרויט, מוז איך דעריבער דעם חוב צורעכענען צום ווערט פונם גיט...

פּאָלאָניעצקי האָט אַ טראַכט געטון: „אַ משוגענער, מיט וועלכן ס׳איז נישטאָ וואָס איינצוטענהן" — און האָט שווייגנדיקערהייט זיך צוגעהערט.

הער פּלאַוויצקי ווידער האָט גערעדט:

מאָגערוווקע האָב איך חשק צו פאַרצעלירן. די מיל וועל איך פאַרקויפן און אין סקאָקי און סוכאָטשין האָב איך אַ מערגעל — ווייסטו אויף וויפיל איך שאַץ אים? אין צוויי מיליאָן רובל.

— דער פעטער האָט אַ קונה?

— מיט צוויי יאָר צוריק איז געקומען עפּעס איינער שאַום און באַקוקט די פעלדער. אמת, ער איז אַוועק, און גאָרנישט דערמאָנט אָן דעם עסק, כ׳בין אָבער זיכער, אַז ער וועט זיך אומקערן. אַז נישט וואָלט זיך מיר געווען באַוויזן אַ מויז היינטערן ליולקע־געשטעל.

— האַ. זאָל ער צוריקקומען.

— ווייסט, וואָס עס קומט מיר אין קאָפּ אַריין? קוים ביסטו אַן „אַפּעריסט", גיב דו זיך אַ נעם צו דעם עסק. זוך אויס עטלעכע שותפים.

— ס׳איז פאַר מיר אַ צו פעט עסק.

— זו ־זשע מיר אויס אַ קונה; כ׳וועל דיר געבן צען פּראָצענט פון ריוח.

— וואָס זאָגט פרײלין מאַריאַ צו דעם מערגעל?

— מאַריניאַ, וואָס מיר מאַריניאַ. אַ גאָלדן קינד, אָבער פאַרט אַ קינד! נאָר זי גלייבט אויך, אַז זיין ליבער נאָמען האָט איבער אונדז השגחה.

— כ׳האָב עס נעכטן פון איר געהערט.

בינו לבינו האָבן זיי זיך דערנענטערט צו וואַנטאַר און צום קאָשטשיאָל, וואָס איז צווישן ליפּעס געשטאַנען אויף אַ בערגל, אונטערן בערגל זענען געשטאַנען איבער צען פּיערישע דראָבּיבאַסטע וועגעלעך, טעלעגע קעטשלעך און ברישקעס.

הער פלאַוויצקי האָט זיך איבערגעצלמט.

— דאָס איז אַנדזער קאָשטשאָלעכל, וואָס דו געדענקסט עס אוודאי. אַלע פלאַוויצקיס ליגן דאָ און איך וועל אויך אינגיכן דאָ ליגן. אין ערגעץ בין איך אַזוי גוט נישט מתפלל, ווי דאָ.

— ווי איך זע, וועט הייגט זיין אַ היפּש ביסל מענטשן, — האָט אַ זאָג געטון פּאָלאָניעצקי.

— ס׳איז דאָ גאָנטאָווסקיס בריטשקע, די זאַזשימסקיס קאָטש, די יאַמישעס קעטשל און נאָך טעלעכע. די יאַמישעס ביסטו מחויב צו געדענקען. זי איז אַן אומגעווייטלעכע פרוי, ער כלומרשט איז אַ גרויסער אַגראָנאָם און כוואַט, אָבער אַ שטרויזאַק, וואָס האָט זי קיינמאָל נישט משיג געווען?

באותו הרגע האָט מען גענומען קלינגען אויף די טורעמלעך פון קאָשטשיאָל.

— מען האָט אונדז באַמערקט, קלינגט מען — האָט אַ זאָג געטון פלאַוויצקי — דאָס גאָט־דינסט וועט זיך תיכף אָנהייבן... כ׳וועל נאָך דער תפילה דיך אַריינפירן צום קבר פון מיין ערשטער פרוי; זיי מתפלל פאַר איר נשמה, ס׳איז דאָך דיין מומע... זי איז געווען, זאָל זי זיין אַ גוטע מליצה, אַן אשה צנועה.

דאָ האָט פלאַוויצקי אויפגעהויבן דעם פינגער, כדי אָפּצווישן דאָס רעכטע אויג, פּאָלאָניעצקי ווידער, האָט וועלנדיק בייטן די שטימונג פונם שמועס, אַ פרעג געטון:

— די פרוי יאַמוש איז אַ מאָל געווען זייער אַ שיינע ? איז עס דיזעלבע ?

הער פלאַוויצקיס פּנים האָט פלוצלינג אויפגעשיינט. ער האָט אויף אַ ווײַלע אַרויסגעשטעקט די שפּיץ צונג פון אונטער די געשוואַרצטע וואָנסעלעך אַפּער, דערנאָך גענומען קלאַפּן פּאָלאַניעצקין איבער די לידקעס און אַ זאָג געטון :

— זי איז נאָך ווערט אַן עבירה, נאָך ווערט, נאָך ווערט...

בינו־לבינו זענען זיי צוגעפאָרן — און גייענדיק אַרום און אַרום דעם קאָשטשיאָל, כדי צו שטופּן זיך צווישן עולם, אַרײַן אין דער זײַטיקער זאַקריסטיע, די פרויען זענען געזעסן אויף די זײַטיקע בענק, תיכף פאַר די סטאַלעס. הער פלאַוויצקי האָט פאַרנומען די קאָלאַטאַרישע באַנק, אויף וועלכער ס'האָבן זיך געפונען די יאַמישעס ; ער, אַ מענטש, וואָס האָט אויסגעזען זייער אַלט, מיט אַן אינטעליגענט און אויסגעמאַטערט פּנים, זי אַ פרוי שוין קרוב צו אַ יאָר זעכציק, אָנגעטאָן כמעט אַזוי, ווי פרײַלין מאַריניאַ, דאָס הייסט, אין אַ פּערקאַל־קליידל און אַ שטרויענעם הוט. הער פלאַוויצקיס העפלעכע באַגריסן און איר ליבנס־ווערדיקער שמייכל, האָבן עדות געזאָגט, אַז זיי זענען צווישן זיך זייער נאָנט און באַציִען זיך איינס צו דאָס אַנדערע מיט אַכטונג. אין אַ ווײַלע אַרום האָט די פרוי, אויפהייבנדיק די לאָרנעטע צו די אויגן, זיך אָנגעהויבן צוקוקן צו פּאָלאַניעצקין, נישט פאַרשטייענדיק משמעות, ווער קען עס באַגלייטן הער פלאַוויצקין. אויף דער הינטערשטער באַנק, הינטער זיי, האָט איינער פון די שכנים, באַנוצנדיק זיך דערמיט, וואָס די תפילה האָט זיך נאָך נישט אָנגעהויבן, געפירט משמעות עפּעס אַ שמועס וועגן געיעג, מחמת ער האָט עטלעכע מאָל איבערגעחזרט פאַרן צווייטן שכן זײַנעם : „מײַנע הינט יאָגן גוט”... דערנאָך האָבן ביידע איבערגעריסן דעם שמועס און אָנגעהויבן אַזוי הויך צו באַרעדן הער פלאַוויצקין און פרוי יאַמוש, אַז פּאָלאַניעצקי האָט יעדעס וואָרט באַזונדער געהערט.

דערנאָך האָט דער גלח אָנגעהויבן די תפילה. די גאַנצע תפילה מיט דעם קאָשטשיאָלעכל האָבן פּאָלאַניעצקין דערמאַנט אָן זײַנע קינדער־יאָרן, בשעת ער פלעגט דאָ זײַן מיט דער מוטער.

גישט ווילנדיק האָט ער זיך גענומען חידושן, ווי ווייט אין דרויסן בייט זיך, אַ חוץ מענטשן, קיין זאַך נישט איבער. אַ טייל טראָגן זיך איבער אויפן עולם-האמת, אַנדערע ווערן געבוירן, אָבער דאָס לעבן בלייבט באַם אַלטן שטייגער און ווער עס קומט, נאָך אַ לאַנגע צייט נישט זיין, פונדערווייטנס, דעם ווייזט זיך אויס, אַז אַלץ, וואָס ער האָט פריער געזען, איז פאַרגעקומען נעכטן. דער קאַשטשיאַל איז געווען דער אייגענער; די באָווע איז געווען פול מיט בלאָנד-קעפ פון פויערים, מיט גרויע סוקמאַנעס, מיט רויטע און געלע טיכלעך און קאַמען אויף די מיידלעכס קעפ; עס האָט, ווי אַמאָל, געשמעקט מיט קטורת, מיט פרישן טאַטאַרעק און מיט מענטשן-אָטעמס. פאַר איינעם פון די פענסטער איז געוואַקסן די זעלבע בזשאָזע, וואָס אירע דינע צווייגלעך האָט דער ווינט, אויפהייבנדיק זיך, געוואָרפן אויפן פענסטער אַרויף און פאַרשטעלנדיק עס, אָנגעפולט דעם קאָשטשיאָל מיט אַ גרינלעכן שיין; בלויז די מענטשן זענען נישט געווען די זעלבע; אַ טייל פון די אַמאָליקע האָבן זיך רויק צעשיט אין שטויב, אָדער גרינען זיך אַרויס דורכן גראָז פון אונטער דער ערד אַפער, די ווידער, וואָס זענען נאָך פאַרבליבן, זענען געווען עפּעס איינגעבויגענע, איינגעהויקערטע, קלענערע, ווי זיי וואָלטן פאַמעלעך זיך אין דער ערד אַריינרוקן. פּאָלאָניעצקי, וועלכער האָט זיך געגרייסט דערמיט, וואָס ער מיידט אויס אַלגעמיינע פּראָבלעמען, און וואָס האָט, אין תוך גענומען, געהאַט אַ נישט-גענוג אַנטפּלעקטן פון דער אַלוועלט אַרויס סלאַווישן קאָפּ, האָט נישט ווילנדיק כסדר מיט זיי זיך פאַרנומען, און איצט אויך געטראַכט, אַז שטאַרקער איז פונדעסטוועגן דער תהום צווישן דער איינגעבוירענער באַ מענטשן גלוסטונג צום לעבן און דעם אומבאַדינגטן טויט. ער האָט אויך געטראַכט, אַז אפשר דאַרפאַר טאַקע גייען פילאָזאָפישע סיסטעמען אונטער, ווי שאָטנס, און די תפילה ווערט אָפּגעריכט, ווי אַמאָל, מחמת זי אַליין בלויז איז מבטיח דעם ווייטערדיקן און כסדרדיקן המשך.

אַליין אויפגעצויגן אין אויסלאַנד, האָט ער נישט שטאַרק געגלייבט אינם המשך, אַלנפאַלס איז ער נישט געווען זיכער אין אים. ער האָט געפילט אין זיך, ווי אַלע הייַנטיקע, בייעסטע מענטשן,

אַ נישט איינגעהאַלטענעם עקל צום מאַטעריאַליזם, קיין אויסגאַנג האָט ער אָבער נישט געפונען; נאָכמער, עס האָט זיך אים אויס־געדאַכט, אַז ער זוכט עס לחלוטין נישט. ער איז געווען אַן אומ־באַוווּסטזיניקער פּעסימיסט, ווי די אַלע, וועלכע זוכן עפּעס, וואָס זיי קענען נישט געפינען. ער האָט זיך פאַרשיכּורט מיט דער אַר־בײַט, צו וועלכע ער האָט זיך גענומען, און בלויז בשעתן גרויסן צופלוס פונם פּעסימיזם, פלעגט ער זיך שטעלן די פראַגע: צוואָס דאַרף מען דאָס אַלץ? צוואָס דאַרף מען מאַכן אַ פאַרמעגן, אַר־בעטן, חתונה האָבן, זיך מערן און פרוכפּערן — קוים ענדיקט זיך אַלץ מיט אָפּגרונט? אָבער דאָס פלעגט געשען בלויז צייטנווייז און איז קיין פּרינציפּ נישט געוואָרן. עס האָט אים מציל געווען דער־פון זיין יוגנט — נישט די ערשטע — אָבער נאָך נישט פאַרלאָ־שענע, די געוויסע גייסטיקע און פיזישע קראַפט, זיין געפיל פון זעלבסטשוץ, געוווינהייט צו אַרבעט, זיין לעבעדיקער כאַראַקטער און ענדלעך די עלעמענטאַרע קראַפט, וואָס שטויסט דעם מאַנסביל אין די אָרעמס פון אַ פרוי. און דעריבער איז ער אויך איצט פון די קינדער־זכרונות, פונם געדאַנק וועגן טויט, פון די ספקות וועגן דעם ציל פון חתונה האָבן, אַריבער טאַקע צו דעם געדאַנק, אַז דאָס ביסל גוטס, וואָס ער פאַרמאָגט אין זיך, האָט ער נישט וועמען אָפּצוגעבן, שפּעטער איז ער אַריבער אויף מאַרינאַ פלאַוויצקאַ, וואָס איר פּערקאַל־קלייד, וועלכעס האָט אַרומגענומען איר יונגן שטאַלט־גען קערפּער, איז נישט אַראָפּ פון זיינע אויגן. ער האָט זיך דער־מאָנט, אַז ווען ער איז אַוועקגעפאָרן האָט אים פרוי עמיליאַ שמייכל־דיק געזאָגט: „אויב איר וועט זיין אין קושעמיען און זיך נישט פאַרליבן אין מאַריניאַן, וועל איך פאַר אייך די טיר פאַרמאַכן“. ער האָט איר מיט גרויס גאווה געענטפערט, אַז ער פאַרט בלויז אויסצאַפּן אַ ביסל געלט און נישט פאַרליבן זיך, אָבער דאָס איז געווען אַ ליגנט. ווען אין קושעמיען וואָלט נישט געווען זיין קיין פריילין פלאַוויצקאַ, וואָלט ער אוודאי געזען, ווי ביז אַהער, הער פלאַוויצקין אָנגעטון געעבראיינטע צרות דורך בריוו, אָדער דורך יו־רידישע אופנים. ער האָט אָבער געטראַכט וועגן איר, ווי זי זעט אויס, שוין אין וועג אפילו און איז געווען מלא חמה, וואָס ער

פאַרט אויך נאָך געלט אייבערעדנדיק זיך גרויס עקשנות אין אַזעל־כע פאַלן, האָט ער באַשלאָסן קודם־כּל זיינס אַרויסצובאַקימען און איז גיכער גרייט געווען צו איבערטרייבן, איידער נישט צו דער־טרייבן אינם אויסגעשטעלטן טערמין. ער האָט זיך דאָס מבֿטיח געווען, דער עיקר דעם ערשטן אָוונט, בשעת מאַריניאַ, הגם זי איז אים געניג געפעלן, האָט נישט געמאַכט אויף אים אַזאַ גרויסן איינ־דרוק, ווי אים האָט זיך געדאַכט, אָדער זי האָט, ריכטיקער גע־זאָגט, געמאַכט אויף אים אַן אַנדערן איינדרוק. היינט אינדערפרי איז זי אים אָבער שטאַרק אַריין אין קאָפּ. „זי איז אַליין, ווי דער פרימאָרגן — האָט ער צו זיך גערעדט — שיין, און ווייסט, אַז זי איז שיין! פרויען ווייסן דאָס תמיד!‟

דידאָזיקע לעצטע אַנטדעקונג האָט אים געמאַכט אַ ביסל אומגעדולדיק, מחמת ער האָט וואָס גיכער חשק געהאַט זיך אומ־צוקערן קיין קזשעמיען, כּדי ווייטער צו באַטראַכטן די פרויען אינם געשטאַלט פון דער, וואָס האָט געוווינט אין קזשעמיען. עפּעס האָט זיך די תּפילה שנעל געענדיקט. הער פּלאַוויצקי איז תּיכּף נאָכן אָפּצלמען זיך אַוועק, מחמת ער האָט געהאַט פאַר זיך צוויי פליכטן: ראשית, מתפּלל צו זיין אויף די קבֿרים פון זיינעביידע פרויען, והשנית צו באַגלייטן פרוי יאַמוש ביז דער קאָטש, און היות ער האָט קיין איינס פון זיי נישט געוואָלט דורכלאָזן, האָט ער זיך געמוזט רעכענען מיט דער צייט. פּאָלאַניעצקי איז צוזאַ־מען מיט אים אַרויס און אינגיכן האָבן זיי זיך געפונען לעבן די שטיינערנע טאָוולען, וואָס זענען אייבע לעבן די אַנדערע געווען איינגעפּאַסט אין דער וואַנט פון קאָשטשיאָל. הער פּלאַוויצ;י האָט אַנידערגעקניט און אַקעגן אַ ווײַלע מיט גרויס כּוונה מתפּלל גע־ווען, דערנאָך האָט ער זיך אויפגעהויבן, אָפּגעווישט די טרערן, וואָס זענען אים באמת געבליבן הענגען אויף די וויִעס, לסוף אָנ־גענומען פּאָלאַניעצקין פאַרן אָרעם און אַ זאָג געטון:

— יאָ! כ׳האָב פאַרלוירן ביידע און מוז לעבן.

דערווייל האָט זיך בײַ דער קאָשטשיאָל־טיר באַוויזן פרוי יאַ־מוש אין דער באַגלייטונג פון איר מאַן, פון די צוויי שכנים, וואָס האָבן פאַר דער תּפילה זי באַרעדט און פונם יונגן הער גאָנטאָוו־

סקי. דערזעענדיק זי, האָט הער פּלאַוויצקי זיך איינגעבויגן צו פּאָ־לאַניעצקין און אים איינגעררוימט אויפן אויער:

— אַז זי וועט אַריינשטייגן אין קאַטש אַריין, זאָלסטו זיך צוקוקן, וואָס פאַר אַ פיס זי האָט נאָך.

אין אַ ווײַלע אַרום האָבן זיי זיך ביידע אָנגעשלאָסן אָן דער געזעלשאַפט; מען האָט זיך אָנגעהויבן פאַרנייגן און באַגריסן. הער פּלאַוויצקי האָט פאַרגעשטעלט פּאָלאַניעצקין, דערנאָך האָט ער, ווענדנדיק זיך צו פרוי יאַמוש, צוגעגעבן מיט אַ שמייכל פון אַ מענטש, וואָס איז איבערצייגט, אַז ער זאָגט עפּעס אַזוינס, וואָס נישט יעדער איינער איז בכוח צו זאָגן:

— מיין קרוב, וואָס איז געקומען צו פאָרן צום פעטער אים טון אַ קוש און... אַ ביס.

— מיר דערלויבן בלויז דאָס ערשטע, אַז נישט וועט ער האָבן מיט אונדז צו טון, — האָט געענטפערט די דאַמע.

— קושעמיען איז אָבער אַ האַרטע זאַך — האָט פּלאַוויצ־קי ווייטער געזאָגט — ער וועט זיך אין אים די ציינער צעברעכן, כאָטש ער איז יונג.

פרוי יאַמוש האָט פאַרזשמורעט די אויגן.

— די לייכטקייט — האָט זי געענטפערט — מיט וועלכער איר שיט אַזוי מיט פונקען... !cèr ironi וואָס מאַכט איר הייִנט?

— איצט פיל איך מיך געזונט און יונג.

— און מאַריניאַ?

— זי איז געווען אויף דער פרימאָרגן־תפילה. מיר וואַרטן אויף אייך אַ זייגער פינף. מיין קליין באַלעבאָסטעלע ברעכט זיך דאָרט דעם קאָפּ איבער דעם אָוונט־ברויט. אַ שיינער טאָג, הייִנט...

— מיר וועלן קומען, אויב מיין נעוראַלגיע וועט מיר דער־לויבן... און אויב דער האַר, מיין מאַן, וועט דערלויבן.

— נו, שכן? ווי האַלט עס? — האָט אַ פרעג געטון פּלאַ־וויצקי.

— תמיד גערן, מהיכי־תיתי! — האָט מיט אַ גערריקטער שטים געענטפערט דער שכן.

— אויב אַזוי au voir! — האָט געענטפערט די פרוי.

און ווענדנדיק זיך צו פּאַלאָניעצקין, אויסגעצויגן צו אים די האַנט.

— ס'האָט מיר הנאה געטון זיך מיט אייך צו באַקענען.

הער פּלאַוויצקי האָט איר דערלאַנגט די האַנט און צוגעפּירט ביזן קעטשל. די ביידע שכנים זענען אויך אָפּגעפאָרן, פּאַלאָניעצקי איז אַקעגן אַ ווײַלע געבליבן אַליין מיט הער גאַנטאָוס־קין, וואָס האָט זיך צוגעקוקט צו אים אומפרייַנטלעך. פּאַלאָניעצקי האָט אים געדענקט אַלס אומגעלומפּערטן יינגל, איצט איז פון דעם בערעלע אויסגעוואַקסן אַ הויכער, אפשר אַ ביסל אַ שווערלעכער אין באַוועגונגען מאַנסביל, אָבער אַ שיינער, מיט שיינע בלאָנדע וואָנסן. פּאַלאָניעצקי האָט נישט אָנגעהויבן מיט אים דער ערשטער צו רעדן, נאָר געוואַרט ביז יענער וועט זיך אָפּרופן, דער אָבער האָט אַרייַנגערוקט די הענט אין די קעשענעס, און עקשנותדיק געשוויגן.

— ער איז געבליבן בײַ די אַלטע מידות זיינע — האָט אַ טראַכט געטון פּאַלאָניעצקי.

און ער האָט דערפילט אַן אַנטיפּאַטיע צו דעם מרוק.

דערווײַל האָט הער פּלאַוויצקי אומקערנדיק זיך פון די יאַמישעס קאָטש, קודם־כל אַ פרעג געטון פּאַלאָניעצקין: „האָסט זיך צוגעקוקט?" — און דערנאָך געזאָגט:

— נו, גאַנטאָש־לעבן, דו וועסט דיר פאָרן אין דיין בריטשקע, ווייל אין דער קאָטש איז פאַרהאַן בלויז צוויי ערטער.

— איך וועל פאָרן מיט דער בריקע, ווייל איך פיר אַ הונט פאַר פרייַלין מאַריאַס וועגן — האָט געענטפערט דער יינגערמאַן.

און פאַרבייגנדיק זיך, האָט ער זיך דערווייטערט. אין אַ ווײַלע אַרום האָט פּלאַוויצקי מיט פּאַלאָניעצקין זיך געפונען שוין אויפן וועג קיין קזשעמיען.

— דער גאַנטאַװסקי איז דאַכט זיך אויך דעם פּעטערס עפּעס אַ קרובֿ? — האָט אַ פרעג געטון פּאָלאַניעצקי.

— קוי, פערד, בייטש־שטעקעלע. זיי זענען גרויסע יורדים. דער, אַדאָלף, האָט איין פאָלװאַרק און אין קעשענע איז פוסט.

— אין האַרץ אָבער מוז נישט זיין פּוסט.

העדר פלאַװיצקי האָט אָנגעבלאָזן די ליפּן.

— איז אָך און װיי צו אים, אויב עס חלומט זיך אים עפּעס. ער איז, קען, זיין אַ גוטער יונג, אָבער אָן עס־האַרץ. נישט קיין דערציִונג, נישט קיין בילדונג, נישט קיין געלט. מאַריניאַ האָט אים ליב — ריכטיקער: זי פאַרטראָגט אים.

— אָ, זי פאַרטראָגט אים.

— זעסטו, די מעשה איז אַזוי: איך בין זיך פאַר איר מקריב און זיך אין דאָרף, זי װידער איז זיך מקריב פאַר מיר און זיצט אויך אין דאָרף. דאָ איז דאָך אַ מדבר. די פרוי יאַמיש איז אַ סך עלטער פאַר איר, קיין ייִנגעלייט זענען גאָרנישט בנמצא, דאָס לעבן איז לאַנגװײַליק, אָבער װאָס קען מען טון? געדענק, בחור מיינער, אַז דאָס לעבן איז אַ קייט פון קרבנות. דעם פּרינציפּ דאַרף מען היטן אינעם האַרץ און אין מוח. דער עיקר אָט־אָ־די, װאָס געהערן צו די ערלעכערע און אַ ביסל אָנגעזעענערע משפּחות, טאָרן אין דעם נישט פאַרגעסן. גאַנטאַװסקי איז באַ אונדז יעדן זונטיק צו מיטאָג — היינט, האָסטו געהערט, פירט ער אַ הונט.

זיי זענען אַנטשװיגן געװאָרן און געפאָרן פּאַמעלעך איבערן זאַמד. די סאָראָקעס זענען פאַרבייגעפלויגן לעבן זיי פון איין בזשאָזע אויף דער צװייטער צו קזשעמיען־צו. הינטער דער קאָטש איז אויף אַ בריטשקע געפאָרן העדר גאַנטאַװסקי, װאָס האָט טראַכטנ־דיק װעגן פּאָלאַניעצקין, אַזוי צו זיך געזאָגט:

— אויב ער װעט זיי װעלן צודריקן בתורת בעל־דבר, װעל איך אים דעם קאָפּ אַרונטערדרייען, אויב בתורת אַ חתן — אויך דאָס אייגענע.

פון קינדװייז אָן האָט ער געפילט אַ שנאה צו פּאָלאַניעצ־קין. אַמאָליקע יאָרן האָבן זיי זיך צייטנװייז געטראָפן און דאַ־

מאָלס האָט פּאָלאָניעצקי געגלעגט פון אים חוזק מאַכן, אָדער אפילו, אַלס עלטערער מיט עטלעכע יאָר פון אים, געפלעגט אים שלאָגן.

לסוף זענען זיי אָנגעקומען און אין אַ האַלבער שעה אַרום זיך אַלע געפונען שוין צוזאַמען מיט פריילין מאַריניאַ אינם עס־צימער באַם טיש. דאָס יינגע הינטל, וואָס גאָנטאָווסקי האָט גע־ברענגט, האָט, אויסנוצנדיק די זכיות פון אַ גאַסט, זיך געדרייט אונטערן טיש, אָדער זיך גאָר אַרויפגעכאַפּט אויף די קני פון די אָנוועזנדיקע מיט גרויס צוטרוי און שמחה, וואָס האָט זיך אויס־געדריקט אין דרייען מיטן עק.

— דאָס איז גאָרדאָן, אַ סעטער — האָט אַ זאָג געטון גאָנ־טאָווסקי — נאָך אַ נאַרעלע, דאָס זענען אָבער קלוגע הונט, וואָס ווערן שטאַרק צוגעבונדן.

— ער איז גאָר אַ שיינער, כ׳דאַנק אייך זייער — האָט געענטפערט פריילין פלאַוויצקאַ, קוקנדיק אויף זיין גלאַנצנדיקער פעל און אויף די געלע פלעקן איבער זיינע אויגן.

— ער איז שוין צופיל חבר־לאַפּ — האָט צוגעגעבן הער פלאַוויצקי, צודעקנדיק די קני מיט אַ סערוועטל.

— אין פעלד זענען אָט פון דעם מין אויך בעסער פון פשוטע סעטערן.

— איר גייט אויף געיעג אויך? — האָט אַ פרעג געטון פּאָלאָניעצקי.

— ניין, כ׳האָב קיינמאָל נישט געהאַט דערצו קיין חשק! און איר?

— איך, ווי אַמאָל. איבעריקנס, וווין איך דאָך אין שטאָט.

— דו קומסט צווישן מענטשן? — האָט אַ פרעג געטון פלאַוויצקי.

— כמעט קיינמאָל נישט. באַ פרוי עמיליאַ, באַ מיין שותף ביגעל, באַ וואַסקאָווסקין, וואָס איז אַ מאָל געווען מיין לערער, און וואָס איז איצט געוואָרן אַ מאָדנע בריאה — און מער נישט.

פאַרשטייט זיך, אַז איך גיי אַמאָל צו מענטשן, ווען כ׳האָב צו זיי אַן ענין.

— דאָס איז נישט גוט, בחור מיינער. אַ יונגער מענטש איז מחויב צו האָבן און אונטערהאַלטן גוטע באַציִונגען צווישן לייטן, בפרט ווען ער האָט דערויף רעכט. דער, וואָס דאַרף זיך שטופּן, איז עפּעס אַנדערש, אָבער דו, אַלס אַ פּאַלאַניעצקי, קענסט אומע־טום פאַרקומען. דאָס זאָג איך דיר. מיט מאַריניאַן האָב איך אויך תמיד דיזעלבע טענות. מיט צוויי יאָר צוריק, ווען זי איז אַלט געוואָרן אַכצען יאָר, האָב איך זי געפירט קיין וואַרשע. דו פאַר־שטייסט דאָך, אַז בחנם טון זיך נישט אַזעלכע זאַכן און דאָס האָט געפאָדערט פון מיין זייט געוויסע קרבנות. נו, וואָס־זשע מיינסטו? זי איז גאַנצע טעג געזעסן באַ פרוי עמיליאַ און זיי פלעגן לייענען ביכער. זי איז געבוירן אַ ווילדע און וועט אַ ווילדע שוין בלייבן: איר מעגט אייך געבן די הענט

— לאָמיר זיך געבן די הענט — האָט פריילעך אויסגעשריגן הער פּאַלאַניעצקי.

זי ווידער האָט שמייכלענדיק אָפּגעענטפערט:

— אַז איך קען בנאמנות נישט, ווייל די זאַך איז גאָר אַנ־דערש: אמת, כ׳האָב געלייענט מיט עמיליאַן ביכער, כ׳פלעג אָבער אָפט פאַרקומען מיטן טאַטן און זיך אָנגעטאַנצט אויף אַ גאַנץ לעבן.

— טוט אייך נאָר נישט קיין נדר.

— ניין, קיין נדר טו איך נישט, נאָר איך בענק נישט.

— האָט איר מסתמא נישט אַרויסגעפירט קיין זכרונות.

— משמעות. ס׳איז בלויז געבליבן באַ מיר נאָר דער זכרון, אָבער דאָס איז גאָר עפּעס אַנדערש.

— דאָס זעט איר, פריילין, פאַרשטיי איך שוין נישט.

— ווייל דער זכרון, דאָס איז אַ סקלאַד, אין וועלכן ס׳ליגט די פאַרגאַנגענהייט, זכרונות קענען אָבער דאַמאָלס געמאָלט זיין, ווען מען גייט אַראָפּ אינעם סקלאַד אַריין עפּעס אַרויסנעמען.

דאָ האָט פריילין מאַריניאַ זיך אַ ביסל איבערגעשראָקן פאַר איר אייגענער דרייסטקייט, מיט וועלכער זי האָט זיך אַ לאָז גע־

טון אין אַ פילאָזאָפישן פירוש איבערן חילוק צווישן זכרון און זכרונות, און האָט זיך גאַנץ שטאַרק פאַרויטלט; פּאָלאָניעצקי ווידער האָט אַ טראַכט געטון:

— זי איז, אי קיין נאַר נישט, אי אַ שיינע.

אויפן קול ווידער האָט ער אַ זאָג געטון:

— און מיר איז עס גאָר אין קאָפּ אַריין נישט געקומען, ס'איז אַזוי טרעפלעך.

און ער האָט זי אַרומגענומען מיט בליקן, פול מיט ליבשאַפט. זי איז באמת געווען זייער שיין, ווייל זי האָט געשמייכלט, אַ ביסל מבולבל צוליב דעם שבח, אָבער אגב אָן אַ סך צופרידענע. זי האָט זיך נאָכמער פאַרויטלט, ווען דער דרייסטער יונגערמאַן האָט אַ זאָג געטון:

— מאָרגן, איידער איך וועל אָפּפאָרן, וועל איך בעטן אָן אָרט... לכל־הפּחות אין סקלאַד.

ער האָט עס אָבער געזאָגט אַזוי פריילעך, אַז מען האָט נישט געקענט אויף אים האָבן קיין תּרעומות און פריילין מאַריניאַ האָט אים אַ ביסל קאָקעטיש געענטפערט:

— גוט, אָבער קעגנזייטיק...

— אויב אַזוי, וואָלט מיר אויסגעקומען צו אָפט צו באַזוכן דעם סקלאַד, איך וואָלט דעריבער ליבערשט געבליבן דאָרט וווינען.

דאָס האָט זיך פריילין פּלאַוויצקאַן שוין אויסגעוויזן צו דרייסט לגבי אַזאַ קורצער באַקאַנטשאַפט, הער פּלאַוויצקי האָט זיך אָבער דערוייל אָנגערופן:

— פּאָלאָניעצקי געפעלט מיר! ער איז מיר ליבער פון גאַנצטאָשן, וואָס זיצט ווי אַ מרוק.

— ווייל איך קען בלויז רעדן פון זאַכן, וואָס לאָזן זיך נעמען אין דער האַנט אַריין. — האָט מיט אַ געוויסן טרויער געענטפערט דער יונגערמאַן.

— נעם־זשע אין דער האַנט אַריין אַ גאָפּל און עס.

פּאָלאָניעצקי האָט אַ שמייכל געטון, פריילין מאַריניאַ ווידער, וואָס האָט רחמנות געקריגן אויף גאַנטאָווסקין, האָט דעם

שמועס אַריבערגעפירט אויף זאַכן, וואָס לאָזן זיך נעמען אין דער האַנט אַריין.

— אָדער זי איז אַ קאָקעטקע, אָדער זי האָט אַ גוט האַרץ — האָט ווידער אַ טראַכט געטון פּאָלאָניעצקי.

הער פּלאַוויצקי ווידער, וואָס האָט משמעות זיך דערמאַנט אָן זיין לעצטן באַזוך אין וואַרשע, האָט אַ פרעג געטון:

— זאָג מיר, סטאַך, בוקאַצקין קענסטו?

— אַ שאלה, דאָס איז דאָך מיינער אַ נענטערער קרוב, ווי דעם פּעטערס.

— די גאַנצע וועלט איז אונדזערע קרובים. בוקאַצקי איז געווען מאַריניאַס פּלייסיקסטער פּאַרטנער באַם טאַנצן. ער האָט מיט איר אויסגעטאַנצט אַלע אָוונטן.

פּאָלאָניעצקי האָט זיך ווידער צעלאַכט:

— און אַלס שכר דערפאַר איז ער אַוועק איבם סקלאַד אַריין, איבם שטויב. נו, אים דאַרף מען כאָטש נישט אָפּשטויבן, ווייל ער גייט אַזוי אַרום זיך אום, אַ שטייגער, ווי דער פּעטער. דאָס איז דער גרעסטער עלעגאַנט אין וואַרשע. וואָס ער טוט? ער איז פּאַרוואַלטער איבער דער פרישער לופט, דאָס הייסט, אַז בשעת ס'איז אַ גוט וועטער, גייט ער, אָדער פאָרט שפּאַצירן. דער־ביי איז ער אַזאַ מאָדנע בריאה, וואָס האָט עפּעס אויסטערלישע קעמערלעך אין מוח. דער מענטש קוקט זיך צו צו אַזעלכע מאָד־נע זאַכן, וואָס קיינער וואָלט מיט זיי זיך נישט פאַרנומען. אייג־מאָל, תיכף נאָך זיין קומען פון ווענעציע, טרעף איך אים און פרעג, וואָס ער האָט דאָרט אַלץ געזען? — האָט ער דערויף מיר געענטפערט: „כ'האָב געזען אויף ריווא דעלי סקיאַוואָני, ווי עס איז געשווומען אַ האַלבע שאָל פון אַן איי און אַ האַלבע ציטרין: זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן איינס אויף דאָס אַנדערע, זיך אָנגעג־רירט, דערווייטערט, דערנענטערט, און לסוף — פּאַף! די האַלבע ציטרין איז אַריין אין דער האַלבער איי־שאָל און זיי האָבן אָנ־געהויבן שווימען צוזאַמען". זע, וואָס מען מיינט האַרמאָניע! צאָט מיט וואָס עס פאַרנעמט זיך בוקאַצקי, כאָטש ער קען אַ סך און איז אַן אמתער מבין אויף קונסט.

— מען זאָגט אויף אים, אַז ער איז זייער אַ פעיקער?

— ס׳קען זיין, ער איז אָבער אַ גאַרנישט. ער מאַכט קאַליע ברויט — און פטור. וואָלט ער כאָטש געווען דערצו אַ פריילעכער, אין אמת גערעדט איז ער דאָך אַ מרה-שחורהניק. דעם עיקר האָב איך פאַרגעסן: ער ליבט זיך דאָך אין פרוי עמיליאַ.

— עמילקע נעמט באַ זיך אַ סך אויף? — האָט אַ פרעג געטון פריילין מאַריניאַ.

— ניין. עס קומען אַהין, איך, וואסקאָווסקי, עס קומט בוקאָצקי, נו, און מאָשקאָ, אַן אַדוואָקאַט, דער, וואָס קויפט אָפּ און פאַרקויפט גיטער.

— זי קען אוודאי אַ סך נישט אויפנעמען, ווייל זי מוז די גאַנצע צייט אָפּגעבן ליטקען.

— טייער קינד, נעבעך — האָט אַ זאָג געטון פּאָלאַניעצקי — גאָט זאָל העלפן, אַז רייכנהאַל זאָל איר כאָטש העלפן!

און זיין פריילעך פנים האָט אין איין רגע פּלוצלינג באַדעקט אַן אמתער צער. איצט האָט פריילין מאַריניאַ אַ קוק געטון אויף אים מיט אויגן פול מיט ליבשאַפט — און ער האָט צום צווייטן מאָל אַ טראַכט געטון:

— ער מוז באמת זיין אַ גוטער.

— העד פּלאַוויצקי האָט אָנגעהויבן רעדן, ווי צו זיך אַליין:

— מאָשקאָ, מאָשקאָ... ער האָט זיך אויך געדרייט אַרום מאַריניאַן. זי האָט אים אָבער נישט ליב געהאַט. וואָס שייך גיטער, זענען איצט אַזעלכע מקחים, אַז גאָט זאָל זיך מרחם זיין.

— מאָשקאָ האַלט, אַז דווקא באַ די באַדינגונגען איז גוט זיי איינצוהאַנדלען.

ביגו-לבינו האָט זיך דאָס מיטאָג געענדיקט און זיי זענען אַריבער אין זאַל אויף קאַווע, וווּ פּלאַוויצקי האָט בשעת מעשה זיך אַ ביסל געמאַכט פריילעך איבער הער גאָנטאָווסקין, וואָס ער פלעגט עס טון אין גוטע מינוטן און וואָס דער יינגערמאַן פלעגט געבען אַריבערטראָגן געהאַלדיק צוליב פריילין מאַריניאַ, אָבער

מיט אַ מינע, וואָס האָט געהייסן: „ע, ווען נישט זי, וואָלט איך דיר אַלע ביינער צעריבן". נאָך דער קאַווע האָט פריילין מאַריניאַ זיך געזעצט צום קלאַוויר און דער פּאַטער האָט זיך געלייגט אַ פּאַסיאַנס. זי האָט געשפּילט נישט זייער פויגלדיק, אָבער איר קלאָרער און רויִקער שטערן האָט זיך שיין אויסגעטיילט איבערן פּולט. אַקעגן פינף אַ זייגער האָט פּלאַוויצקי אַ קוק געטון אויפן זייגע־ל און אַזוי געזאָגט:

— די יאַמ־שעס קומען נישט.

— זיי וועלן נאָך קומען — האָט געענטפערט מאַריניאַ.

ער אָבער האָט כסדר געהאַלטן אין איין קוקן אויפן זייגערל און אַלע ווײַלע מודיע געווען דאָס ביי־עס, אַז די יאַמושעס וועלן נישט קומען. ענדלעך אַרום זעקסן האָט ער אַ זאָג געטון מיט אַ שטים, ווי פון קבר אַרויס:

— ס'האָט געמוזט געשען אַן אומגליק.

פּאַלאַניעצקי איז באותו-רגע געשטאַנען לעבן פריילין מאַריניאַ, וואָס האָט מיט אַ בידעריקער שטים אַ זאָג געטון:

— אָט, אַן אומגליק! דאָרט איז אוודאי גאָרנישט געשען, דער טאַטע אָבער וועט שוין ביזן אָוונט זיין הייַנט אין אַ שלעכטער לוינע.

פּאַלאַניעצקי האָט די ערשטע רגע געוואָלט ענטפערן, אַז פאַר דעם, ווען ער וועט זיך איבערשלאָפן וועט ער אויף צומאָרגנס זיין אין אַ גוטער לוינע, זעענדיק אָבער, ווי דאָס מיידל איז באמת פאַרדאגהט, האָט ער געענטפערט:

— אויף וויפיל איך געדענק, איז עס נישט ווייט: שיקט עמעצן געוויר ווערן, וואָס עס איז געשען.

— אפשר וואָלט איך עמעצן געשיקט, טאַטע?

ער אָבער האָט מיט פאַרדרוס געענטפערט:

— אַ שיינעם דאַנק פאַר דער טובה, כ'וועל אַליין פאָרן.

און טועענדיק אַ קלונג צום דינער, האָט ער געהייסן איינשפּאַנען. דערנאָך האָט ער אַקעגן אַ ווײַלע זיך פאַרטראַכט און אַ זאָג געטון:

— Enfin, אין דאָרף קען אַמאָל געשען, אַז עמעץ זאָל

קומען צו פאָרן און טרעפן די טאָכטער מיינע אײנע אַליין. דאָס איז דאָך גישט די שטאָט. אַ חוץ דעם זענט איר דאָך בחורים. דו, גאַנטאָווסקי, קענסט מיר צונויף קומען, זײַ־זשע אַזוי גוט און פאָר מיט מיר.

— אַן אויסדרוק פון העכסטן אומווילן און אומצופרידנקייט האָט זיך אָפגעשפיגלט אויפן פנים פונם יונגנמאַן. ער האָט אַ פיר געטון מיט דער האַנט איבער זיין בלאָנדער טשופרינע און געזאָגט:

— אויפן ברעג סטאַוו געפינט זיך אַן אַרויסגעצויגענע טשיל־נע, וואָס דער גערטנער קען נישט אַראָפּשטופן: כ׳האָב צוגעזאָגט פריילין מאַריאַן זי אַראָפּצושטופן, דעם פאַרגאַנגענעם זונטיק האָט זי מיך אָבער נישט געלאָזט, ווייל ס׳האָט געגאָסן, ווי פון אַ צעבער.

— גיב־זשע אַ שפרונג און פרוביר, ביז דעם סטאַוו איז אַן ערך דרייסיק טריט, אין אַ פּאָר מינוט אַרום וועסטו צוריקקו־מען.

גאַנטאָווסקי איז בלית־ברירה אַרויס אין גאָרטן, הער פלאַ־וויצקי ווידער האָט, נישט אומקוקנדיק זיך אויף פּאַלאַניעצקין און אויף זיין טאָכטער, געשפּאַנט איבערן צימער אין געהזורט:

— נעווראַלגיע אין קאָפּ, איך ווער מיך, אַז נעווראַלגיע אין קאָפּ; גאַנטאָווסקי, אַז מען וועט באַדאַרפן, קען אַ שפרונג טון צו אַ דאָקטאָר. דער שטרויזאַק, דער קראָט אָן אַן עצה, וואָלט אוודאי נישט געשיקט.

און דאַרפנדיק משמעות אויף עמעצן אויסלאָזן זיין בייז האַרץ, האָט ער, ווענדנדיק זיך צו פּאַלאַניעצקין, צוגעגעבן:

— דו ווייסט גאָרנישט, וואָס פאַר אַ שלימזל דאָס איז!

— ווער אַזוינס?

— דער יאַמוש.

— אָבער טאַטע... — האָט אָנגעהויבן פריילין מאַרי־ניאַ.

הער פלאַוויצקי האָט אָבער נישט געלאָזט זי ענדיקן און מיט וואַקסנדיקן כעס אַ זאָג געטון:

— איך ווייס, עס געפעלט דיר נישט, וואָס זי חייזט אַרויס צו מיר אַ ביסל פריינטשאַפט און זאָרג. לייען דיר הער יאַמושעס לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרטיקלען, גיב אים אָפּ כבוד, שטעל אים דענקמעלער, אָבער מיר דערלויב צו האָבן מיינע סימ-פאַטיעס.

דאָ האָט פּאָלאַניעצקי געהאַט די געלעגנהייט ממש פאַר-חידושט צו ווערן פון פרײלין מאַריניאַס זיסקייט, וואָס איז, אַנשטאָט צו ווערן אומגעדולדיק, צוגעלאָפן צום פאָטער און אַרונטערגעקנדיק דעם שטערן אונטער זיינע געשוואַרצטע וואָנסעלעך, אַ זאָג גע-טון.

— מען וועט באַלד איינשפּאַנען, באַלד, באַלד! אפשר וואָלט איך אויך באַדאַרפט פאָרן, דערווייל זאָל זיך דער מיאוסער טאַטעשי נישט בייזערן, ווייל עס וועט אים פאַר-שאַטן.

הער פּלאַוויצקי, וואָס איז באמת געווען צו איר שטאַרק צוגעבונדן, האָט איר אַ קוש געטון אין שטערן און געזאָגט:

— כ׳ווייס, אַז אין תוך גענומען האָסטו דאָך אַ גוט האַרץ, אָבער וואָס טוט דאָרט ווידער באַנטאַווסקי?

און ער האָט דורך דער אָפענער טיר פון גאָרטן אָנגעהויבן רופן צום יונגנמאַן, וואָס איז תיכף צוריקגעקומען אַ פאַרמאַטערטער און געזאָגט:

— אינדערמיט שטייט וואַסער און ס׳איז צו ווייט אַרויסגע-צויגן: כ׳האָב געפּרוווט און כ׳קען נישט.

— נעם־זשע דאָס היטל און קום, ווייל כ׳הער, אַז מען איז צוגעפאָרן.

אין אַ ווײַלע אַרום איז דאָס יונגע פּאָר געבליבן אַליין.

— דער טאַטע איז געוווינט צו אַ ביסל אַן עלעגאַנטערער געזעלשאַפט, ווי אין דאָרף — האָט אַ זאָג געטון פרײלין מאַרי-ניאַ, — אָבער הער יאַמוש איז זייער אַן אָרנטלעכער און קלוגער מענטש.

— כ׳האָב אים געזען אין קאָשטשיאָל. ער האָט מיר אויס-געוויזן דערשלאָגן.

— אמת, ער איז נישט געזונט, אַ חוץ דעם איז ער שטאַרק פאַראַרבעט.

— יאָ, אַזוי ווי איר.

— ניין, הער יאַמיש פירט די ווירטשאַפט אויסגעצייכנט, אַ חוץ דעם שרייבט ער אַ סך וועגן לאַנדווירטשאַפטלעכע ענינים. ער איז באמת דאָס שיינדל פון אונדזער געגנט. און אַזאַ אָרנטלעכער מענטש דערצו! זי איז אויך זייער אַ ווילע פרוי, אָבער פאַר מיר אַ ביסל איבערגעטריבן.

— אַ געוועזענע שיינקייט!

— יאָ, דאָס איז משפּיע אויף איבערטרייבן, אַגב אויך דאָס בסדרדיקע לעבן אין דאָרף, דורך וועלכן מען ווערט אַ ביסל פאַרזשאַווערט. איך מיין, אַז אין שטאָט ווערן אַלע מאָדנע המצאות פון מענטשן קעגנזייטיק אָפּגעריבן, אין דאָרף ווידער ווערן די מענטשן לייכטער מגולגל אין פּראים. מען געוווינט זיך ביסלעכווייז אָפּ פון געזעלשאַפט, מען בלייבט עפּעס באַם אַלטן אופן פון באַגיין זיך מיט מענטשן, ביז מען הייבט אָן איבערטרייבן. מיר אַלע מוזן זיך אויסווייזן באַ די גרויסשטעטישע אין די אויגן פאַרזשאַווערט און אַ ביסל קאָמיש.

— נישט אַלע. לחלוטין נישט! — האָט געענטפערט פּאָלאָניעצקי — איר למשל, לחלוטין נישט!

— וועט עס מיט דער צייט קומען — האָט זי געענטפערט מיט אַ שמייכל.

— די צייט קען אייך מאַכן אַנדערש.

— באַ אונדז ענדערט זיך עס אַזוי ווייניק — און אויב שוין יאָ, איז מערסטנטייל אויף ערגער.

— אינעם לעבן פון מיידלעך זענען שינויים בכלל פאַרויסצוזען.

— איך וואָלט פריער וועלן, אַז איר זאָלט מיטן טאַטן פריער קענען מאַכן אין אָרדענונג מיט קושעמיען.

— זענען דער טאַטע מיט קושעמיען אַלזאָ די צוויי איינציקע עיקר־צילן אין אייער לעבן?

— יאָ. איך קען אָבער קנאַפּ וואָס העלפן. ווייל איך קען זיך זייער ווייניק אויף עפּעס.

— דער טאַטע, קזשעמיען — און מער קיין זאַך נישט! — האָט איבערגעחזרט פּאָלאָניעצקי.

---

דער שמועס איז אויף אַ ווײַלע איבערגעריסן געוואָרן, נאָכ־דעם האָט מאַריניאַ אַ פרעג געטון פּאָלאָניעצקין, צי וויל ער זיך נישט איבערגיין אינם גאָרטן. זיי זענען אַוועק און אינגיכן זיך געפונען אויפן ברעג פונם סטאַוו. פּאָלאָניעצקי, וואָס האָט אין אויסלאַנד געהערט צו פאַרשידענע ספּאָרט־געזעלשאַפטן, האָט דאָס שיפל, מיט וועלכן גאַנטאָווסקי האָט זיך נישט געקענט קיין עצה געבן, אַ שטויס אַראָפּ געטון אין וואַסער אַרײַן, ס'האָט זיך אָבער אויסגעוויזן, אַז עס איז געלעכערט און מען קען זיך דערינען נישט שיפן.

— אָט איז אַ בײַשפּיל פון מײַן ווירטשאַפט! — האָט שמייכלענדיק אַ זאָג געטון פרײַלין מאַריניאַ. — אין אַלעמען און אומעטום רינט אַרײַן וואַסער. כ'ווייס גאָרנישט, ווי אַזוי זיך צו פאַרענטפערן, ווייל דער גאָרטן און דער סטאַוו געהערן דאָך אויס־שליסלעך צו מיר. איידער מען וועט עס אַראָפּלאָזן, וועלן מיר דאָס שיפל הייסן פאַריכטן.

— כ'וואָלט שווערן, אַז ס'איז נאָך דאָסזעלבע, אין וועלכן מען האָט מיר אַמאָל פאַרווערט זיך צו שיפן, ווען כ'בין נאָך גע־ווען אַ ייִנגל.

— ס'קען גרייטלעך זײַן. האָט איר באַמערקט, אַז זאַכן בייטן זיך אַ סך ווייניקער און דויערן אַ סך לענגער, ווי מענטשן. ס'איז צייטנווייז טרויעריק דערפון צו טראַכטן.

— לאָמיר רעכענען, אַז מיר וועלן דאָס פאַרשימלטע און מיט וואַסער ווי אַ שוואָם אָנגעזאַפּטע שיפל איבערלעבן. אויב ס'איז דאָסזעלבע, וואָס אין מײַנע קינדער־יאָרן, האָב איך דערצו קיין

מזל נישט. אַמאָל פלעגט מען מיך נישט לאָזן דערינען זיך שיפן, איצט ווידער האָב איך זיך צעבלוטיקט די האַנט אָן עפּעס אַ פּאַר־זשאַווערטן טשוואַק.

זאָגנדיק דאָס, האָט ער פון קעשענע אַרויסגענומען אַ טיכל און אָנגעהויבן מיט דער לינקער האַנט אַרומוויקלען דעם פינגער פון דער רעכטער האַנט. ער האָט עס אָבער געטון אַזוי אומגע־שיקט, אַז פריילין מאַריאַ האָט דערזעענדיק דאָס אַ זאָג גע־טון:

— איר וועט אייך אַליין קיין עצה נישט געבן, מען מוז אייך צוהעלפן.

און זי האָט אָנגעהויבן אַרומוויקלען אים די האַנט, וועלכע ער האָט בכיוון פאַמעלעך געדרייט, כדי איר שווערער צו מאַכן די אַרבעט, ווייל ס'איז אים אָנגענעם געווען צו פילן אירע איי־דעלע פינגער לעבן זיינע.

זי האָט באַמערקט, אַז ער שטערט איר און האָט אויף אים אַ קוק געטון, אָבער דיזעלבע רגע, וואָס זייערע בליקן האָבן זיך געטראָפן, האָט זי פאַרשטאַנען די סיבה און האָט אַ פאַרריי... זיך איינגעבויגן, כלומרשט, כדי אויפמערקזאַמער צו בינדן. פאַלאָ־ניעצקי האָט, דערפילנדיק זי נאָענט לעבן זיך, דערפילט אַ וואַרעמ־קייט, וואָס האָט פון איר געשלאָגן, אַז דאָס האַרץ האָט אין אים אויך שטאַרקער אָנגעהויבן קלאַפּן.

— כ'האָב זייער אָנגענעמע זכרונות — האָט ער אַ זאָג גע־טון — פון מיינע אַמאָליקע וואַקאַציעס, איצט אָבער וועל איך פון דאַנען אַרויספירן נאָך אָנגענעמערע. איר זענט זייער אַ גוטע ... ון דערצו ... ינגאַנצן, ווי עפּעס אַ בלום, אין דעם קזשעמיען. אויף מיין וואָרט, אַז כ'בין נישט מגזם.

פריילין מאַריאַ האָט פאַרשטאַנען, אַז דער יינגערמאַן מיינט עס אויפריכטיק. ער איז אפשר אַ ביסל צו דרייסט, אָבער דאָס נעמט זיך גיכער פון זיין איינגעבוירענער לעבעדיקייט, ווי פון דעם, וואָס ער איז מיט איר געבליבן אויג אויף אויג. זי האָט זיך דעריבער נישט באַליידיקט, נאָר אָנגעהויבן כלומרשט אין אַ שפּאַס צו פיקן מיט איר אָנגענעמער, געשטאַלטענער שטים:

— כ׳בעט מיר נישט צו מאַכן קיין קאָמפּלימענטן, ווייל ראשית וועל איך שלעכט אַרומבינדן די האַנט, והשנית וועל איך אַנט־לויפן.

— בינדט־זשע שוין ליבערשט שלעכט צו די האַנט, און בלייבט. ס׳איז אַזאַ שיינער אָוונט היינט.

מאַריניאַ האָט געענדיקט איר אַרבעט מיטן טיכל און זיי־זענען אַוועק ווייטער. דער אָוונט האָט זיך באמת געוויזן צו זיין אַ שיינער. די זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזט, דער סטאַוו, וואָס איז נישט געריגצלט געוואָרן פונם ווינט, האָט געגלאַנצט מיט פייער און גאָלד. פון ווייטן, נאָכן וואַסער, האָבן רויק זיך אָנגעזען אַל־כעס; די נעכטערע ביימער האָבן, אין דער שוין רויט־געוואָרענער לופט, זיך אויסגעטיילט זייער בולט. אויפן הויף, הינטערן הויז, האָבן געררישט די בושלען.

— קזשעמיען איז וויל, זייער ווייל — האָט געחזרט פּאָ־לאַניעצקי:

— זייער — האָט געענטפערט מאַריניאַ.

— איך פאַרשטיי אייער צוגעבונדנקייט צו דעם אָרט. אַ חוץ דעם, אַז מען לייגט אין עפּעס אַריין אַרבעט, בינדט עס נאָכמער צו. איך פאַרשטיי, אַז אין דאַרף קען מען אויך האָבן גוטע מי־בוטן... אָט, למשל, אַצינד. ס׳איז דאָך אַזוי גוט. אין שטאָט כאַפּט אַמאָל אַרום אַ מידעקייט, בפרט נאָך אַזעלכע, וואָס זונקען ביז איבער די אויערן אין חשבונות, אַ שטייגער, ווי איך; און זעגען דערצו נאָך איינזאַם. ביגעל, דער שותף מיינער, האָט אַ ווייב מיט קינדער — דאָס איז גוט! איך אָבער, וואָס? איך זאָג אָפּטמאָל צו זיך: אָט, אַרבעט איך, און וואָס קומט מיר דערפון אַרויס? לאָמיר אָננעמען, כ׳וועל שוין האָבן אַ ביסל געלט — נו, וואָס־זשע וועט זיין ווייטער? — גאָרנישט. דער מאָרגן וועט זיין דער־זעלבער, ווי דער היינט; אַרבעט און אַרבעט! פאַרשטייט איר מיך, אַז אַ מענטש לאָזט זיך אַריין אין עפּעס, אַז ער גייט מיטן אימפּעט, למשל, צו מאַכן געלט, דאַכט זיך אים אויס, אַז דאָס איז דער ציל. ס׳קומען אָבער צייטן, וואָס מיר דאַכט זיך, אַז די מאָד־נע בריאה מיינע, דער וואָסקאָווסקי, איז גערעכט, אַז קיינער, וואָס

זיין פאַמיליען־נאָמען ענדיקט זיך אויף „סקי“ אָדער אויף „וויטש“, איז נישט מסוגל צו פֿאַרדריסן דאָס גאַנצע ליבע און לעבן אין בלייבן בלויז בײַ דעם איינעם. ער זאָגט, אַז אין אונדז איז נאָך צו פֿריש דער זכרון פֿון אונדזער אַמאָליק זיין און אַז די סלאַווען בכלל האָבן אַן אַנדער שליחות. ער איז אַ געוואַלטיק מאָדערנער מענטש, אַ פֿילאָזאָף און אַ מיסטיקער דערצו. איך שפּאַר זיך מיט אים און מאַך וויפֿיל כ'קען נאָר געלט, איצט אָבער, למשל, ווען איך גיי אַזוי מיט אייך אין דעם גאָרטן, דאַכט זיך מיר באמת, אַז גערעכט איז פֿאָרט ער.

זיי זענען אַ ווײַלע געגאַנגען און געשוויגן. די שיין איז געוואָרן וואָס אַמאָל רויטער און זייערע פּנימער זענען ווי אונטערגעטיקט געווען אין רויטן ליכט. פֿרייַנטלעכע קעגנזייטיקע געפֿילן זענען פֿון מינוט צו מינוט אין זיי געוואַקסן. ס'איז זיי געווען זייער רויק און גוט.

פּאָלאָניעצקי האָט עס משמעות געפֿילט, מחמת אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער אַ זאָג געטון:

— פֿרוי כוואַסטאָווסקאַ האָט מיר געזאָגט, און דאָס איז אַן אמת, אַז צו אייך קריגט מען מער צוטרוי און מען ווערט נענטער אין משך פֿון איין שעה, ווי מיט עמעצן אַנדערש אין אַ גאַנצן חודש אַרום. כ'האָב עס איצט פֿעסטגעשטעלט. ס'ווייזט זיך מיר אויס, אַז איך קען אייך שוין אַ צייט, כ'מיין, אַז בלויז אומגעהייער גוטע מענטשן מאַכן אַזאַ איינדרוק.

פֿרײַלין מאַריניאַ האָט דערויף מיט פּשטות געענטפֿערט:

— עמיליקע האָט מיך זייער ליב און דעריבער לויבט זי מיך. ס'זאָל אַפֿילו זיין אַן אמת, וואָס זי זאָגט, האַלט איך פֿונדעסטוועגן, אַז נישט מיט יעדן קען איך זיין דיזעלבע.

— נעכטן האָט איר באמת געמאַכט אויף מיר אַן אַנדערן איינדרוק, — איר זענט אָבער געווען פֿאַרמאַטערט און שלעפֿעריק.

— אַ ביסל.

— פֿאַרוואָס־זשע זענט איר נישט געגאַנגען שלאָפֿן!

דער דינער האָט מיר געקענט מאַכן טיי, איבעריקנס, כ׳וואָלט זיך געוויזן באַגאַנגען אָן דעם אויך.

— ניין, אַזוי ווייניק גאַסטפרייַנטלעך, ווידער, זענען מיר שוין נישט. דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז עמעץ פון אונדז איז אייך מחויב אויפצונעמען. כ׳האָב מורא געהאַט, אַז ער וועט אַליין חשק האָבן צו וואַרטן, און דאָס קען אים פאַרשאַטן, האָב איך אים אַליין פאַרטרעטן.

פּאָלאָניעצקי האָט אַ טראַכט געטון: „אין דעם פרט האָסטו געקענט זיין גאַנץ רויק, ס׳איז אָבער פיין פון דיין זייט, וואָס דו באַשיצט דעם אַלטן עגאָיסט!״

דערנאָך האָט ער אַ זאָג געטון:

— אַנטשולדיקט מיר אויך, וואָס איך האָב תיכף אָנגעהויבן רעדן וועגן געשעפטן. עס איז שוין אַזאַ סוחרישע טבע. איך האָב דערנאָך זיך אַליין געמוסרט: „דו אַזוינער און אַזוינער!״ — און איך בעט אייך פאַרשעמטערהייט איבער.

— נישטאָ פאַרוואָס, ווייל איר האָט גאָרנישט געזינדיקט. מען האָט אייך געזאָגט, אַז איך פאַרנעם זיך מיט אַלץ, האָט איר זיך געווענדט צו מיר.

ביסלעכווייז איז די שקיעה געוואָרן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. אין אַ ווײַלע אַרום האָבן זיי זיך אומגעקערט צום הויז־צו, היות אָבער דער אָוונט האָט זיך געוויזן צו זיין אַ שיינער, זענען זיי געבליבן זיצן אין גאָרטן אויף דער וואַרענדע. פּאָלאָניעצקי איז אַריין אויף אַ רגע אין זאַל, דערנאָך זיך אומגעקערט מיט אַ פּיסבבענקעלע און אַנידערקניענדיק, גענומען עס אַרונטעררוקן אונטער מאַריניאַס פיס.

— אַ דאַנק, אַ שיינעם דאַנק — האָט זי געענטפערט, איינבייגנדיק זיך און אַרומבעמענדיק מיט די הענט איר קלייד — סאַראַ גוטער איר זייט. אַ שיינעם דאַנק.

ער ווידער האָט געזאָגט:

— איך בין בטבע נישט קיין אויפמערקזאַמער, ווייסט

איר אָבער, ווער עס האָט מיך אויסגעלערנט זאָרגעוודיקייט? ליטיאַ. זי דאַרף מען געוואַלטיק אָפּהיטן און פֿרוי כוואַסטאָווסקאַ מוז אין דעם געדענקען.

— און זי געדענקט טאַקע — האָט געענטפֿערט פֿרײַלין מאַריניאַ — און מיר אַלע וועלן איר דערינען צוהעלפֿן. ווען זי זאָל נישט געווען אַרויספֿאָרן קיין רײַכנהאַל, וואָלט איך זי געוועזן פֿאַרבעטן צו זיך.

— און איך וואָלט געקומען נאָך ליטקאַן אָן אַן איינלאַדונג.

— פֿאַרבעט איך אײַך אינעם טאַטנס נאָמען אויף אַלעמאָל.

— זאָגט עס נישט אַזוי לײַכט אַרויס, ווײַל איך וועל גרייט זײַן מיסצוברויכן מיט אײַער העפֿלעכקייט. מיר איז דאָ זייער גוט, און וויפֿיל מאָל ס'וועט מיר ווערן שלעכט אין וואַרשע, — כאַפּ איך זיך אַריבער צו אײַך — אונטער אײַער השגחה...

איצט האָט פּאָלאָניעצקי שוין געוווּסט, אַז מיט זײַנע ווערטער האָט ער בדעה זיך צו דערנענטערן, אָנצוקניפּן קעגנזײַטיקע סימפּאַטיעס. ער האָט עס געזאָגט בכיוון, אָבער אויפֿריכטיק, און בשעת-מעשה געקוקט אויף דעם מילדן יינגן געזיכט, וואָס האָט אַ באַלויכטנס פֿון דער אונטערגייענדיקער זון, אויסגעזען נאָך שענער רויִקער, ווי אַלעמאָל. פֿרײַלין מאַריניאַ האָט דעריבער אויפֿגעהויבן אויף אים אירע בלויע אויגן, אין וועלכע ס'איז געווען עפּעס אַ פֿראַגע: „צי זאָגסטו עס צופֿעליק, אָדער בכיוון?" און געענטפֿערט אַ ביסל שטילער.

— גוט.

זיי זענען ביידע אַנטשוויגן געוואָרן, פֿילנדיק אַז עס הייבט זיי אָן עפּעס צונויפֿקניפּן.

— אַ חידוש, דער טאַטע איז נאָך נישטאָ — האָט ענדלעך אַ זאָג געטאָן פֿרײַלין מאַריניאַ.

די זון איז טאַקע אונטערגעגאַנגען; אינם רויטן בין-השמשות

האָט שטילערהייט אָנגעהויבן זיך צו דרייען א פּלעדערמויז און אינם סטאַוו האָבן זיך אָפּגערופן די פרעש.

פּאָלאָניעצקי האָט אויף דעם מיידלס באַמערקונג נישט גע־ענטפערט און, ווי פאַרזונקען אין זיינע אייגענע מחשבות, אָנגע־הויבן רעדן:

— איך אַנאַליזיר נישט דאָס לעבן, ווייל כ'האָב נישט דע־רויף קיין צייט. איז מיר גוט, ווי למשל איצט, פּיל איך, אַז ס'איז גוט, איז שלעכט, מילא איז שלעכט — און פּטור. מיט אַ פינף־זעקס יאָר צוריק אָבער איז די זאַך געווען עפּעס אַנדערש. מיר זענען געווען אַ גאַנצע חבר"ה, וואָס פלעגן זיך צונויפקומען אויף ופּוחים, וועגן זיין פון לעבן. ס'זענען געווען עטלעכע געלערנטע און אייבער אַ ליטעראַט, וואָס איז איצט גאַנץ באַוווסט אין בעל־גיע. מיר פלעגן זיך שטעלן פראַגן: וווהין גייען מיר, וואָס פאַר אַ זין האָט אַלץ, וואָס פאַר אַ ווערט און וואָסער סוף? מיר האָבן געלייענט די פּעסימיסטן און געזונקען אין כלערליי פּראָבלעמען אַן אַ גרונט, פונקט ווי איינער, מייגער אַ באַקאַנטער, אַן אַסיסטענט בּאַ דער קאַטעדרע פון אַסטראָנאָמיע, וואָס האָט אַזוי לאַנג אָנגעהויבן זינקען אין די צווישן פּלאַנעטאַרע שטחים, אַז ער האָט אין זיי דעם מוח פאַרזונקען... און שפּעטער האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז זיין קאָפּ דרייט זיך איבער דער פאַראַכאַלע אינם אין־סוף. שפּעטער האָט ער זיך אויסגעהיילט און געוואָרן אַ גלח. מיר האָבן אויך אויף קיין זאַך זיך נישט געקענט אָפּשטעלן, באַ קיין זאַך בלייבן... פונקט, ווי די פייגל, וואָס פליען איבערן ים און האָבן נישט וווּ זיך אָפּצורוען. איך האָב אָבער ענדלעך באַמערקט צוויי זאַכן: קודם־כל, אַז מיינע בעלגיער נעמען עס ווייניקער צום האַרץ, ווי איך. מיר זענען באַזונדער... שנית, אַז דער חשק צו אַרבעט ווערט באַ מיר אָפּגעשוואַכט און אַז איך ווער אַ גאָרנישט. כ'האָב זיך דאַמאָלס אַ נעם געטון אין די הענט אַריין און מיט אַלע כוחות אָנגעהויבן פאַרבן פערקאַל. שפּעטער־צו האָב איך צו זיך אַזוי געזאָגט: דאָס לעבן געפינט זיך צווישן די געזעצן פון דער נאַטור, קלוגע, צי נאַרישע, אַלציינס — אָבער אַזוי איז עס. לעבן דאַרף מען, מוז מען פון לעבן נעמען אַלץ, וואָס עס לאָזט זיך.

איך וויל עפּעס אַרויסבאַקומען, וואָסקאַווסקי זאָגט אפילו, אַז מיר, סאַלאָון, זענען נישט מסוגל דערביי צו בלייבן שטיין. דאָס רעדט זיך אָבער אַזוי. אַז באַ בלויז געלט קענען מיר נישט בלייבן, בין איך שוין באין-ברירה מסכים. איך האַלט אָבער, אַז אַ חוץ געלט איז נאָך דאָ צוויי זאַכן: רו — און ווייסט איר וואָס נאָך? — אַ פרוי. ווייל אַ מענטש דאַרף האָבן מיט וועמען זיך צוטיילן וועגן אַלעם. שפּעטער מוז קומען דער טויט — גוט! אָבער דאָרט, ווו עס הייבט זיך אָן דער טויט, מוז זיך דער מענטשלעכער קאָפּ ענדיקן. — ווי עס זאָגט דער ענגלענדער:

דערווייל דאַרף מען האָבן וועמען אָפּצוגעבן אַלץ, וואָס אַ מענטש האָט און צו וואָס ער דערשלאָגט זיך, סיי געלט, סיי פאַרדינסטן, סיי רום... אויב עס זענען פאַראַן דימאַנטן אין דער לבנה, איז אַלצייינס, ווייל ס'איז נישטאָ קיינער, וואָס זאָל אָנערקענען, אַז זיי זענען עפּעס ווערט. אַ מענטש דאַרף אויך האָבן עמעצן וואָס זאָל אים אָנערקענען. און איך טראַכט מיר: ווער-זשע וועט מיך אָנערקענען, אַז נישט אַ פרוי — אָבער זי זאָל זיין נאָר געוואַלטיק גוט, געוואַלטיק זיכער און אַזוי מיין, אַזוי געליבט. דאָס איז אַלץ, וואָס מען קען פאַרלאַנגען, ווייל פון דעם שטאַמט רו — און דאָס איז די איינציקע זאַך, וואָס האָט עפּעס אַ ווערט. איך זאָג דאָס נישט, ווי קיין דיכטער, נאָר ווי אַ פּאָזיטיווער מענטש און אַ סוחר. האָבן לעבן זיך אַ צווייטן קאָפּ — דאָס איז דער ציל. און שפּעטער זאָל זיין, וואָס עס וויל. אָט איז מיין פילאָזאָפיע

פּאָלאָניעצקי האָט געזאָגט, אַז ער רעדט ווי אַ סוחר, ער האָט אָבער אויך גערעדט, ווי אַ פּאַרטרוימטער, ווייל עס האָט אַזוי געווירקט, אי דער זומער-אָוונט, אי די אָנוועזנהייט פון דעם יינגן מיידל, וואָס האָט אין אַזוי פיל היגזיכטן אַנטשפּרעכט די אָנשויונגען, וועלכע ער האָט נאָר-וואָס געהאַט אַרויסגעזאָגט. פּאָלאָניעצקין איז עס אוודאי אויך געקומען אין קאָפּ אַריין, ווייל, ווענדנדיק זיך דירעקט צו איר, האָט ער אַ זאָג געטון:

— איך טראַכט אַזוי, אָבער וועגן דעם רעד איך זיך אויך נישט אויס פאַר לייטן. היינט האָט מיך עפּעס אָנגעטראָגן, ווייל

איך זאָג אייך נאָכאַמאָל, אַז פרוי עמיליאַ איז גערעכט. מיט אייך ווערט מען אין איין טאָג נעענטער, ווי מיט אַנדערע אין אַ יאָר. איר מוזט זיין זייער אַ גוטע. איך וואָלט געטון אַ שטות, כ׳זאָל נישט געווען קומען קיין קזשעמיען. איך וועל קומען אַזוי אָפט, וויפיל איר וועט נאָר דערלויבן.

— קומט. . . אָפט.

— אַ דאַנק.

ער האָט אויסגעצויגן די האַנט, פרײלין מאַריניאַ ווידער האָט אים אויך דערלאַנגט איר האַנט, ווי זיי וואָלטן כורת-ברית געווען.

אָ, ווי ער איז איר געפעלן, מיט זיין ערלעך, מענעריש פנים, מיט זיין טונקעלער טשופרינע און געוויסער טיכטיקייט אין זיין גאַנצער פיגור, מיט זיינע לעבעדיקע אויגן. אַ חוץ דעם האָט ער געבערענגט אַזוי פיל געפילן, וואָס זענען אין קזשעמיען נישט געווען בנמצא, עפעס בייטע האָריזאָנטן, ווייט הינטער דעם סטאַוו און די אָלכעס, וואָס האָבן אָפּגעשלאָסן דעם קזשעמיענער האָריזאָנט. זיי האָבן אין איין טאָג געמאַכט אַזאַ גרויסן מהלך, וואָס מען האָט נאָר געקענט מאַכן.

זיי זענען ווידער געזעסן עפעס אַ צייט און געשוויגן און געוואַנדערט ווייט אין שווייגן, פונקט אַזוי שנעל, ווי אינם רעדן. מאַריניאַ האָט ענדלעך אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויף דער שיין, וואָס האָט זיך וואָס אַ מאָל פאַרגרעסערט הינטער די אָלכעס און געזאָגט:

— די לבנה.

— אַהאַ! די לבנה! — האָט איבערגעחזרט פּאָלאַניעצ-קי.

זי האָט זיך טאַקע פּאַמעלעך אַפּערגערוקט פון הינטער די אָלכעס, אַ רויטע, גרויס ווי אַ ראָד. בינו-לבינו האָבן געגומען בילן די הינט, דאָס קעטשל האָט אָנגעהויבן רוישן פון דער צווייטער זייט הויז. אין אַ ווײַלע אַרום, האָט אין זאַל, אין וועלכן מען האָט פריער שוין געהאַט אַרייַנגעטראָגן אַ לאָמפּ, זיך באַוויזן הער פּלאַוויצקי:

מאַריניאַ איז אַריין אין זאַל, פּאָלאַניעצקי נאָך איר.

— ס'איז גאָרנישט געשען — האָט אַ זאָג געטון הער פּלאַוויצקי — די פּראַמעצקאַ איז צו זיי געקומען, היות אָבער מען האָט געמיינט, אַז זי וועט תּיכּף אַוועקפאָרן, האָט מען נישט מודיע געווען. יאַמוּש איז עפּעס נישט געזונט, מאָרגן קלייבט ער זיך קיין וואַרשע. זי האָט צוגעזאָגט דאָ צו זיין איבער-מאָרגן.

— אַלזאָ, איז אַלץ אין אָרדנונג ? — האָט אַ פרעג געטון מאַריניאַ.

— גוט. און וואָס האָט איר דאָ געטון ?

— מיר האָבן זיך צוגעהערט צו די פּרעש — האָט געענט-פערט פּאָלאַניעצקי — און ס'איז אונדז גוט געווען.

— דער רבונו-של-עולם האָט געוווּסט, צוליב וואָס צו באַ-שאַפן די פּרעש אויך, אַז כאָטש זיי לאָזן מיך בײַנאַכט נישט שלאָפן, האָבן מיר אויף זיי נישט קיין תּרעומות. דערווייל זאָל מאַריניאַ דערלאַנגען טיי.

די טיי איז געווען גרייט און געוואַרט אינם צווייטן צימער. הער פּלאַוויצקי האָט דערציילט וועגן זיין וויזיט בײַ די יאַמוּשעס. דאָס יונגוואַרג האָט געשוויגן, זיי האָבן פון צייט צו צייט בלויז געקוקט אויף זיך מיט ליכטיקע בליקן און אויף אַ גוטע נאַכט זיך זייער שטאַרק געדריקט די הענט.

בשעתן אויסטון האָט פּריילין מאַריניאַ געפילט עפּעס אַ שווערקייט, ווי דער טאָג וואָלט זי פאַרמאַטערט. שפּעטער, ווען איר קעפּל האָט זיך שוין אָנגעלעגט אָן דעם קישן, האָט זיך נישט געטראַכט וועגן דעם, וואָס הייבט איז מאָגנטיק און עס הייבט זיך אָן אַ נייע וואָך פון טאָג-טעגלעכע אַרבעט, נאָר געקלערט וועגן פּאָלאַניעצקין און אין אירע אויערן האָבן געקלונגען זיינע ווער-טער :

— ווער-זשע וועט מיך אָנערקענען, אויב נישט אַ פרוי ; אָבי זי זאָל נאָר זיין געוואַלטיק גוט, געוואַלטיק זיכער, אַזוי מיין און אַזוי געליבט.

פּאָלאָניעצקי חידער האָט, פאַרייכערנדיק אויפן געלעגער אַ פּאַפּיראָס, צו זיך אַזוי געזאָגט:

— אַזאַ גוטס, שיינס, ליבס — ווו זעט מען אַ צווייטס אַזוינס?

## III.

אויפצומאָרגנס איז געווען אַ גרויער טאָג און פרײַלין פּלאַוויצקאַ האָט זיך אויפגעהויבן פאַרדאגהט, ס'האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז זי האָט נעכטן זיך געלאָזט אַוועקטראָגן פון עפּעס אַ שטראָם ווייטער, ווי ס'האָט באַדאַרפט זײַן, און אַז זי איז ממש געווען בנוגע פּאָלאָניעצקין אַ קאָקעטקע. דער בייגעשמאַק איז דער עיקר געבליבן בײַ איר צוליב דעם, וואָס דערדאָזיקער פּאָלאָניעצקי איז דאָך געקומען ווי אַ בעל-דבר. נעכטן האָט זי זיך געהאַט דערינען פאַרגעסן, הײַנט האָט זי געזאָגט צו זיך: „ס'וועט אים בלתי ספק זיך אויסדאַכטן, אַז כ'האָב אים געוואָלט אָפּחורשן, אָדער מילדער מאַכן" — און בײַ דעם געדאַנק איז איר דאָס בלוט געקומען אין די באַקן און אין קאָפּ אַרײַן. זי איז בטבע געווען אַן ערלעכע און געהאַט אַ סך אַמביציע, וואָס יעדער השערה, אַז מען קען זי חלילה חושד זײַן אין אויסרעכענונגען, האָט זי אויפגערעגט. איצט, בשעת זי האָט אָנגעהויבן גלייבן אין דער מעגלעכקייט פון אַזאַ חשד, האָט זי פאָרויס דערפילט עפּעס אַ מין תרעומת צו פּאָלאָניעצקין. נאָך איין געדאַנק איז איר אומגעהייער אומאָנ-

געבעם געווען: זי האָט געוווסט, אַז בכלל קען אין דער קושעמיעניעצער קאַסע איין גראָשן נישט זען דעם אַנדערן, אַז קיין מזומן געלט איז נישטאָ און אַז צוליב דעם, וואָס מען האָט בדעה צו פאַרצעלירן מאַגאָרוועק, זענען פאַרהאַן אויסזיכטן אויף להבא. — דער פאָטער אָבער וועט זיך פרוּוון אַרויסדרייען, ווייל ער האַלט אַנדערע חובות פאַר אַ סך בילכער, ווי פּאָלאָניעצקיס. זי האָט מיט זיך טאַקע געהאַט אָפּגעמאַכט, אַז זי וועט טון אַלץ, וואָס ס'וועט מעגלעך זיין, פּאָלאָניעצקי זאָל אומבאַדינגט און פריער פאַר אַנדערע ווערן רעגולירט, זי האָט אָבער געוווסט, אַז קיין סך וועט זי נישט אויפטון. דעם ענין באַלעבאַטישקייט האָט דער פאָטער זייער גערן איבערגעגעבן איר, אָבער וואָס שייך געלט-ענינים האָט ער אַליין רעגולירט און זעלטן-זעלטן זיך צוגעהערט צו אירס אַן עצה. זיין ראָל איז אייגנטלעך באַשטאַנען אין אַרויסדרייען זיך פון אַלעמען און פון אַלעם, אין שלעפן, אין פאַרשטעלן אויסגעטראַכטע חשבונות און האַלטן אַלס ממשותדיקע זאַכן. היות, דאָס אויפמאָנען חובות פון ערד-היפּאָטעקן איז אין עצם זייער שווער און פּאַמעלעך, און די פאַרטיידיקונג לאָזט זיך פאַרציען כמעט ווי לאַנג מען וויל, האָט הער פלאַוויצקי זיך געהאַלטן באַ קושעמיען, אַ דאַנק דעם דאָזיקן סיסטעם זייגעם. לסוף אָבער האָט דאָס אַלץ געדראָט מיט אַן אומברחמנותדיקער און פולקאָמער חורבה, דער אַלטער אָבער האָט זיך אַלץ געהאַלטן פאַר אַ קאָפּמענטש אין די געשעפטן און האָט צוליב דעם נישט גערן זיך צוגעהערט צו דער טאָכטערס מיינונגען און עצות, תּיכּף זי חושד געווען, אַז זי איז מסופק אין זיין „קאָפּ” — און דאָס האָט ביון העכסטן גראַד באַליידיקט זיין אייגנליבע.

פריילין מאַריניאַ האָט שוין נישט איין אומאָנגענעמלעכקייט געהאַט צוליב דעם „קאָפּ” און זיינע מיטלען. איר לעבן אין דאָרף איז בלויז לפנים געווען אַן אידיליע פון אַרבעט און באַלבאַטישקייט. ס'האָט נישט געפעלט איר קיין עגמת-נפש און צרות, און איר רויִק פּנים האָט געקענט מאַכן אַן איינדרוק פון נישט-בלויז זיסן כאַראַקטער, נאָר אויך פון קראַפט און גרויסע גייסטיקע פּראַקטיק. אָבער די דערנידערונג, וואָס האָט איר געדראָט איצט, האָט

זיך איר אויסגעוויזן פֿאַר אַ סך שווערער איבערצוטראָגן ווי אַנדערע.

— זאָל ער, לכל־הפּחות, מיך נישט חושד זיין — האָט געזאָגט צו זיך — וואָס פֿאַר אַן עצה האָט זי אָבער דערצו געקענט געפֿינען? איר ערשטער געדאַנק איז געווען, אַרייַנצורופֿן פּאָלאָניעצקין אויף אַ שמועס, נאָך איידער ער וועט זיך נאָך זען מיט איר פּאָטער און זיך מודה זיין אין גאַנצן מצב־העניינים, ווי מען איז זיך מודה פֿאַר אַ מענטש, צו וועלכן מען האָט צוטרוי. שפּעטער איז איר געקומען אויפֿן רעיון, אַז אַזאַ שמועס וואָלט געהייסן נישט אַנדערש, ווי אַ בקשה אויף חסד און רחמנות און וואָלט דעריבער דערנידעריקט. ווען נישט דאָס, וואָס פֿריילין מאַריניאַ, אַלס אַ פֿרוי, וועלכע פֿילט יעדן ציטער פֿון איר און אַנדערנס האַרץ, זאָל נישט געווען דערפֿילן האַלב־אומבאַוווסטזיניק, האַלב־אינסטינקטיוו, אַז צווישן איר און דעם יונגנמאַן האָט זיך פֿון דער ערשטער רגע אָן אָנגעהויבן אויף עפּעס צו שניידן, — בפֿרט נאָך, אַז עס האָט אין דער צוקונפֿט געקענט און געמוזט ווערן אומפֿאַרמיידלעך, וואָלט זי פֿונדעסטוועגן געווען דעמאָזיקן וועג אויסגעקליבן. צוליב דידאָזיקע סיבות אָבער האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז זי קען דאָס נישט טון, ס'איז געבליבן איר איינס: זיך זען מיט פּאָלאָניעצקין, פֿאַרייבן דורך איר באַגיין זיך מיט אים דעם נעכטיקן איינדרוק, צערייסן די פֿעדעם פֿון סימפּאַטיע, וואָס זיי ביידע האָבן אָנגעקניפּט, און לאָזן אים זיך האַלטן טריי אין זיין האַנדלונג. דער אופֿן האָט זיך איר אויסגעוויזן: פֿאַרן גלייכסטן. דערוויסנדיק זיך אַלזאָ פֿון דער דינסט, אַז פּאָלאָניעצקי האָט זיך שוין אויפֿגעהויבן און איז אַוועק נאָכן טיי צום וועג־צו, האָט זי באַשלאָסן אָפּצוזוכן אים.

דאָס איז איר אָנגעקומען לייכט, מחמת ער האָט זיך שוין נעהאַט אומגעקערט פֿון זיין פֿרימאָרגן־שפּאַציר און שטייענדיק הינטערן זייטיקן שטעגל פֿון גאַנעק, וואָס איז געווען פֿאַרוואַקסן מיט ווילדע ווייַנטרויבן, געפֿירט אַ שמועס מיט דיזעלבע צוויי הינט, וואָס האָבן בשעת זיין קומען זיך אַזוי שטאַרק צו אים געלאַשטשעט. ער האָט בשעת מעשה זי נישט באַמערקט און מאַריניאַ

האָט, שטייענדיק אויף די טרעפּלעך, געהערט, ווי ער זאָגט צו די היגט:

— דאָס נעמען די כּלבים שכירות פאַר היטן דאָס הויז — האַ? עסן אָסיפּקע — האַ? און אויף קיין פרעמדע בילט מען נישט, נאָר מען לאָשטשעט זיך נאָך. איר נאַרישע קונדיסים, איר ליידיק־גייער.

און ער האָט זיי געקלאַפּט איבער די ווייסע קעפּ. שפּעטער, באַמערקנדיק זי דורך די שפּאַרעס צווישן די ווייַנטרויבן, איז ער אַ שפּרונג געטון, ווי אַ פייל פון בויגן אַרויס, און זיך אָוועקגע־שטעלט אַנטקעגנאיבער איר אַ פריילעכער און אַ לייכטנדער.

— גוט מאָרגן אייך. איך שמועס זיך דאָ דורך מיט די היגט. ווי זענט איר געשלאָפן.

— אַ דאַנק.

און זי האָט אויסגעצויגן צו אים די האַנט, ער ווידער האָט געקוקט אויף איר, מיט אויגן, אין וועלכע מען האָט קלאָר גע־קענט זען, סאַראַ גרויסע און טיפע הנאה ער האָט זי צו זען.

נישט ווייניקער איז ער אויך געפעלן דער אָרימער מאַרי־ניאַן. ער איז איר פשוט פון גאַנצן האַרץ געפעלן. איר האַרץ האָט ממש געקלעמט פון עגמת־נפש, וואָס אויף זיין האַרציקן „גוט מאָרגן", מוז זי ענטפערן אַזוי צערעמאָניש און קאַלט.

— איר גייט אפשר אין פּאָלוואַרק אַריין? אויב איר וועט דערלויבן, וועלן מיר גיין צוזאַמען. איך מוז זיך היינט אומקערן אין שטאָט צוריין, איז מיר יעדע רגע פון אייער געזעלשאַפט טייער. גאָט איז אַן עדות, אַז ווען כ'וואָלט קענען, וואָלט איך דאָ פאַרבליבן לענגער. איך ווייס שוין אָבער איצט דעם וועג קיין קזשעמיען.

— מיר בעטן תמיד, ווען די צייט וועט אייך נאָר דער־דערלויבן.

פּאָלאַניעצקי האָט באַמערקט איצט די קעלט, וואָס יאָגט פון אירע ווערטער, פון איר פנים, און אַ פאַרחידושטער אָנגעהויבן אויף איר קוקן, אָבער, אויב פריילין מאַריניאַ האָט גערעכנט, אַז ער וועט טון אַזוי ווי אַנדערע מענטשן טון עס און זיך תיכף צו

פאַסן צו איר טאָן, האָט זי אַ טעות געהאַט. פּאָלאָביעצקי איז גע־ווען צו לעבעדיק און דרייסט, ער זאָל תּיכּף נישט אַ פרעג טון, וואָס די סיבה דערפון איז.

— קוקנדיק איר כּסדר אין די אויגן אַריין, האָט ער עפּעס אַ זאָג געטון:

— וואָס איז עס אייך?

מאַריניאַ האָט זיך צעמישט:

— איר האָט אַ טעות.

— ניין. איך זע זייער גוט, און איר ווייסט עס אויך, אַז איך האָב נישט קיין טעות. איר זענט צו מיר אַזוי, ווי איר זענט געווען צום ערשטן אָוונט. דאַמאָלס אָבער האָב איך געהאַט גע־זינדיקט, ווייל איך האָב נישט אין דער רעכטער צייט אָנגעהויבן רעדן וועגן געלט. נעכטן האָב איך אייך איבערגעבעטן און ס׳איז שוין געווען גוט, און ווי גוט נאָך! היינט ווידער איז אַנדערש — זאָגט־זשע מיר, פאַרוואָס?

קיין שום געשיקטע דיפּלאָמאַטיע וואָלט נישט בכּוח געווען מער מטושטש צו מאַכן פריילין מאַריניאַן. ס׳האָט זיך איר געדאַכט, אַז מיט איר האַנדלונג וועט זי אים קענען אָפּקילן און דערווייטערן, ער ווידער האָט זיך, פרעגנדיק אַזוי, נאָכמער צו איר זיך דערנענטערט.

ער האָט ווייטער גערעדט מיטן טאָן פון אַ מענטש, וועלכן מען באַעוולט.

— זאָגט מיר אויפריכטיק, וואָס איז עס אַזוינס? זאָגט מיר! דער טאַטע אייערער האָט געזאָגט, אַז נעכטן האָב איך געזאָלט זיין אַ גאַסט, היינט אָבער אַ בעל־דבר. אָבער דאָס איז אַ נאַרישקייט... דאָס איז גאָרנישט! איך פאַרשטיי נישט אַזאַ מין חילוק, און אייע״ס קיין בעל־דבר וועל איך קיינמאָל נישט זיין. סיידן אייער בעל־חוב, ווייל כ׳בין אייך שוין שולדיק און דאַנקבאַר פאַר דער נעכ־טיקער גוטסקייט — און איין גאָט ווייסט, ווי כ׳וואָלט וועלן אייך תּמיד זיין שולדיק.

און ער האָט איר ווידער געקוקט אין די אויגן אַריין, זיך צוקוקנדיק אויפמערקזאַם, צי ס׳וועט זיך אַמאָל נישט באַווייזן אין

זיי דער נעכטיקער שמייכל; מאַריניאַ אָבער, וואָס איר האַרץ איז אַלץ מער צוגעקלעמט געוואָרן, איז ווייטער געגאַנגען מיטן אויסדערוויילטן וועג, ראשית, דערפאַר, ווייל זי האָט אים איינמאָל שוין געהאַט אויסגעוויילט, והשנית, מחמת מורא, אַז אויב זי וועט אָנערקענען, אַז זי איז היינט אַן אַנדערע, וועט זי מוזן דערקלערן די סיבה.

— כ׳פאַרזיכער אייך — האָט זי ענדלעך אַ זאָג געטון מיט אַ געוויסער אָנשטרענגונג — אַז אָדער איר האָט נעכטן געהאַט אַ טעות, אָדער איר האָט אים היינט, איך בין תמיד די אייגענע און ס׳וועט מיר שטענדיק זיין ליב, אַז איר וועט אַרויספירן פון אונדז גוטע זכרונות.

די ווערטער זענען געווען העפלעכע, אָבער ס׳האָט זיי געזאָגט אַ מיידל, וואָס איז אַזוי נישט ענלעך צו דער נעכטיקער, אַז אויף פּאָלאַניעצקיס פּנים האָט זי אָנגעהויבן באַמערקן אומגעדולדיקייט און כּעס.

— אויב ס׳גייט אייך דערינען — האָט ער אַ זאָג געטון — כ׳זאָל מאַכן דעם אָנשטעל, אַז איך גלייב אייך, זאָל זיין, ווי איר זאָגט. איך וועל אָבער אַוועקפאָרן מיט דער איבערצייגונג, אַז אין דאָרף, איז דער מאָנטיק אַנדערש, ווי דער זונטיק.

מאַריניאַן האָבן דידאָזיקע ווערטער אָנגערירט, מחמת עס האָט אויסגעוויזן אַזוי, ווי פּאָלאַניעצקי וואָלט שוין געמאָנט עפּעס אַ רעכט, צוליב איר נעכטיקן באַגיין זיך מיט אים, אָבער זי האָט געענטפערט גיכער מיט צער, ווי מיט כּעס:

— וואָס קען איך טון דערצו!

אין אַ ווײַלע אַרום איז זי אַוועק, זאָגנדיק, אַז זי מוז גיין איינזאָגן דעם פאָטער אַ גוט מאָרגן. פּאָלאַניעצקי איז פאַרבליבן איינער אַליין; ער האָט אָפּגעזאָגט פון זיך די הינט, וואָס האָבן ווידער געפּרוווט זיך לאַשטשען צו אים און אָנגעהויבן זיך בייזערן:

— וואָס איז דאָס אַזוינס? — האָט ער זיך אַליין געפרעגט. — נעכטן גוט, היינט שלעכט! גאָר אַן אַנדערע פרוי. ווי נאַריש

זאָס אַלץ איז, ווי בישטיק! נעכטן אַ קרוב — היינט אַ בעל־דבר. וואָס גייט עס זי אָן. וואָס באַגייט זי זיך מיט מיר, ווי מיט אַ הונט? איך האָב עמעצן באַרויבט? זי האָט דאָך נעכטן אויך געוווּסט, צוליב וואָס איך בין געקומען. גוט! איר ווילט מיך האָבן פאַר אַ בעל־דבר, נישט פאַר פּאָלאָניעצקין? — גוט. זאָל עס דער רוח כאַפּן!

מאַריניאַ איז דערווייל אַריינגעלאָפן צום פאָטער אין צימער אַריין. הער פּלאַוויצקי האָט זיך שוין געהאַט אויפגעהויבן און איז געזעסן אָנגעטאָן אין שלאָפראָק באַם שרייבטיש, וואָס איז געווען אָנגעלייגט מיט פּאַפּירן. ער האָט אויף אַ רגע זיך אויסגעדרייט, צו זאָגן דער טאָכטער אַ גוט־מאָרגן, און תיכּף זיך ווידער גענומען צום לייענען די פּאַפּירן.

— טאַטע — האָט אַ זאָג געטאָן מאַריניאַ — כ'בין געקומען אַ שמועס טאָן מכּוח פּאָלאָניעצקין... דער טאַטע...

ער האָט איר אָבער איבערגעריסן, נישט אויפהערנדיק צו קוקן אויף די פּאַפּירן.

— איך וועל דיין פּאָלאָניעצקין צעקנייטשן אין דער האַנט, ווי וואָקס.

— כ'בין מסופק, צי ס'וועט אַזוי לייכט זיין. איבעריקנס, וואָלט איך געוואָלט, אַז מיט אים זאָל ווערן רעגולירט פריער, ווי מיט אַנדערע, ווען מיר זאָלן אַפילו דערביי אַ סך היזק האָבן.

דעמאָלס האָט פּלאַוויצקי זיך אויסגעדרייט פון שרייבטיש און אָנגעהויבן קוקן אויף איר. דערנאָך האָט ער קאַלט אַ פרעג געטאָן:

— ביטע. דאָס איז אויס זאָרג פאַר אים, צי פאַר מיר?

— דאָס איז אַ פראַגע פון אַ נדזער כּבוד...

— און וואָס, דו האַלטסט, אַז איך גייטיק זיך אין דיינע עצות?

— ניין, טאַטע, אָבער...

— ס'אַרא פּאַטעטישן טאָג מיר האָבן הײַנט! וואָס איז עס מיט דיר?

— איך בעט נאָר דעם טאַטן באַ אַלעם...

— און איך בעט די, איִיך, אַז דו זאָלסט עס לאָזן פאַר מיר. האָסט מיך באַזײַטיקט פון דער ווירטשאַפט, האָב איך דיר אָפּ געטרעטן, ווייל די פאַר יאָר, וואָס זענען מיר געבליב צום לעבן, וויל איך זיך מיט קיין אייגן קינד נישט שפּאַרן. לאָז מיר אָבער איבער כאָטש דאָס ווינקעלע אין הויז, כאָטש די איינע שטוב און לאָ מיך דאָ דערליידיק די עניגים, וואָס לאָזן זיך דאָ דערליידיקן.

— טאַטע ליבער, איך בעט דאָך בלויז...

— כ'זאָל זיך אַריבערטראָגן אויפן פאָלוואַרק? וואָס פאַר א נחלה טיילסטו מיר אָפּ?

דאָ איז הער פּלאַוויצקי, וואָס האָט, רעדנדיק וועגן אַ פּאַטעטישן טאָג, משמעות נישט געוואָלט עמעץ זאָל מיט אים טיילן דעם מאַנאָפּאָל, אויפגעשטאַנען, ווי קעניג ליר אין פערסישן שלאָפּראָק זייגעם, פון דער שטול, זיך אָנגעכאַפּט אָן זיין אָנלען, געבנדיק דערמיט צו פאַרשטיין דער אכזריותדיקער טאָכטער, אַז אַנדערש, וואָלט ער, אַ געטראָפּענער פון איר אכזריות, געפאַלן, ווי גרויס ער איז, אויף דער ערד. איר אָבער זענען די טרערן געקומען אין די אויגן אַריין און דאָס ביטערע געפיל פון אייגענער אָנמעכטיקייט האָט זי באַם האַרץ אָנגעכאַפּט. זי איז אַקעגן אַ ווילע געשטאַנען און געשוויגן, קעמפנדיק מיט דעם עגמת-נפש אירן און מיטן חשק זיך צו צעוויינען, און דערנאָך שטיל אַ זאָג געטון:

— זאָל דער טאַטע מיר אַנטשולדיקן...

און איז אַרויס פון צימער.

אין אַ פערטל שעה אַרום איז, לויט פּלאַוויצקיס בקשה, אַריין צו אים פּאָלאָניעצקי, אַ בייזער, אַ צערייצטער, הגם ער האָט זיך באַמיט צו באַהערשן.

הער פּלאַוויצקי האָט זיך מיט אים באַגריסט און אים אוועקגעזעצט לעבן זיך אויף אַ שטול, וואָס איז געווען פאַר אים פאַרויס

אָנגעגרייט, און אָנגעצענדיק אים מיט דער הייזט פאַר דער קני, אַ פרעג געטון:

— סטאַך, וועסט דאָך סוף-כּל-סוף דאָס הויז נישט פאַרברע־נען? וועסט דאָך סוף-כּל-סוף מיך, אַלס קרוב, וואָס האָט דיר די הענט געעפנט, נישט דערהרגענען? וועסט דאָך סוף-כּל-סוף מיין קינד נישט מאַכן פאַר קיין יתומה?

— ניין, — האָט געענטפערט פּאָלאָניעצקי — דאָס הויז וועל איך נישט פאַרברענען, דעם פעטער וועל איך נישט שחטן און קיין שום קינד פאַר קיין יתומה נישט מאַכן. איך וואָלט בעטן אפילו, אַז דער פעטער זאָל אַזוי מיט מיר נישט אָנהייבן רעדן, ווייל דאָס וועט צו קיין רעזולטאַט נישט דערפירן, און פאַר מיר איז עס אומדערטרעגלעך.

— גוט — האָט געענטפערט הער פלאַוויצקי, וואָס איז גע־ווען אַ ביסל גערירט דערמיט, וואָס זיין סטיל און אופן פון אויסדריקן זיך, האָבן אַזאַ קליינעם דערפאָלג — געדענק בלויז, אַז צו און מיר אין דעם הויז אַריין פלעגסטו קומען נאָך אַלס קינד.

— כ'פלעג קומען, ווייל די מאַמע פלעגט קומען, און די מאַמע פלעגט נאָך דער מומע העלענעס טויט קומען דערפאַר, ווייל דער פעטער האָט קיין פּראָצענט נישט געצאָלט, אָבער דאָס אַלץ האָט צום ענין קיין שייכות נישט. דאָס געלט שטעקט אויף דער היפּאָטעק שוין אַ יאָר איין און צוואַנציק, צוזאַמען מיטן פאַרעל־טערטן פּראָצענט באַטרעפט עס אַן ערך פיר און צוואַנציק טויזנט רובל. כּדי ס'זאָל זיין אַ גלייכער מספּר, — זאָל זיין פונקט צוואַנ־ציק, אָבער די צוואַנציק מוז איך האָבן, ווייל כ'בין נאָך זיי גע־קומען.

הער פלאַוויצקי האָט מיט יאוש אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ.

— נאָכדעם ביסטו געקומען?... יאָ. פאַ־וואָס־זשע ביסטו נעכטן געווען גאָר אַן אַנדערער, סטאַך?

פּאָלאַניעצקי, וואָס האָט ערשט מיט אַ האַלבע שעה צוריק געשטעלט דיזעלבע פראַגע פריילין מאַריניאַן, האָט זיך אַזש אויף

דער שטול אַ הייב געטון, ער האָט אָבער זיך באַרעכנט און אַ זאָג געטון:

— לאָמיר צוגיין צום ענין.

— איך האַלט זיך דערפון נישט אָפּ, דערלויב מיר בלויז, קודם-כּל, צו זאָגן עטלעכע ווערטער און האַק מיר נישט איבער. האָסט געזאָגט, אַז כ׳האָב דיין פּראָצענט נישט געצאָלט. ס׳איז אמת. ווייסטו אָבער פאַרוואָס? די מאַמע דיינע האָט דאָך מיר נישט אָפּגעגעבן איר גאַנץ פאַרמעגן און האָט עס אָן דער דער-לויבעניש פונם משפחה-ראַט נישט געקענט טון. אפשר איז ערגער פאַר אייך, וואָס ס׳איז אַזוי נישט געשען, אָבער דאָס איז אַ קלייניקייט. סוף-כּל-סוף, ווען כ׳האָב גענומען די העכער צען טויזנט רובל, האָב איך געזאָגט צו זיך אַזוי: אַ פרוי איז געבליבן אַליין אויף דער וועלט מיט איינאיינציק קינד — ווער ווייסט, ווי זי וועט זיך אַן עצה געבן, ווער ווייסט, וואָס עס קען געשען, — זאָל דאָס געלט, וואָס עס ליגט באַ מיר, זיין איר אייזערנער קאַפּי-טאַל, זאָל עס וואַקסן, אַז זי זאָל האָבן אין דעם פאַל, אין וואָס זיך אָנצוכאַפּן. און פון דאַמאָלס אָן בין איך געוועזן אייערס אַ מין שפּאָר-קאַסע. די מאַמע דיינע האָט מיר געגעבן צוועלף טויזנט רובל — היינט האָסטו באַ מיר העכער פיר און צוואַנציק. אָט איז דער רעזולטאַט. און איצט: וועסטו מיר דערפאַר אָפּצאָלן מיט אומדאַנקבאַרקייט.

פּאָלאָניעצקי האָט דערויף געענטפערט:

— ליבער פּעטער פּלאַוויצקי! איך בעט מיך נישט צו האַלטן פאַר מער שוטה, ווי כ׳בין, נישט פאַר קיין משוגענעם. איך זאָג פשוט, אַז איך וועל צו אַזעלכע פּלעוועס זיך נישט כאַפּן, — ווייל זיי זענען צו גראָב. דער פּעטער זאָגט, אַז כ׳האָב פיר און צוואַנציק טויזנט רובל — וווּ-זשע זענען זיי? איך בעט מיר זיי געבן — אָן שום דיבורים און נאָך וואָסערע דער-צו!

— און איך בעט דיך זיין גערולדיק און מעסיק שוין דערפאַר, וואָס כ׳בין עלטער — האָט מיט אַ טענה און ווערדע געענטפערט הער פּלאַוויצקי.

— איך האָב אַ שותף, וואָס ליגט אַריין אין אַ חודש אַרום צוואַנציק טויזנט רובל אין אַ באַשטימט געשעפט — און איך מוז אויך אַריינטראָגן אַזאַ סומע. כ׳זאָג דאָס קלאָר און בין מודיע, אַז נאָך צוויי יאָר פויקן מיט בריוו — קען איך נישט און וועל נישט לענגער וואַרטן.

הער פּלאַוויצקי האָט אָנגעלענט די האַנט אָן שרייבטיש, דעם שטערן אָן דער האַנט און געשוויגן.

פּאַלאַניעצקי האָט געקוקט אויף אים, וואַרטנדיק אויף אַ תשובה, — געקוקט מיט וואַקסנדיקן אומוויל און אין האַרצן זיך אַליין געפרעגט: איז ער אַ דרייער? אָדער אַ משוגעגער? אָדער אַן עגאָיסט, וואָס איז אין זיך פאַרבלענדט אין מעסט גוטס און שלעכטס נאָר מיט דער מאָס פון זיין אייגענער באַקוועמלעכקייט! — אָדער ער איז דאָס אַלץ צוזאַמען?

דערווייל האָט פּלאַוויצקי כסדר געהאַלטן דעם שטערן באַהאַלטן אין דער האַנט און געשוויגן.

— סוף־כל־סוף וואָלט איך וועלן וויסן עפּעס... — האָט אָנגעהויבן פּאַלאַניעצקי.

אָבער יענער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, געבעטנדיק צו פאַרשטיין, אַז ער וויל נאָך אַליין בלייבן מיט זיינע רעיונות.

פּלוצלינג האָט ער אויפגעהויבן אַ צעשטראַלט געזיכט.

— סטאָפּ — האָט ער אַ זאָג געטאָן — צו וואָס קריגן מיר זיך, ווען ס׳איז דאָ אַזאַ פּשוטער אויסוועג!

— דהיינו?

— נעם דעם מערגעל!

— וואָס?

— ברענג אַהער דיין שותף, ברענג אַ־אָפּ עפּעס אַ ספּעציאַליסט, מיר וועלן אָפּשאַצן מיין מערגעל און מאַכן זאַלבעדריט אַ שותפות־געשעפט. דיין... ווי הייסט ער דאָרט? ביגעל? ער וועט מיר באַצאָלן אַזוי פיל, וויפיל ס׳פּאַלט אויס אויף זיין חלק, דו ווידער, אָדער וועסט עפּעס צוצאָלן, אָדער נישט — און מיר וועלן זיין באַנאַנד, די ריווחים קענען זיין ריזיקע.

פּאָלאָניעצקי איז אויפגעשטאַנען.

— הערט — האָט ער אַ זאָג געטון — צו איין זאַך בין איך נישט געוווינט, דהיינו: אַז עמעץ זאָל פון מיר חוזק מאַכן. כ'בין אייך מוחל אייער מערגעל — כ'היל נאָר געלט. דאָס ווידער, וואָס איר זאָגט מיר, האַלט איך פאַר נישט פּאַסיקע און נישט קלוגע דריידלעך.

ס'איז אַנטשטאַנען אַ ווײַלע פון שווערער שטילקייט. יופּיטערס כעס האָט זיך אָנגעהויבן צונויפזאַמלען אין די ברעמען און גויפן שטערן פון הער פלאַוויצקי. אָקעגן אַ ווײַלע האָט ער דעם עזות־פּנים געשטאָכן מיטן אָנבליק, דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צו די פּלעקלעך, אויף וועלכע ס'איז געהאָנגען דאָס כּלי־זיין, אַראָפּגענומען אַ יעגער־מעסער און דערלאַנגענדיק עס פּאָלאָניעצקין, אַ זאָג געטון:

— ס'איז פאַרהאַן נאָר איין עצה: זעץ אַריין!

ער האָט ברייט צעקנעפּלט דעם שלאָפראָק, פּאָלאָניעצקי אָבער האָט, שוין נישט הערנדיק איבער זיך, אָפּגעשטויסן די האַנט מיטן מעסער און אָנגעהויבן רעדן מיט אַ העכערער שטים:

— דאָס איז אַ שלעכטע קאָמעדיע — און פּטור! מיט אייך איז אַ שאָד קאָליע צו מאַכן ווערטער און צייט. איך פאָר אַוועק, ווײַל איר האָט מיר שוין דערעסן, איר און אייער קזשעמיען, כ'בין איין אָבער מבטיח, אַז די סומע מײַנע וועל איך פאַרקויפן אַ חצי־חנם אַ ליאַדע ייִדן באַדיי, און ער וועט זיך מיט אייך שוין אַן עצה געבן.

הער פלאַוויצקיס רעכטע האַנט האָט זיך בײַ די ווערטער פּייערלעך אויסגעצויגן.

— גיי — האָט ער געזאָגט — פאַרקויף! לאָז אַריין אַ ייִד אין דער משפּחה־נעסט אַריין, ווייס אָבער, אַז סײַ מײַן קללה, סײַ פון אַלע די, וואָס האָבן דאָ געלעבט, וועט דיך אומעטום אָפּזוכן

פּאָלאָניעצקי איז אַרויס פון צימער ווייס פון כעס, אין זאַל ווידער, האָט ער, זוכנדיק דעם הוט, געשיט מיט קללות, ווי-

פֿיל ס'איז נאָר אַיין. געפֿינענדיק אים, האָט ער געוואָלט אַוועק אַ קוק טון, צי די בריטשקע איז נישט צוגעפֿאָרן, באותו-הרגע איז אָבער אַריין מאַריניאַ. באַמערקנדיק זי, איז ער געוואָרן אַ ביסל צוריקגעזעצט. דערמאַנענדיק זיך אָבער, אַז אייגנטלעך פֿאַרנעמט זי זיך דאָך מיט אַלצדינג אין קושעמיען, האָט ער אַ זאָג געטון:

— אַדיע, דעם ענין מיט אייער פּאַטער האָב איך פֿאַרענדיקט. איך בין געקומען נאָך מיין חוב, האָט ער מיר פֿריִער געגעבן אַ ברכה, דערנאָך דעם מע־געל און שפּעטער אַ קללה. אַ פֿייגער אופֿן פֿון אָפּצאָלן חובות...

ס'האָט געפֿעלט אַ רגע, אַז מאַריניאַ זאָל אויסציִען צו אים די האַנט און אַ זאָג טון: „איך פֿאַרשטיי אייער כעס; איך בין מיט אַ מינוט פֿריִער געהאַט געווען בײַם פּאַטער און אים געבעטן, ער זאָל פֿריִער פֿאַר אַלעמען אייך אָפּצאָלן. ט.ט מיט אונדז און מיט קושעמיען, וואָס אייער האַרץ גלוסט, באַשולדיקט מיך נאָר נישט און מיינט נישט, אַז איך האָב אַ שייכות צו דער פֿאַרשווערונג קעגן אייך און באַצייט זיך כאָטש צו מיר מיט אַכטונג".

איר האַנט האָט זיך שוין געהאַט אַרויסגערוקט פֿאָרויס, אָט אָ־די ווערטער אירע זענען געבליבן הענגען אויף אירע ליפּן, בשעת פּאָלאַניעצקי איז וואָס אַמאָל מער געוואָרן אויפֿגערעגט אינעווייניק און פֿאַרלירנדיק אויפֿסניי, וואָס אַמאָל מערער, דאָס גלייכגעוויכט, צוגעגעבן:

— איר דערקלערט עס אייך דערפֿאַר, ווייל, בשעת כ'האָב דעם ערשטן אָוונט געוואָלט מיט אייך שמועסן, האָט איר זיך באַליידיקט און אָפּגעשיקט מיך צום טאַטען. אייך דאַנק איך פֿאַר דער עצה טובה, היות אָבער זי איז פֿאַר אייך ניצלעכער, ווי פֿאַר מיר, וועל איך וועגן אַן אַנדערער אַליין שוין אַ טראַכט טון.

מאַריניאַס ליפּן זענען דאָס מאָל בלאַס געוואָרן, אין די אויגן האָבן אַ פֿינקל געטון טרערן פֿון כעס און טיפֿער באַליידיקונג. זי האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און אַ זאָג געטון:

— איר מעגט אייך זידלען, וויפיל איר ווילט, ווייל פאַר מיר וועט זיך קיינער נישט אָננעמען...

זי האָט זיך אויסגעדרייט צו דער טיר, אַ שטאַרק דער־שלאָגענע און פאַרצווייפלטע, וואָס דאָס זענען די איינציקע פּירות פון איר אַרבעט, אין וועלכער זי לייגט אַריין אַלע כּוחות און דעם גאַנצן ברען פון איר יונגער ערלעכער נשמה. פּאַלאַניעצקי האָט אויך באַמערקט, אַז ער האָט איבערגעכאַפּט די מאָס. זייענדיק בטבע אַ געפילפולער מענטש, איז ער אין איין רגע אַריבער אויף רחמנות — און גיוואַלט איר נאָכלויפן, איבערבעטן, ס'איז געווען אָבער שוין צו שפּעט. מאַריניאַ איז שוין געהאַט אַוועק.

דאָס האָט אים אָבער נאָך מער אָנגעצונדן, דאָסמאָל איז זיין כּעס אַריבער אויך אויף אים אַליין. נישט געזעגנדיק זיך מיט קיינעם, האָט ער זיך אויפגעזעצט אויף דער בריטשקע, וואָס איז בינו־לבינו צוגעפאָרן און אַוועק פון קזשעמיען. אין דער נשמה זיינער האָט געזידט אַזאַ כּעס, אַז ער האָט אַ געוויסע צייט נישט געקענט טראַכטן וועגן קיין שום זאַך, אַחוץ נקמה: „כ'וועל עס פאַרקויפן באַדיי פאַר אַ דריטל, און לאָז מען אייך טרייבערן! איך גיב זיך אָן ערנוואָרט, אַז כ'וועל פאַרקויפן; כ'זאָל אפילו נישט באַדאַרפן, וועל איך פאַרקויפן — אייך אויף צולהכעיס!

אַזוי אַ־ום איז זיין כּוונה געוואָרן אַ פאַרביסענער און באַ־שווירענער באַשלוס. פּאַלאַניעצקי ווידער האָט נישט אָנגעהערט צו דעם מין מענטשן, וואָס האַלטן נישט קיין הבטחות, סיי בנוגע צו מענטשן, סיי צו זיך אַליין. ס'איז איצט בלויז געגאַנגען אין דעם, צי ער וועט געפינען אַ קונה אויף אַ סומע, וואָס איז אַזוי שווער אַרויסצובאַקומען, מען האָט בפועל־ממש באַדאַרפט צעבייסן קזשעמיען.

דערווייל איז די בריטשקע פון דער אַלעיע אַרויס אויפן ברייטן פעלד־וועג. פּאַלאַניעצקי האָט, אָפּקילנדיק זיך אַ ביסל, אָנגעהויבן טראַכטן וועגן מאַריניאַן, אויף אַזאַ מאָדנעם אופן, וואָס איז באַשטאַנען פון געפיל צו איר שיינקייט, פון די איינדריקן, וואָס איר פּנים און פינגער האָבן אויף אים געמאַכט, פון די זונ־

טיקדיקע זכרונות, פון ווידערווילן, רחמנות, פּאַראיבל, באַסט און לסוף אומצופרידנקייט מיט זיך זעלבסט, וועלכע האָבן נאָכמער פאַרשטאַרקט די פאַרביסנקייט זיינע צו איר. דידאָזיקע געפילן האָבן איינס נאָך דאָס אַנדערע גענומען די אויבערהאַנט און צוגעגעבן זיין קאָליר? מינוטנווייז האָט ער זיך דערמאָנט אין מאַריניאַס הויכע פיגור, אָן אירע אויגן, אירע טונקעלע האָר, אירע פּראַכט־פולע, אפשר אַ ביסל צו ברייטע, ליפּן, ענדלעך אָן איר אויס־דרוק — און אַן אויפברויז פון סימפּאַטיע פלעגט אים באַהערשן. ער האָט געטראַכט, אַז זי איז אומגעהייער מיידליש, אָבער די ליפּן אירע, אירע אַקסלען, די ליניעס פון דער גאַנצער פיגור האָבן אין זיך עפּעס פרויליכס, וואָס עס ציט צו צו זיך מיט אומגעהייערער קראַפט. ער האָט זיך דערמאָנט אָן איר מילדער שטים, אָן איר רויִקן בליק און זייער בולטע גוטסקייט און באַם געדאַנק, ווי שאַרף ער איז געווען צו איר פאַרן אַוועק־פאָרן, ווען ער האָט זיך דערמאַנט אָן דעם טאָן, מיט וועלכן זי האָט גערעדט צו אים. האָט ער זיך אָנגעהויבן שעלטן. אויב דער פאָטער איז אַן אַלטער קאָמעדיאַנט, אַ דרייער און אַ שוטה (האָט ער צו זיך געזאָגט) און אויב זי פילט דאָס אַלץ, איז זי נאָכמער אומגליקלעך. איז וואָס? וואָלט יעדער מענטש מיט אַ ברעקל האַרץ דאָס געווען פאַרשטאַנען און רחמנות געהאַט אויף איר, און נישט אָנגעפאַלן אויף אַזאַ פאַראַרבעט קינד נעבעך — און איך האָב עס געטון, איך — ער האָט חשק געהאַט זיך אויסצופּאַטשן, ווייל ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, וואָס עס וואָלט געווען, סאַראַ גע־וואַלטיק התקרבות, סאַראַ אומגעוויינטלעכע האַרציקייט ס׳וואָלט געווען אַנטשטאַנען צווישן זיי, ווען ער זאָל נאָכן גאַנצן קריג מיטן פאָטער זיך געווען בײַגיין מיט איר ווי עס באַדאַרף צו זיין, דאָס הייסט, מיט דער גאַנצער איידלקייט. זי וואָלט אים גע־ווען דערלאַנגט צום געזעגענעןביידע הענט אירע, ער וואָלט זיי געווען אַ קוש געטון — און זיי וואָלטן זיך געווען צעשיידט, ווי צוויי נאָנטע מענטשן. „זאָל דער רוח נעמען סוף כל סוף דאָס גאַנצע געלט — האָט ער געחזרט בײַ זיך — און איצט זאָל ער מיך אויך צונעמען".

ער האָט געפילט, אַז ער האָט אָפגעטון זאַכן, וואָס לאָזן זיך שוין נישט פאַרריכטן, און דאָס געפיל האָט בײַ אים אָפגענומען די רעשט גלייכגעוויכט און געשטויסן נאָכמער אויף דעם וועג, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר אַ פאַלשן. און ער האָט ווידער אָנגעהויבן זיך אויסצוטענהן מיט זיך אַליין אויף אַזאַ אופן: „אויב אַלץ ווידער איז שוין פאַרלוירן, זאָל־זשע עס ברענען אויפן פייער. כ'וועל די כומע פאַרקויפן אַ ייִד — זאָל ער זיי טרייבערן, זאָלן זיי אַרויספליִען אויף דער גאַס, זאָל דער אַלטער זוכן אַ שטעל, און זי זאָל ווערן אַ גוווערנאַנטין, אָדער חתונה האָבן מיט גאָנטאָווסקין"... דאָ האָט ער פּלוצלינג דערפילט, אַז ער וואָלט שוין מסכים געווען אויף אַלדינג, אַ חוץ אויף דעם איינעם געדאַנק — גאָנטאָווסקין וואָלט ער דעם קאָפּ אַראָפּגעדרייט! זאָל זי נעמען וועמען עס וויל, אַבי נישט אַזאַ באַלוואַן, אַזאַ בערעלע, אַזאַ ווילדטיר. און ס'האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן פיינע צונעמען אויפן אומגליקלעכן גאָנטאָווסקי: דער גאַנצער צאָרן האָט זיך אויף אים אויסגעגאָסן, גלייך ווי ער וואָלט געווען דער גאַנצער חייב אין אַלעם, וואָס איז פאָרגעקומען. קומענדיק מיט אַזאַ מענטשנפרעסערישער שטימונג קיין טשערנאָוו וואָלט פאַלאַניעצקי, ווי אַ צווייטער אוגאָלין, זיך געווען אפשר מיט די ציין זיינע מיטאַמאָל איינגעפרעסן אין גאָנטאָווסקין, דאָרט וווּ דער שאַרבן קומט זיך צונויף מיט די אַקסלען, ווען ער זאָל אים געווען באַמערקן אויף דער סטאַנציע. צום גליק האָט ער, אַנשטאָט גאָנטאָווסקיס שאַרבן, דערזען עפעס עטלעכע באַאַמטע, אַ פּאָר פויערן, עטלעכע ייִדן, און דאָס אויסגעמאַטערטע אינטעליגענטע געזיכט פון ראַט יאַמיש, וואָס האָט אים דערקענט, און ווען דער צוג האָט גערירט פון אָרט, אים, אַ דאַנק זיינע גוטע באַציִונגען מיטן שעף פון דער סטאַנציע, פאַרבעטן אין אַ באַזונדערן קופּע.

— איך האָב נאָך געקענט אייער טאַטן — האָט ער אַ זאָג געטון — און דאָס אין די גלענצנדע צייטן זיינע: כ'האָב בשכנות פון אים גענומען אַ ווייב. איך געדענק, ער האָט געהאַט דאַמאָלס זשיכאָוו, בזשעטשאַנצע, מאַצאַזשע און ראָזוואַדי אין לובלינער קאַנט. אַ שיין פאַרמעגן! דער זיידע אייער איז געווען אייבער

פון די גרעסטע פריצים אין יענע געגנטן — אָבער דאָס אַלץ האָט איצט געמוזט אַריבער אין אַנדערע הענט.

— נישט איצט, נאָר לאַנג שוין. מיין טאַטע האָט באַם לעבן פאַרלוירן דאָס גאַנצע פאַרמעגן. ער איז קראַנק געווען, געווינט אין ניצע, נישט געהיטן — און אַזוי איז עס אַוועק. ווען נישט די ירושה, וואָס די מאַמע האָט באַקומען נאָך זיין טויט, וואָלט געווען שלעכט.

— פאַר דעם גיט איר אייך אַן עצה. איך קען אייער הויז. איך פלעג דורך אַבדולסקין האָבן מיט אייך געשעפטן מיט האָלץ.

— דאָס האָט אַבדולסקי פאַר אייערטוועגן געמעקלט?

— יאָ, און כ'מוז מודה זיין, אַז איך בין פון די עסקים געווען צופרידן, איר האָט געהאַנדלט מיט מיר אָנשטענדיק — און כ'זע, אַז איר פירט די געשעפטן אָרנטלעך.

— אַנדערש קען מען זיך נישט האַלטן. מיין שותף, ביגעל, איז אַן אַנשטענדיקער מענטש, איך אַליין בין אויך נישט הער פלאַוויצקי, — האָט געענטפערט פּאָלאַניעצקי.

— וואָס הייסט? — האָט יאַמיש נייגעריק אַ פרעג געטון.

פּאָלאַניעצקי האָט מיט דעם לעצטן ביסל נאָך נישט פאַרלאָשענער אויפרעגונג, דערציילט אים די גאַנצע מעשה.

— האָ! — האָט געענטפערט יאַמוש — אויב איר רעדט אַזוי וועגן אים אָן צערעמאָניעס, דערלויבט-זשע מיר אויך אַזוי צו רעדן, כאָטש ער איז אייערס אַ קרוב.

— ער איז מיינס גאָר קיין קרוב נישט; זיין ערשט ווייב איז געווען מיין מאַמעס אַ קרובה און אַ פריינדין — דאָס איז עס אינגאַנצן.

— איך קען אים פון קינדהייט אָן. דאָס איז אַ מענטש, מער אַ פאַרדאָרבענער, ווי אַ שלעכטער. ער איז געווען אַ בן-יחיד האָבן אים פריער צעפּיעשטעט די עלטערן אין דערנאָך האָבן דאָס אייגענע געטון זיינע צוויי ווייבער. ביידע זענען זיי געווען שטילע און ליבע פרויען, פאַר ביידע איז ער געווען אַ גאָט. דאָס גאַנצע לעבן האָט זיך אַלץ געמאַכט אַזוי, אַז ער איז געווען די

זון, אַרום וועלכער עס דרייען זיך אַלע אנדערע פּלאַנעטן, ביז ער איז סוף-כּל-סוף געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז עס קומט אים אַלץ פון דער וועלט, און מענטשן פון אים קיין זאַך נישט. באַ אַזעלכע באַדינגונגען, ווען גוטס און שלעכטס ווערן געמאָסטן בלויז מיט דער אייגענער באַקוועמלעכקייט, איז נישטאָ קיין לייכטערע זאַך, ווי פאַרלירן יעדן מאָראַלישן חוש — פּלאַוויצקי איז אַ געמיש פון פייערלעכקייט און פרייקייט: פייערלעכקייט, ווייל ער פּלעגט אַליין זיך זינגען שבחים, און פרייקייט, ווייל ער פּלעגט זיך אַלץ דערלויבן. ס'איז באַ אים געוואָרן כּמעט אַ צווייטע נאַטור. שפּעטער זענען געקומען שווערע אומשטענדן, וועלכע ס'קען גובר זיין בלויז אַ מענטש מיט אַ כאַראַקטער און ער האָט די מידה קיינמאָל נישט פאַרמאָגט. ער האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסצודרייען, ביז ס'איז באַ אים געוואָרן אַ רגילות. אונדז, מיין הער, מאַכט די ערד איידל, זי מאַכט אונדז אָבער אויך קאַליע. מיינס אַ באַקאַנטער אָנועצער זאָגט צו מיר: „נישט איך דריי, נאָר מיין גיט, און איך רעד בלויז פאַר אים". אינדערעמתן איז עס אַ ביסל אַזוי אין אונדזער פאַך מער, ווי אין אַלע אַנדערע...

— מאָלט אייך — האָט געענטפערט פּאָלאַניעצקי, אַז איך, וואָס שטאַם פון דער ערד, האָב נישט די קלענסטע נטיה צו לאַנדווירטשאַפט. איך ווייס, אַז זי וועט תּמיד זיין, ווייל עס מוז זיין, אָבער אין דער פאָרם, וואָס זי איז איצט, זע איך נישט דערפאַר קיין שום צוקונפט. איר מוזט אַלע אונטערגיין.

— איך פאַרביק זיך אויך נישט זייער יומטובדיק. איך רעד שוין נישט דערפון, וואָס אין כּלל גענומען איז דער מצב פון ערד-אַרבעט אין אייראָפּע אַ קלאָגעדיקער, דאָס ווייסט דאָך יעדער איינער, באַטראַכט אָבער נאָר: אַ שליאַכטשיץ האָט פיר זין, וועט יעדער פון זיי ירשענען בלויז אַ פערטל פון פאָטערס פאַרמעגן. וואָס קומט אָבער פאָר? יעדער איינער, וואָס איז איינגעווינט צום פאָטערס אַרט לעבן, וויל זיך פירן, ווי דער פאָטער — מילא, איז זיך שוין לייכט פאָרצושטעלן דעם סוף דערפון. שנית: אַ שליאַכטשיץ האָט פיר זין — די פעיקע קלויבן זיך אויס פאַרשידענע פאַכן, — באַ דער ערד, געוועט איך זיך מיט אייך, בלייבט

תּמיד דווקא דער אומפּעיקער. שלישית: דאָס, וואָס אַ רײ דורות האָבן אָפּגעאַרבעט, פון דעם מאַכט איין לײכטזיניקער קאָפּ אַ תּל. רביעית: מיר זענען נישט קיין שלעכטע לאַנדווירטן, אָבער שלעכטע אַדמיניסטראַטאָרן, אַ גוטע אַדמיניסטראַציע איז אַ סך מער ווערט, ווי גוטע ערד-אַרבעט. וואָס-זשע איז דערפון געדרונגען? די ערד בלייבט, און מיר, וואָס שטעלן זי הײנט פאָר בתּורת גרויס-אייגנטום, וועלן מסתּמא מוזן אַוועק פון איר. ס׳קען בלויז זיין, פאַרשטייט איר מיך, אַז אַוועקגייענדיק, וועלן מיר זיך מיט דער צייט אומקערן צו איר.

— ווי הײסט?

— ווייל קודם כּל, וואָס איר זאָגט, אַז עס ציט אייך נישט צו דער ערד, איז עס אַן אילוזיע. ערד, מיין הער, ציט און ציט מיט אַזאַ כּוח, אַז יעדער איינער, וואָס קומט ביז אַ געוויסן עלטער, ביז אַ געוויסן ווילשטאַנד, קען נישט ביישטיין דעם חשק, צו האָבן כאָטש אַ שטיקל ערד. ס׳וועט אויף אייך אויך קומען. און דאָס איז נאַטירלעך. סוף-כּל-סוף קען דאָך יעדער עשירות, אַ חוץ ערד, באַטראַכט ווערן אַלס פיקציע. אַלץ שטאַמט פון איר און אַלץ עקזיסטירט פאַר אירעטוועגן. פונקט ווי אַ באַנקנאָט איז אַ קוויט אויף אַ מעטאַלענע מטבע, וואָס ליגט אין מלוכה-באַנק, אַזוי איז די אינדוסטריע, דער מסחר, און וואָס איר ווילט באַר הערן און געדענקען, סוף-כּל-סוף בלויז אַ פאַרענדערטע פאָרם פון דער ערד... וואָס שייך דער עיקר אייך, וואָס שטאַמט פון איר, איז דאָך שוין אָפּגערעדט, אַז איר מוזט אייך צו איר אומקערן.

— איך לכל-הפּחות האָב נישט בדעה.

— וואָס ווייסט איר? הײנט מאַכט איר אַ פאַרמעגן, אָבער אַז איר וועט עס שוין האָבן געמאַכט? אין דעם ליגט די צוקונפט. די פּאָלאָניעצקיס זענען געווען לאַנדווירטן — איצט האָט איינער זיך גענומען צו אַן אַנדער פאַך. ס׳רוב קינדער פון לאַנדווירטן זענען געצווונגען זיך צו נעמען צו אַן אַנדער פאַך פּשוט דערפאַר, ווייל אַנדערש קען עס נישט זיין. פון אַ טייל פון זיי וועט

אַ תּל ווערן, אַ טייל פֿון זיי וועט זיך אויסאַרבעטן — און זיך אומקערן, נישט בלויז מיט מזומן־געלט, נאָר מיט פרישער ענער־גיע און מיט דער קענטעניש פֿון אַדמיניסטראַטאָרן, וואָס ווערט אויסגעאַרבעט דורך ספּעציעלע פֿאַכן — זי וועט זיך אומקערן צו־ליב דער צוציונג, וואָס די ערד מאַכט אָן, און ענדלעך אויס גע־פֿיל פֿון אַ חוב, וועגן וועלכן איך דאַרף אייך לאַנג נישט ברייען.

— דאָס, וואָס איר זאָגט, האָט די מעלה, וואָס דאַמאָלס וועט אַזאַ יאָ־פּעטער — נישט־פּעטער מיינע״, ווי פּלאַוויצקי, גע־הערן צו די אונטערגעגאַנגענע טיפּן.

— הער יאַמוש האָט אַ ווײַלע זיך פֿאַרטראַכט, דערנאָך אַ־ אַ זאָג געטון:

— דער פּאָדעם ציט זיך און ציט זיך, ביז ער וועט זיך נישט איבערייסן, אָבער ער מוז זיך סוף־כּל־סוף איבערייסן. זיי וועלן, לויט מיין מיינונג, אין קזשעמיען נישט בלייבן, ווען זיי זאָלן אפילו פֿאַרצעלירן מאַגערוועק. ווער ס׳איז מיר יאָ אַ שאָד, דאָס דאָס איז מאַריניאַ. ס׳איז זייער אַן אָרנטלעך קינד. איר ווייסט נישט, אַז דער אַלטער האָט מיט צוויי יאָר צוריק געוואָלט פֿאַר־קויפֿן קזשעמיען און זיך איבערציען אין דער שטאָט אַריין, און דאָס איז טיילווייז נישט געשען צוליב מאַריניאַס בקשה. איך ווייס נישט, צי אויס דער געדעכעניש פֿון דער מוטער, וואָס ליגט דאָרט, צי דערפֿאַר, וואָס מען רעדט און מען שרייבט אַזוי פֿיל וועגן דעם חוב פֿון אייַנהאַלטן די ערד — הקיצור, דאָס מיידל האָט געטון, וואָס זי האָט נאָר געקענט, כּדי דעם ענין מקח־וממכּר נישט צו דערלאָזן. זי האָט זיך נעבעך פֿאַרגעשטעלט, אַז ווען מען וועט זיך נאָר אַ נעם טון מיט אַלע כּוחות צו דער אַרבעט קען מען אַלץ דערגרייכן. און באמת, זי האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿון דער גאַנ־צער וועלט פֿאַר קזשעמיען וועגן. פֿאַר איר וועט דאָס זיין אַ קלאַפּ, ווען דער פּאָדעם וועט זיך סוף־כּל־סוף איבערייסן, און איבערייסן מוז ער זיך... אַ שאָד דעם מיידלס יאָרן.

— איר זענט אַ גוטער מענטש, הער ראַטגעבער! — האָט אויסגעשריגן פּאָלאַניעצקי מיט זיין געוויינטלעכער לעבהאַפֿטיקייט.

דער אַלטער מאַן האָט אַ שמייכל געטון.

— איך האָב ליב דאָס מיידל, זי איז ענדלעך מיין ליבלינג אין ווירטשאַפטלעכן פאַך. פאַרשטייט זיך, אַז זי וועט אונדז פעלן.

פּאָלאַניעצקי האָט אָנגעהויבן בייזן אַ ווײַלע די וואָנסן, אין ענדלעך אַ זאָג געטון:

— זאָל זי חתונה האָבן מיט עמעצן פון דער אומגעגנט, וועט זי בלייבן.

— חתונה האָבן, חתונה האָבן... אַ מיידל אָן אַ פאַרמעגן, מיינט איר, איז עס אַזוי לייכט. ווער איז דען דאָ בײַ אונדז? גאַנטאַווסקי: ער וואָלט זי גענומען. אַ גוטער מענטש און גאָרנישט אַזאַ באַגרענעצטער, ווי מען זאָגט אויף אים. זי פילט אָבער צו אים גאָרנישט, און אָן געפילן וועט זי נישט חתונה האָבן. אָלבזשיקאָוו איז אַ קליין גיט. דעם אַלטן ווידער דאַכט זיך, אַז די גאַנטאַווסקיס זענען קלענערע מיוחסים ווי די פּלאַזיצקיס — און גאַנטאַווסקי האָט שוין אַליין גענומען גלייבן דעריבער. איר ווייסט דאָך בײַ אונדז: אַ מיוחס איז דער, וועמען עס גלוסט זיך פאַר אַזעלכן צו האַלטן. מענטשן לאַכן מכּלומרשט, אָבער סוף כּל סוף געוווינט מען זיך צו, דערבײַ הייבט איינער אויף די נאָז, דערפאַר וואָס ער מאַכט אַ פאַרמעגן, און דער צווייטער דערפאַר, וואָס ער פאַרלירט עס — און מער בלייבט אים קיין זאַך נישט. אָבער דאָס זענען קליינקייטן. איין זאַך ווייס איך, אַז ווער עס וועט נעמען מאַריניאַן, וועט נעמען אַ פּירה.

פּאָלאַניעצקי האָט אין דער מינוט בײַ זיך אין האַרץ אויך געהאַט דאָס זעלבע געפיל און איבערצייגונג. פאַרזונקען אין שווייגן, האָט ער אויף דאָס ניי אָנגעהויבן טראַכטן וועגן מאַריניאַן, אָדער ריכטיקער געזאָגט, זיך דערמאָנען אָן איר און טראַכטן. פּלוצלינג האָט זיך אים אַפילו אויסגעוויזן, אַז ער וועט בענקען נאָך איר; ער האָט זיך אָבער אויך דערמאָנט, אַז אַזעלכע זאַכן האָבן זיך אים שוין אַמאָל אויסגעדאַכט, און די צייט האָט שפּעטער צעשפּרייט די אילוזיע. דאָך האָט ער געטראַכט וועגן איר נאָך דאַ-

מאָלס אפילו, ווען זיי זענען שוין צוגעקומען צו דער שטאָט, און אויסשטייגנדיק אין וואַרשע, האָט ער אפילו געמרוקעט דורך די צייבער:

— ווי נאַריש ס'איז געשען! ווי נאַריש!...

## IV.

נאָכן צוריקקומען קיין ווארשע, האָט פּאָלאָניעצקי דעם ערשטן אָוונט פאַרבראַכט באַ זיין שותּף ביגעל אין הויז, וואָס איז געווען זיינס אַ שול־חבר, און פון אייביק אָן זייער גוט געלעבט מיט אים. ביגעל, וואָס איז לויט זיין גזע געווען אַ טשעך, אָבער געשטאַמט פון אַ משפּחה, וואָס האָט פון עטלעכע דורות אָן געוווינט אין לאַנד, האָט נאָך פאַרן שליסן שותּפות מיט פּאָלאָניעצקין, געפירט ביישט קיין גרויס האַנדלס־באַנק־הויז און האָט זיך קונה שם געווען אַלס אַן ערלעכער און אומגעהייער פעסטער, אין זיינע באַציִונגען, סוחר, כאָטש אַ ביסל אַ ווייניק־אונטערנעמערישער. ווען פּאָלאָניעצקי איז נאָך פאַר זיין אַנטגילטיקן קומען פון אויסלאַנד געוואָרן זיינס אַ שותּף, האָט ער פאַרברייטערט שטאַרק זיין טעטיקייט און איז געוואָרן אַ גרויסע פירמע. די שותּפים האָבן זיך איינס דאָס אַנדערע אויסגעצייכנט דערגענצט. פּאָלאָניעצקי, וואָס איז געווען אַ סך פעיִקער און טיכטיקער פאַר אים, האָט געהאַט מער המצאות און שנעלער זיך אָריענטירט אין יעדן ענין. ביגעל ווידער, האָט געהיטן, בעסער פאַר אים, די ענינים זאָלן ווערן

אויסגעפירט. בשעת ס׳האָט זיך געהאַנדלט אינם אַרויסווייזן ענער־
גיע אָדער צודריקן עמעצן צו דער וואַנט, איז דער איינציקער
געווען צו דעם פּאָלאָניעצקי, בשעת ווידער ס׳האָט זיך געהאַנדלט
וועגן באַטראַכטן, באַקוקן אַ געשעפט פון צען זייטן און וועגן
סבלנות, האָט זיך אָנגעהויבן ביגעלס ראָל. לויט דער נאַטור זע־
נען זיי געווען צוויי היפּוכים און אפשר טאַקע דעריבער זענען
זיי זיך געווען אמתע פריינט. דער איבערגעוויכט אין דעם פּרט
איז געווען אויף פּאָלאָניעצקיס צד. ביגעל האָט געגלייבט אין זיינע
אומגעהייערע פעיקייטן, און די עטלעכע איינפאַלן, וואָס פּאָלאָ־
ניעצקי האָט אויפגעגעבן, פון דער צייט אָן, וואָס ער איז אַריינ־
געטרעטן אַלס שותף, און וועלכע האָבן געבראַכט גוטע רעזולטאַטן
פאַרן האַנדלס־הויז, האָבן נאָכמער באַשטעטיקט זיין גלויבן. זייער
טרוים איז געווען, מיט דער צייט זיך צו דערשלאָגן צו אַזאַ קאַ־
פּיטאַל, אַז זיי זאָלן קענען גרינדן אַ פּערקאַל־פאַבריק, מיט וועל־
כער ס׳וואָלט אָנגעפירט פּאָלאָניעצקי און ביגעל פאַרוואַלטעט. הגם
ביידע זענען שוין געווען גאַנץ תקיף, איז עס דאָך געווען אין
ווייטער צוקונפט. פּאָלאָניעצקי, וואָס איז געווען ווייניקער געדול־
דיק און געהאַט אין אַלע זייטן קרובהשאַפט, האָט תיכף נאָך זיין
קומען געפּרוווט צו דעם צוועק אויפרודערן די אַרטיקע, אַזוי גע־
רופענע „היימישע" קאַפּיטאַלן, ס׳האָט אים אָבער באַגעגנט אַן אַל־
געמיינער אומצוטרוי. ער האָט באַמערקט דערביי אַ מאָדנע זאַך.
זיין פאַמיליען־נאָמען האָט אים געעפנט אַלע טירן, דאָס האָט אים
אָבער מער געשאַדט, איידער געהאָלפן אין געשעפט. מען האָט
געקענט מיינען, אַז בא די אַלע מענטשן, צו וועלכע ער פלעגט
קומען, האָט זיך נישט געלייגט אויפן שכל, ווי אַזוי זייערס גאַל
מענטשן, אַלזאָ אַ מענטש פון אַ גוטער גזע און מיט אַ פאַמיליען־
נאָמען, וואָס ענדיקט זיך אויף „סקי", קען פירן אַ געשעפט, ווי
עס באַדאַרף צו זיין. פּאָלאָניעצקין האָט דאָס תחילת פאַרדראָסן,
אַז דער געזעצטער ביגעל האָט געמוזט אים איינמאָל געבן צו
פאַרשטיין מיט פאַקטן, אַז דער אומצוטרוי איז באַגרינדעט אויף
יאָרנלאַנגע ביטערע נסיונות. קענענדיק גוט די געשיכטע פון פאַר־
שידענע האַנדלס־אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, האָט ער אים אָנ־

גערופן אַ גאַנצע ריי נעמען, אָנהייבנדיק פונם פינאַנץ-דירעקטאָר, טיזנהויז און ענדיקנדיק מיט פאַרשידענע פויערן-בענק און טע-ליסן, וואָס האָבן אַ חוץ דעם נאָמען זייערן קיין שום ערדישע אין זיך נישט געהאַט, אָדער ריכטיקער געזאָגט, נישט געהאַט אונטער זיך קיין שום רעאַלן יסוד. „ס'איז נאָך נישט געקומען די צייט — האָט געזאָגט ביגעל — אָבער זי וועט קומען, אָדער ריכטיקער, זי קומט שוין. ביז איצט איז געווען בלויז אַמאַטאָרישקייט און דילע-טאַנטיזם, אַצינד ערשט הייבן אָן זיך צו באַווייזן דאָ און דאָרט פאַכלייט".

פּאָלאָניעצקי, וואָס האָט, נישט קוקנדיק אויף זיין טעמפּעראַ-מענט, געהאַט אַ גאַנץ אַנטוויקלטן באַאָבאַכטונגס-חוש, האָט געמאַכט בשעת-מעשה כּלערליי מאָדנע אַנטדעקונגען אין די קרייזן, ווו זיינע באַציונגען האָבן געעפנט פאַר אים צוטריט. ס'האָט אים אוי-מעטום באַגעגנט אָנערקענונג, וואָס ער טוט עפּעס. מען האָט עס אפילו אונטערגעשטראָכן, ס'איז אָבער געווען אין דעם אָנערקענען אויך עפּעס אַ מין חסד. יעדער איינער האָט שוין צופיל געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער איז דערמיט מסכּים, אַז ער האַלט עס פאַר בייטיק, אָבער קיינער האָט זיך נישט געהאַלטן אַזוי, ווי ער וואָלט דעם פאַקט, אַז פּאָלאָניעצקי טוט עפּעס, געהאַלטן פאַר אַ פּשוטע און נאַטירלעכע זאַך. „זיי אַלע פּראָטעזשירן מיך" — האָט גע-זאָגט פּאָלאָניעצקי — און דאָס איז אמת געווען. ער איז אויך געקומען צום באַשלוס, אַז ווען ער זאָל געווען למשל בעטן די הענט פון איינער פון די מיידלעך פון דער אַזוי גערופענער גע-זעלשאַפט — וואָלט זיין האַנדלס-באַנק-הויז און דער נאָמען „זעפּע-ריסט" געווען גיכער אַ מניעה, ווי אַ מעלה צום שידוך. מען וואָלט אים גיכער געגעבן איינע פון די מיידלעך, ווען ער זאָל, אַנשטאָט אַן אונטערנעמונג, וואָס גיט הכנסה, האָבן עפּעס אַ פאַרחובעטע גיט, אָדער ווען ער זאָל, לעבנדיק, ווי אַ גרויסער פריץ, פּשוט לעבן פון צינזן, אָדער אפילו אויפעסן דעם קרן אַליין.

מאַכנדיק אַ גאַנץ סך אַזעלכע באַאָבאַכטונגען, האָט פּאָלאָ-ניעצקי אָנגעהויבן מוותר צו זיין אויף די פאַרבינדונגען זיינע, ביז

ער האָט לסוף אײנגאַנצן זיך אָפּגעזאָגט פון זיי, בלייבנדיק בלויז בײַ ביגעלס הויז, בײַ פרוי עמיליאַ כוואָסטאָזסקי און די אַלע מע־נערישע קאָנטשאַפּטן, וואָס זענען אים נייטיק געווען אין זיין בחוריש לעבן. ער פלעגט עסן בײַ פראַנסואַ מיט בוקאָצקין, מיטן אַלטן וואָסקאָוסקין און מיטן אַדוואָקאַט מאַשקאָ, מיט וועלכע ער האָט כסדר זיך מתוּפח געווען און באַהאַנדלט כלערליי פּראָבלע־מען, ער פלעגט אָפט גיין אין טעאַטער, אויף פאַרשידענע עפנט־לעכע פאַרווײַלונגען, בכלל אָבער האָט ער געפירט אַ גאַנץ אָפּגע־זונדערט לעבן און דעריבער האָט ער, נישט־קוקנדיק אויף זיין גרויסן און דורכגעטראַכטן חשק און גאַנץ היפּש פאַרמעגן, ביז אַהער נישט חתונה געהאַט.

צופאַרנדיק, נאָך זיין קומען פון קושעמיען, כמעט גלייך צו די ביגעלס, האָט ער קודם־כל זיין גאַנץ ביטער האַרץ אויסגעגאָסן אויפן „פעטער" פּלאַוויצקי, מיינענדיק, אַז ער וועט אינם באַלע־באָס געפינען אַ פאַמעלעכן און מיטפילנדיקן צוהערער, ביגעלן אָבער האָט די מעשה קנאַפּ געאַרט און ער האָט אַ זאָג געטון:

— איך קען אַזעלכע טיפּן. איבעריקנס, דעם אמת גערעדט, פון וואַנען זאָל פּלאַוויצקי נעמען געלט, קוים האָט ער עס נישט? מיט היפּאָטעק־חובות דאַרף מען זיין אַ הייליקער סבלן. אַ גיט פאַרשלינגט לייכט געלט, גיט עס אָבער צוריק מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג.

— הצר, ביגעל — האָט אַ זאָג געטון פּאָלאַניעצקי — זינט דו האָסט אָנגעהויבן דיך צו ווערן און שלאָפסט נאָכן עסן, דאַרף מען צו דיר האָבן הייליקע סבלנות.

— אַזוי אין אמתן גערעדט — האָט אַ זאָג געטון דער נישט־געריכטער ביגעל — צי דאַרפסטו טאַקע אַזוי נייטיק דאָס געלט? פעלט דען דיר אויס דאָס געלט, וואָס יעדער איינער פון אונדז דאַרף אַריינט־אָגן?

— אינטערעסאַנט, וואָס גייט עס דיך, אָדער פּלאַוויצקין אָן? עס קומט מיר בײַ אים, מוז איך עס אָפּנעמען און פּטור.

דאָס אַריינקומען פֿון פֿרוי ביגעל מיט אַ גאַנצע חברה קליינוואַרג האָט געמאַכט אַ סוף צום סכסוך. דאָס איז געווען נאָך אַ יונגע פֿרוי, אַ טונקל־האָריקע, בלוי־אויגיקע, זייער אַ גוטע און אייביק פֿאַרנומענע מיט די זעקס קינדער אירע, וועלכע פּאָלאַניעצקי האָט אומגעהייער ליב געהאַט. זי איז פֿאַר דאָס געווען זיינס און פֿרוי עמיליאַס אַן אמתע פֿריינדין. די ביידע פֿרויען, וואָס האָבן געקענט און ליב געהאַט מאַריניאַ פּאָוויצקאַ, האָבן באַשלאָסן זי חתונה צו מאַכן מיט פּאָלאַניעצקין, ביידע האָבן זיי אים שטאַרק צוגערעדט, אַז ער זאָל פֿאָרן נאָך דעם געלט קיין קזשעמיען; דעריבער האָט פֿרוי ביגעל איצט געברענט פֿון נייגעריקייט צו וויסן, וואָס פֿאַר אַן איינדרוק דער וויזיט זייערער האָט אויף אים געמאַכט.

צוליב די קינדער האָט מען אָבער זיך נישט געקענט דערעדן. דאָס יינגסטע פֿון די, וואָס זענען שוין געגאַנגען אויף זייערע אייגענע פֿיסלעך, יאַש, האָט, אַרומגעמענדיק מיט די הענט פּאָלאַניעצקיס לידקע, אָנגעהויבן זי ציִען, שרייענדיק: „פּאַן! פּאַן!“ — וואָס עס האָט אויף זיין שפּראַך געקלונגען: פּאַם! פּאַם! — די צוויי מיידלעך, עווקאַ און יאַסיאַ, האָבן זיך אָן שום צערעמאָניעס, אַרויפֿגעכאַפּט אויפֿן יונגנמאַנס קני, און עדזשיאַ און יוזשאַ האָבן אים געמאַכט פֿאַר אַ שיפֿל. די קינדער האָבן געלייענט: „דאָס איינגענען מעקסיקע“ און געשפּילט זיך אין „איינגעמען מעקסיקע“, האָט עדזשיאַ, אויפֿהייבנדיק די ברעמען און אויפֿבערדרייענדיק די דלאָניעס אינדערהייך, אַרויסגעזאָגט מיט התלהבות:

— גוט! איך וועל זיין קאָרטעז, און יוזשיאַ דער ריטער אויפֿן פֿערד. אַז עווקאַ מיט יאַסיאַן ווילן אָבער נישט זיין קיין מאָנטעזומאַ, טאָ ווי וועט זיין? מען קען דאָך אַזוי נישט שפּילן, נישט אמת? עמעץ מוז דאָך זיין מאָנטעזומאַ, אַזיסטן וועט דאָך נישט זיין, ווער ס'זאָל אָנפֿירן מיט די מעקסיקאַנער?

— און ווו זענען די מעקסיקאַנער? — האָט אַ פֿרעג געטון פּאָלאַניעצקי.

— נו — האָט געענטפֿערט יוזשיאַ — די מעקסיקאַנער זענען דאָך די שטולן, און די שפּאַניער אויך זיי.

— וואַרט-זשע, ווייל איך זיין מאַנטעזומאַ — און איצט נעמט איין מעקסיקע.

דאָ האָט זיך צוגעהויבן אַ געוואַלטיקער טומל. פּאָלאָניעצקיס לעבעדיקייט האָט אים מינוטנווייז דערלויבט זיך צו מאַכן פאַר אַ קינד אויך. ער האָט אַזוי פאַרביסן זיך אַקעגנגעשטעלט קאָרטעזן, אַז ער האָט אים אָנגעהויבן אָפּזאָגן אין רעכט צו שטעלן אַזאַ ווי־דערשטאַנד, האַלטנדיק, נישט אָן היסטאָרישער גערעכטיקייט, אַז קוים האָט מען מאַנטעזומאַן מנצח געווען, מוז ער זיך דאָך אונטער־געבן, דערויף האָט מאַנטעזומאַ געענטפערט, אַז דאָס גייט אים קנאַפּ אָן און האָט ווייטער געקעמפט, אַזוי אַרום האָט דער שפּיל זיך פאַרלענגערט.

פרוי ביגעל אָבער האָט, נישט קענענדיק זיך דערוואַרטן דעם סוף, ענדלעך אַ פרעג געטון דעם מאַן:

— און ווי איז דורך דער וויזיט אין קזשעמיען?

— ער האָט געטון דאָס, וואָס ער טוט איצט — האָט פלעג־מאַטיש געענטפערט ביגעל — ער האָט איבערגעקערט אַלע שטולן און איז אַוועקגעפאָרן.

— ער האָט דיר עפּעס דערציילט?

— וועגן דעם מיידל האָב איך נאָך נישט באַוויזן זיך צו פרעגן, מיט פּאָוויצקין אָבער האָט ער זיך צעשיידט אַזוי, אַז ערגער קען עס שוין נישט זיין. ער וויל פאַרקויפן זיין חוב אויף קזשעמיען, וואָס עס וועט פאַרשטייט זיך גורם זיין, אַז די באַציִונגען זאָלן לחלוטין ווערן איבערגעריסן.

— אַ שאָד — האָט געענטפערט פרוי ביגעל.

באַ דער טיי, ווען די קינדער זענען אַוועק שלאָפן, האָט זי פשוט אָנגעהויבן אויספרעגן פּאָלאָניעצקין וועגן מאַריניאַן.

— כ׳ווייס נישט — האָט געענטפערט פּאָלאָניעצקי — אפשר איז זי שיין, אפשר נישט! כ׳האָב זיך דעריבער נישט אַריינגעטראַכט.

— ס׳איז נישט אמת — האָט געענטפערט פרוי ביגעל.

— זאָל זיין ס׳איז נישט אמת. זי איז וווּיל, שיין און וואָס איר ווילט אַליין. מען קען זיך אין איר פאַרליבן, מען קען מיט

איר חתונה האָבן, מיין פוס אָבער וועט מער זייער שוועל נישט איבערטרעטן. איך ווייס אויסגעצייכנט, צוליב וואָס איר האָט מיך אהינגעשיקט, ס'איז אָבער בעסער געווען מיך מזהיר צו זיין, וואָס דער פאָטער איז פאַר אַ פאַרשוין, ווייל זי מוז בטבע זיין ענלעך צו אים, און אויב אַזוי, דאַנק איך אייך!

— באַדענקט אייך, וואָס איר זאָגט: „זי איז שיין, ווייל, מען קען מיט איר חתונה האָבן" — און דערנאָך: „זי מוז זיין ענלעך צום פאָטער!" — דאָס בינדט זיך דאָך נישט

— ס'קען זיין, מיר איז אָבער אַלצייגס! כ'האָב נישט קיין מזל און געגוג!

— און איך זאָג אייך צוויי זאַכן: ראשית, אַז איר זענט געקומען אונטערן שטאַרקן איינדרוק פון מאַריניאַן, והשנית, אַז דאָס איז איינס פון די בעסטע מיידלעך, וואָס איך האָב אין לעבן געטראָפן און אַז גליקלעך וועט זיין דער, וואָס וועט זי נע-מען.

— פאַרוואָס האָט זי קיינער ביז אהער נישט גענו-מען?

— ווייל זי איז בסך-הכל אַלט איינאונצוואַנציק יאָר און איז ערשט אויף דער וועלט אַרויס. מיינט אָבער נישט, אַז זי האָט שוין נישט קיין בעלנים אויף זיך.

— זאָל זי נעמען עמעץ אַנדערש.

פּאָלאָניעצקי האָט דאָס געזאָגט, אָבער נישט אויפריכטיק, מחמת דער געדאַנק, אַז עמעץ אַנדערש קען זי נעמען, איז אים געווען געוואַלטיק אומאָנגענעם. ער איז אין האַרצן געווען דאַנק-באַר פרוי ביגעל פאַר אירע שבחים, וואָס זי האָט באַנגעזאָגט מאַ-ריניאַן.

— זאָל זיין דאָרט! — האָט ער געזאָגט — אָבער איר זענט אַ גוטע פריינדין.

— נישט נאָר מאַריניאַס, נאָר אויך אייערע. איך בעט נאָר אַן אויפריכטיקע, אָבער לחלוטין אויפריכטיקע תשובה: איר גע-פינט זיך אונטערן איינדרוק, צי ניין?

— איך? אונטערן איינדרוק? כ'דאַרף זאָגן אויפֿריכטיק — געוואַלטיק!

— זעט איר! — האָט אַ זאָג געטאָן פֿרוי ביגעל, וואָס דאָס פּנים אירס האָט אָנגעהויבן שיינען פֿון צופֿרידנקייט.

— וואָס זע איך? כ'זע גאָרנישט! זי געפֿעלט מיר געוואַלטיק — דאָס איז אמת! איר האָט קיין השגה נישט, וואָסנאָר סימפּאַטיש און צוציִענדיק ווען זי איז. זי מוז אויך זיין אַ גוטע! אָבער, וואָס קומט דערפֿון אַרויס? אַ צווייטמאָל קיין קזשעמיען קען איך דאָך נישט פֿאָרן. כ'בין אויסגעפֿאָרן אַזוי אין כּעס, אַז כ'האָב נישט בלויז פּלאַוויצקין, נאָר איר אויך, אַזעלכע אומאָנגענעמע זאַכן געזאָגט, אַז ס'איז ממש אוממעגלעך.

— איר האָט שטאַרק אָנגעברויעט?

— דאַכט זיך מער, ווי כ'האָב באַדאַרפֿט.

— דאָס קאָן מען פֿאַריכטן דורך אַ בריוו.

— איך זאָל שרייבן צו פּלאַוויצקין און אים איבערבעטן? פֿאַר קיין געלט אין דער וועלט! איבעריקנס, האָט ער דאָך מיך פֿאַרשאָלטן.

— ווי הייסט פֿאַרשאָלטן?

— אַלס פֿאָטער פֿון דער משפּחה. אין זיין נאָמען און אַלע פֿריִערדיקע דורות. כ'פֿיל צו אים אַזאַ אַפּשיי, אַז איך וואָלט קיין צוויי ווערטער נישט קענען אָנשרייבן. דאָס איז אַן אַלטער פּאַטעטישער קאָמעדיאַנט. זי וואָלט איך גערן איבערגעבעטן, אָבער וואָס וואָלט דערפֿון אַרויסגעקומען? זי מוז דאָך האַלטן מיטן פֿאָטער. דאָס פֿאַרשטיי איך דאָך אויך. אינם בעסטן פֿאַל וועט זי מיר ענטפֿערן, אַז עס איז איר זייער אָנגענעם און אונדזערע באַציִונגען וועלן זיך א בעררייסן.

— אַז עמילקאַ וועט קומען פֿון רייכנטאַל, וועלן מיר אויסזוכן עפּעס אַ תּירוץ און אַראָפּברענגען אַהער מאַריניאַן — און דאַמאָלס וועט שוין זיין אייער זאַך די מיספֿאַרשטענדענישן צו פֿאַררייבן.

— צו שפּעט, צו שפּעט! — האָט געחזרט פּאַלאַניעצקי. —

כ'האָב זיך געגעבן אַ וואָרט, אַז די סומע וועל איך פאַרקויפן, פאַרקויף איך זי.

— דאָס וועט גאָר בעסער זיין.

— ניין, דאָס וועט זיין ערגער! — האָט זיך אַריינגעמישט הער ביגעל. — איך רעד אים צו, ער זאָל די סומע נישט פאַרקויפן. איך האָף דערביי, אַז ער וועט קיין קונה נישט געפינען.

— בינו-לבינו וועט עמילקאַ פאַרענדיקן ליטקאַס קוראַציע.

דאָ האָט פרוי ביגעל זיך געווענדט צו פּאָלאָניעצקין:

— איר וועט זען, ווי אַנדערע מיידלעך וועלן איצט בײַ אייך אויסזען נאָך מאַריניאַן. איך בין נישט אַזוי נאָגט מיט איר, ווי עמילקאַ, איך וועל אָבער זיך באַמיען צו געפינען אַ ליאַדע תירוץ, כדי צו איר צוצושרייבן און דערוויסן זיך, וואָס זי טראַכט וועגן אייך.

דערמיט האָט זיך דער שמועס אָפּגעריסן. פּאָלאָניעצקי האָט, אומקערנדיק זיך אַהיים, באַמערקט, אַז מאַריניאַ האָט פונדעסטוועגן עפּעס פאַרנומען גאַרנישט קיין קליין אָרט אין זיין נשמה. דעם אמת געזאָגט, איז ער וועגן עפּעס אַנדערש נישט מסוגל געווען אפילו צו טראַכטן. ער האָט אָבער גלייכצייטיק געהאַט דאָס געפיל, אַז די באַציִונגען מיט איר האָבן זיך אָנגעהויבן בײַ נישט-גינסטיקע באַדינגונגען און ס'וואָלט אַ סך גלייכער געווען זיך אַרויסצושלאָגן פונם קאָפּ דאָס מיידל, כל-זמן ס'איז נאָך צייט. אַלס אַ מענטש, וואָס איז גייסטיק געווען גיכער שטאַרק, ווי שוואַך און וואָס איז נישט געווינט געווען זיך אָפּצוגעבן חלומות בלויז צוליב דעם, וואָס זיי זענען אים ליב, האָט ער באַשלאָסן אָפּצושאַצן די לאַגע און באַטראַכטן זי פון אַלע זייטן.

דאָס מיידל האָט לעולם פאַרמאָגט כמעט אַלע באַדינגונגען, וואָס ער האָט געקענט פאַרלאַנגען פון זיין קומענדיקער פרוי, אַ חוץ דעם איז זי אים באַזונדערס איינגעבאַקן געוואָרן אין האַרץ. זי האָט אָבער צו דעם אַלעם געהאַט אַ טאַטן, וואָס פּאָלאָניעצקי האָט אים נישט געקענט ליידן. אַ חוץ דעם טאַטן האָט זי נאָך געהאַט אַן אמתע משא אין דער פאָרם פון קזשעמיען מיט זיין אומ-

געגנט. „מיט דער פייערלעכער אַלטער מאַלפּע וועל איך זיך קיינמאָל נישט און קען זיך גאָרנישט צונויפלעבן — האָט גע־טראַכט פּאָלאָניעצקי — מחמת מיט אים זענען בלויז מעגלעך צוויי מינים באַציִונגען: אָדער מען דאַרף זיך אונטערגעבן, אויף וואָס איך בין אומבאַדינגט נישט פעיִק, אָדער יעדן טאָג אים אַ טרייסל טון, ווי כ׳האָב אים געטרייסלט אין קזשעמיען. אין דעם ערשטן פאַל, וואָלט איך, אַן אומאָפּהענגיקער מענטש, אַוועק אין אומדערטרעגלעכער קנעכטשאַפט צו דעם אַלטן עגאָיִסט, אינם צווייטן פאַל — וואָלט די ראָל פון מיין ווייב געווען אַ שווערע, אַן אומאָנגענעמע, און אונדזער צוזאַמענלעבן וואָלט געקענט דער־פון ליידן".

— איך האָף — האָט ער צו זיך ווייטער געזאָגט — אַז דאָס איז אַ ניכטערע און לאָגישע באַהאַנדלונג. ס׳וואָלט געווען בלויז דאַמאָלס פאַלש, ווען איך וואָלט זי שוין ליב געהאַט. איך מיין אָבער, אַז עס איז נאָך נישט אַזוי. איך בין פאַראינטערע־סירט מיט איר, פאַרליבט אָבער נישט. דאָס זענען צוויי באַזונ־דערע זאַכן. הייסט עס: מען דאַרף אויפהערן וועגן איר צו טראַכטן און זאָל זי עמעץ אַנדערש נעמען!

באַ דעם לעצטן געדאַנק האָט אים ווידער אָנגעהויבן ברענען דאָס לעבעדיקע געפיל פון אומאָנגענעמקייט, ער האָט אָבער אַ טראַכט געטון: „איך בין אַזוי פאַראינטערעסירט מיט איר, אַז דאָס איז גאַנץ נאַטירלעך. סוף כּל סוף האָב איך דאָך שוין נישט איין אומאָנגענעמלעכקייט אין לעבן איינגעביסן, וועל איך דאָס אויך איינבייסן. כ׳מיין אויך, אַז זי וועט פון טאָג צו טאָג אַלץ קלענער ווערן".

אינגיכן אָבער האָט ער באַמערקט, אַז אַ חוץ דער אומאָנ־גענעמלעכקייט באַלייזט אין אים נאָך אַ געפיל פון עגמת־נפש, וואָס ער האָט פאַרלוירן די אויסזיכטן, וועלכע האָבן זיך פאַר אים געעפנט. ס׳האָט זיך אים געדאַכט איצט, אַז מען האָט פאַר אים אויפגעהויבן עפּעס אַ פאָרהאַנג פון דער צוקונפט און געוויזן, וואָס עס וואָלט געקענט זיין, און דערנאָך פּלוצלינג אַראָפּגעלאָזט אַזוי,

אַז דאָס לעבן זייַנס איז צוריק אַוועק אויפֿן פֿריִערדיקן וועג, וואָס פֿירט ענדלעך צו גאָרנישט, אָדער ריכטיקער, צו פּוסטקייט. פּאָלאָניעצקי האָט, ווי די מעשה זאָל נישט זייַן, געפֿילט, אַז דער אַלטער פֿילאָזאָף וואָסקאָווסקי איז גערעכט און אַז מאַכן געלט איז סוף־כּל־סוף בלויז אַ מיטל. ווייטער דאַרף דאָס לעבנס־רעטעניש אַנדערש באַשיידן ווערן. ס'מוז זייַן עפּעס אַ ציל, עפּעס אַן ערנסטע אויפֿגאַבע, וואָס, אויב זיי ווערן אויסגעפֿירט אָרנטלעך און פּשוט, פֿירן זיי צו גייסטיקער באַרויִקונג. דידאָזיקע באַרויִקונג איז די נשמה פֿונם לעבן — און אָן איר האָט עס, קורץ גערעדט, קיין שום זין נישט. פּאָלאָניעצקי איז אין אַ געוויסן זין געווען אַ קינד פֿון זייַן צייַט, דאָס הייסט, ער האָט אויך געטראָגן אין זיך אַ חלק פֿון דערדאָזיקער אומרויִקייט, וואָס איז אין דער הייַנטיקער ירידה־תּקופֿה דער קאָשמאַר פֿון דער מענטשהייט. און אים זענען מערבּיק געוואָרן די יסודות, אויף וועלכע עס האָט זיך איצט באַגרינדעט זייַן לעבן. און ספֿקות האָבן אים באַהערשט, צי דער ראַציאָנאַליזם, וואָס שטויסט זיך אָן אין אַלע שטייַנער אויפֿן וועג איז מסוגל צו פֿאַרשיטן די אמונה, און אמונה האָט ער ביז איצט נישט באַקומען. פֿון די מאָדערנע „דעקאַדענטן" האָט ער זיך אונטערשיידט דערמיט, וואָס ער איז נישט געווען פֿאַרליבט אין זיך, אין זייַנע נערוון, אין זייַנע ספֿקותן, אין זייַן גייסטיקער דראַמע און האָט זיך נישט געגעבן קיין כּוח־הרשאה אויף אומגעלומפּערטקייט און ליידיקגייעריי. פּאַ־קערט, ער האָט מער אָדער ווייניקער געהאַט אַ באַוווסטזיניק געפֿיל, אַז דאָס לעבן, ווי עס איז, געהיימנישפֿול, צי נישט געהיימנישפֿול, מוז ווערן אויסגעפֿילט מיט אַ רײ אַרבעטן און מעשים.

ער האָט געהאַלטן, אַז אויב ס'איז אוממעגלעך צו ענטפֿערן זיך אויף יעדן „פֿאַרוואָס", דאַרף מען פֿונדעסטוועגן עפּעס טון — מחמת די טאַט גופֿא קען זייַן אין אַ געוויסער מאָס אַן ענטפֿער. זי קען זייַן נישט צו דער זאַך, אָבער אַ מענטש, וואָס ענטפֿערט אַזוי, וואַרפֿט פֿון זיך לפּחות אַראָפּ דאָס אחריות. וואָס־זשע בלייַבט אַלזאָ? גרינדן אַ משפּחה און געזעלשאַפֿטלעכע אַרבעט. סיי דאָס ערשטע, סיי דאָס צווייטע דאַרף אָבער אין אַ געוויסער־

מאָס זיין רעכט פון דער מענטשלעכער נאַטור און איר גורל, וואָרים אַנדערש וואָלטן מענטשן נישט חתונה געהאַט און נישט געבינדן זיך אין געזעלשאַפטן. דידאָזיקע מין פילאָזאָפיע, וואָס האָט מיטן שכל געשטיצט פּאָלאַניעצקיס אינסטינקט, האָט אים אָנגעוויזן אויף חתונה האָבן אַלס אויף איינעם פון די עיקר־צילן פונם לעבן. זיין ווילן איז פון לאַנג אָן שוין געווען אָנגעשטרענגט און צוגעווענדט צו דעם ציל. אַ קורצע צייט האָט זיך אים פריילין מאַריניאַ אויסגעוויזן פאַרן האָפן „צו וועלכן עס שטרעבט אין אַ פאַרוואָלקנטער נאַכט זיין שיף". — איצט, בשעת ער האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז די פייערן פון האָפן זענען נישט פאַר זיינע אויגן צוגעצונדן, אַז מען דאַרף שווימען ווייטער, האָט אים באַהערשט אַ געפיל פון מידעקייט און צער. אָבער זיינע אייגענע אויספירן האָבן זיך אים אויסגעוויזן לאָגיש און ער האָט זיך אומגעקערט אַהיים, כּמעט איינגאַנצן אָן איבערצייגטער, אַז „נאָך נישט די" און „נאָך נישט דאָסמאָל".

אויפצומאָרגנס, בשעת ער איז אַוועק אויף מיטאָג, האָט ער אין רעסטאָראַן באַגעגנט וואָסקאָווסקין מיט בוקאַצקין. אין אַ ווײַלע אַרום איז אַריין אויך מאָשקאָ, מיט זיין חוצפּהדיק פּנים, מיט די לאַנגע פּאַוואָריטן, מיטן מאָנאָקל אין אויג, מיט פלעקן אויף די באַקן און אין אַ ווייסער וועסט. נאָכן באַגריסן זיך האָבן זיי אָנגעהויבן אויספרעגן פּאָלאַניעצקין וועגן זיין מאַרש אויף פּלאַוויצקין, מחמת זיי האָבן טיילווייז געוווסט, צוליב וואָס די דאַמען האָבן זיך איינגעשפּאַרט, אַז ער זאָל פּערזענלעך אַראָפּפאָרן, אַ חוץ דעם האָבן זיי געקענט פריילין פּלאַוויצקאַ פון עמיליאַ כוואַסטאָווסקאַ.

נאָכדעם, ווי זיי האָבן אויסגעהערט די מעשה, האָט דער דורכזיכטיקער, ווי סעווערער פּאָרצעלאַן, בוקאַצקי, אַ זאָג געטון מיט זיין געוויינטלעכער פלעגמאַטישקייט:

— אַלזאָ, מלחמה? דאָס איז אַ מיידל, וואָס ווירקט אויף די נערוון און ס'איז איצט די רעכטע צייט צו מאַכן אַן אַטאַקע אויף איר, אַ פּרווו אויף אַ שטיינערנעם וועג נעמט גיכער אָן די האַנט, וואָס מען לייגט איר פאָר, ווי אויף אַ גלייכן שליאַך.

— דערלאַנג-זשע איר — האָט געענטפֿערט מיט אַ געוויסער אומגעדולדיקייט פּאָלאָניעצקי.

— זעסט, מיין ליבער, ס'זענען פֿאַרהאַן דריי מניעות. קודם-כּל ווירקט אויף מיינע נערוון נאָכמער פֿרוי עמיליאַ, שנית האָב איך יעדן פֿרימאָרגן אַ ווייטיק אין האַלדז און אויפֿן הינטערשטן טייל קאָפּ, וואָס עס זאָגט פֿאָר אַ מאָרך-קראַנקהייט, — והשלישית, בין איך פֿויל.

— דו ביסט פֿויל?

— לכל-הפּחות איצט: כ'האָב געקויפֿט העכער צען פֿאָלקן אַלס „איוואַן לאַ לעטר" און כ'האָב זיך אויסגעבאָדן אָן ערך אויף אַ חודש — און אויב כ'וועל באַקומען פֿון איטאַליע וואַסאַקיאַ, וועגן וועלכן איך פֿיר איצט אונטערהאַנדלונגען, בין איך אַ פּאַרטיקער אויף אַ גאַנץ יאָר.

וואַסקאָווסקי, וואָס איז לויט די שטייגן, אָדער ריכטיקער, לויט די פֿלעקן אויפֿן פּנים, געווען ענלעך אַ ביסל צו מאַשקאָן, הגם ער איז געווען אַ סך עלטער און געהאַט אַ זיס פּנים אינגאַנצן, האָט אָפּגעשטעלט זיינע בלויע אויגן אויף בוקאַצקין און אַ זאָג געטון:

— דאָס איז די מחלה פֿון דער צייט. פֿון אַלע זייטן נאָר קאָלעקציאָנערישקייט און קאָלעקציאָנערישקייט.

— אַהאַ! עס גייט שוין אַ וכּוח — האָט באַמערקט מאַשקאַ.

— מיר האָבן דאָך נישט קיין בעסערע אַרבעט — האָט געענטפֿערט פּאָלאָניעצקי.

בוקאַצקי האָט אויפֿגעהויבן די הענטשקע.

— וואָס אַרט אייך ווידער די קאָלעקציאָנערישקייט?

— גאָרנישט — האָט געענטפֿערט וואַסקאָווסקי — דאָס איז אַזאַ זקנהדיקער, פֿאַר דער היינטיקער צייט אָפּגעמאָסטענער, אופֿן פֿון ליב האָבן קונסט. האַלט איר נישט, אַז עס איז דאָ אין דעם עפּעס פֿאַרשימלטס? נאָך מיין מיינונג נאָך, איז עס זייער כאַראַקטעריסטיש. אַמאָל האָט מען געהאַט אין זיך דעם ברען פֿאַר דער גרויסער קונסט, מען האָט זי ליב געהאַט, ווי זי

איז נאָר געווען: אין מוזייען, אין קלויסטערס; היינט פירט מען עס אַראָפּ צו זיך אין פּריוואַטן קאַבינעט אַריין. אַמאָל האָט זיך מיט דעם קאָלעקציאָנערן געענדיקט, היינט הייבט זיך עס אָן דערמיט — און דווקא מיט משונהדיקע זאַכן. כ'מיין נישט בוי־קאָצקין, אָבער יעדער ייִנגלטשיגע, וואָס האָט אַ ביסל געלט, הייבט היינט אָן קאָלעקציאָנירן — און וואָס מ'שטייגס געזאָגט: אָפּט־מאָל נישט קיין קונסט־ווערק, נאָר עפּעס משונהדיקע זאַכן, אָדער אַלנפּאַלס קלייניקייטן. זעט איר, מייַנע טייערע, מיר האָט זיך תּמיד געדאַכט, אַז ליבע און בעלנות זענען צוויי באַזונדערע זאַכן און איך האַלט למשל, אַז אַ גרויסער בעלן אויף ווייַבער איז נישט קיין מענטש, וואָס איז פּעיִק אויף אַ העכער גע־פיל.

— דאָס קען זיין. אין דעם איז עפּעס פאַראַן! — האָט אַ זאָג געטון פּאָלאָניעצקי.

— וואָס קען עס מיך אָנגיין — האָט געזאָגט מאַשקאָ, צו־קעמענדיק מיט די פינגער זייַנע ענגלישע באַקנבערד — אין דעם שטעקט קודם־כּל די השפּעה פון אַלטן לערער אויף דער נייער צייט.

— פון לערער? — האָט איבערגעחזרט וואָסקאָווסקי — קודם־כּל פון דער צייט. קוים איז מיר אַראָפּגעפאַלן אומגעריכט אַ שטיק ברויט, זאָג איך זיך אָפּ פון אַ שחיטה אויף אומשולדיקע נפשות און פון הורדוסעס ראָל. צווייטנס, איר מיינט, אַז איך בין משפּיע. איך באַמערק מיט שמחה און פאַרצייכן וואָס אַמאָל נייע ראיות, אַז מיר געפינען זיך אויף דער שוועל פון אַ תּקופה און אַז עס וועט אינגיכן קומען אַ נייע.

— מיר געפינען זיך אויפן פּולן ים און מיר וועלן אינגיכן קומען צו אַ ברעג — האָט אַ מרוק געטון מאַשקאָ.

— לאָז צורו — האָט געענטפערט פּאָלאָניעצקי.

— וואָסקאָווסקי איז אָבער גאָרנישט נתפּעל געוואָרן און ווייטער גערעדט:

— בעלנות פירט צו ראַפינירטקייט, אין דער ראַפינירטקייט

גייען לאיבוד גרויסע אידעאַלן און טרעטן אָפּ דעם חשק צו געניסן. דאָס אַלץ איז נישט מער, ווי געצנדינערײַ. קיינער גיט זיך נישט אָפּ קיין חשבון אויף ווי ווייט מיר זענען בעוואָרן געצנדינער, וואָס־זשע איז? ס׳איז פאַראַן אַן אַרישער גייסט, וואָס ווערט נישט אויס־געטריקנט, ווערט קיינמאָל נישט אויסגעלאָשן, וואָס האָט אין זיך גאָטס אָטעם, אַלזאָ שעפערישע קראַפט — און דעם גייסט איז שוין ענג אין די געצנדינערישע שטריק און די רעאַקציע הייבט זיך שוין אָן, די רענעסאַנס וועט זיך אָנהייבן אויף דעם געביט, פּונקט ווי אין אַלע אַנדערע אויף גאָטס־וועלטל... ס׳איז קיין ספק נישט.

וואָסקאָווסקי, וואָס האָט געהאַט אויגן פון אַ קינד, דאָס הייסט אַזעלכע, וואָס שפּיגלען אָפּ זאַכן בלויז אויסערלעך און זענען אייביק פאַרקוקט עפּעס, ווי אין דער וועלט אַריין, האָט זיך איצט אָפּגעשטעלט אויף די פענסטער, דורך וועלכע מען האָט אָנגעזען די שוואַרצע כמאַרעס, צווישן וועלכע ס׳האָבן וווּ־נישט־וווּ זיך דורכגעריסן שטראַלן פון דער זון.

בוקאָצקי האָט אַ זאָג געטון:

— אַ שאָד, וואָס דער קאָפּ טוט מיר אַ ביסל וויי, ווייל דאָס וועט זיין אַן אינטערעסאַנטע תקופה.

מאָשקאָ אַבער, וואָס האָט וואָסקאָווסקין גערופן „די זעג" און זיך געלאַנגווייליקט פון זיינע וכוחים, וואָס ער פלעגט אָנהייבן צוליב אַ ליאַדע סיבה, אָדער אָן אַ סיבה אפילו, האָט אַרויסגענו־מען פון בוזעם־קעשענע, פון סורדוט, אַ ציגאַר, אָפּגעביסן דעם שפּיץ און ווענדנדיק זיך צו פּאָלאָניעצקין אַ זאָג געטון:

— הער, כטאַך, דו מיינסט עס טאַקע אויפן אמתן צו פאַר־קויפן די סומע, וואָס דיר קומט אויף קזשעמיע?

— אומבאַדינגט. וואָס פרעגסטו עפּעס?

— ווייל איך וואָלט אפשר ר ע פ ל ע ק ט י ר ט.

— דו?

— יאָ. ווייסט, איך רעפלעקטיר אָפט אויף אַזעלכע מינים געשעפטן. מיר קענען דערפון אַ שמועס טון. היינט קען איך דיר זיכער גאָרנישט זאָגן, מאָרגן אָבער וועל איך זיך הייסן שיקן אַן אויסווייז פון דער היפּאָטעק פון קזשעמיען און כ׳וועל דיר זאָגן,

ווי עס האַלט. אפשר וועסטו נאָכן עסן קומען צו מיר אויף קאַ־ווע, וועלן מיר, קען זיין, אפשר עפּעס מאַכן.

— ג״ט. אויב עס וועט עפּעס זיין, וואָלט איך וועלן וואָס גיכער, ווייל תיכף, ווי כ׳וועל נאָר דע־לייריקן מיט ביגע...ן, וואָלט איך אַוועקפאָרן.

— וווהין קלייבסטו זיך? — האָט אַ פרעג געטון בו־קאַצקי.

כ׳ווייס נישט. אין שטאָט איז שוין צו הייס. עפּעס ערגעץ צו דיביימער און וואַסערן.

— אויך אַן אַלט איבערעדעניש — האָט אַ זאָג געטון בו־קאַצקי — אין שטאָט איז אויף איין זייט געוויס תמיד דאָ אַ שאָטן און דאָס איז אין דאָרף נישטאָ. איך גיי מיר אויף דער שאָטנדיקער זייט און ס׳איז מיר גוט; דעריבער פאָר איך זומער קיינמאָל פון שטאָט נישט אַרויס.

— און דער פּראָפעסאָר קלייבט זיך אויך אין ערגעץ נישט? — האָט פּאָלאָניעצקי אַ פרעג געטון וואָסקאָווסקין.

— יאָ. פרוי עמיליאַ רעדט מיך צו צו פאָרן קיין רייכנהאַל. אפשר וועל איך טאַקע אַהינפאָרן.

— נו, לאָמיר פאָרן צוזאַמען. מיר איז אַלצייננס, וווהין צו פאָרן. כ׳האָב ליב זאַלצבערג, אַ חוץ דעם, וועט מיר זייער אָנגענעם זיין צו זען פרוי עמיליאַן מיט ליטקאָן.

בוקאַצקי האָט אויסגעשטרעקט זיין דורכזיכטיקע האַנט, גע־נומען פון גלעזעלע אַ ציינשטעכער און אויסשטעכנדיק די ציין, אָנגעהויבן רעדן מיט זיין קאַלטער און גלייכגילטיקער שטימע:

— עס זידט אין מיר אַזאַ ווילדער שטורם פון קנאה, אַז איך בין גרייט מיט אייך מיטצופאָרן. פּאָלאָניעצקי, היט זיך, כ׳זאָל נישט אויסשיסן, ווי דינאַמיט.

עס איז געווען עפּעס אַזאַ אַמוזאַנטע סתירה צווישן בו־קאַצקיס ווערטער און דעם טאָן זיינעס, אַז פּאָלאָניעצקי האָט אָנגעהויבן לאַכן. אין אַ ווײַלע אַרום אָבער האָט ער געענט־פערט:

— עס איז מיר גאָרנישט געקומען אין קאָפּ אַריין אפילו,

אַז מען קען זיך פֿאַרליבן אין עמיליאַן. אַ דאַנק פֿאַר דער אי־
דעע!

— ווי צו אייך ביידן — האָט אָפּגעענטפֿערט בוקאָצקי,
אויסשטעכנדיק ווייטער די ציין.

## V.

אויפצומאָרגנס, נאָכן פריִען מיטאָג בײַ די ביגעלס, איז פּאָלאָניעצקי, אין דער באַשטימטער שעה, אַוועק צו מאָשקאָן. מען האָט דאָרט משמעות געוואַרט אויף אים, ווייל אין קאַבינעט האָט ער שוין געטראָפן אַ פּראַכטפול געשעף צו שוואַרצע קאַווע און גלעזלעך אויף ליקער. מאָשקאָ אַליין האָט זיך אָבער תיכף נישט באַוויזן, ווייל, ווי דער דינער האָט געזאָגט, ער האָט אויפגענומען עפּעס דאַמען. דורך דער טיר האָט זיך פון זאַל עפּעס געהערט זיין שטים און פרויען-רייד. פּאָלאָניעצקי האָט זיך דערווייל אָנגעהויבן צוקוקן צו מאָשקאָס אורעלטערן, וואָס אַ טייל פּאָרטרעטן זייערע איז געהאָנגען אויף די ווענט און וואָס אין זייער עכטקייט זענען די פרייבט פון יענגן אַדוואָקאַט מסופק געווען. דערהויפּט האָט איין שיקלדיקער אייפּולאַט געגעבן בוקאָצקין מאַטעריאַל אויף פאַרשידענע חכמות, מאָשקאָן אָבער האָט דאָס נישט ווייניק וואָס בעאַרט. ער האָט באַשלאָסן, ווי די מעשה זאָל נישט זיין, אָנוואַרפן דער וועלט — זיך, זיינע ייִדעס, זיין גאונות און געשעפטן, וויסנדיק, אַז אין דער געזעלשאַפט, אין וועלכער ער לעבט

וועלן לייט דערפון חזק מאַכן אַ ביסל, קיינעם אָבער וועט נישט קלעקן קיין ענערגיע אַקטיוו אַרויסצוטרעטן קעגן דידאָזיקע פּרעטענזיעס. האָבנדיק אַליין ענערגיע און העזה אָן אַ שיעור, אַחוץ דעם, אַ געלענק אין געשעפט, האָט ער באַשלאָסן זיך צו דערשלאָגן און דער הייך אַרויף מיט דער הילף פון דידאָזיקע מיטלען. מענטשן וואָס האָבן אים נישט ליב געהאַט, האָבן אים אָנגערופן אומפאַרשעמטער, און ער איז עס באמת געווען, אָבער מיט אויסרעכענונג.

אַרויסקומענדיק אַליין פון אַ משפּחה, וואָס איז אפילו פון קנאַפּן יחוס, האָט ער זיך באַצויגן צו מענטשן, וואָס שטאַמען פון אַלטע משפּחות, ווי ער וואָלט אַרויסגעקומען פון אַ סך אַ בעסערער גזע פון זיי, רייכע מענטשן, — ווי ער וואָלט געווען אַ סך רייכער פון זיי, — און דאָס האָט זיך אים איינגעגעבן — דידאָזיקע טאַקטיק האָט זיך אויפגעטון אירס, ער האָט זיך בלויז געהיטן נישט צו מאַכן זיך לעכערלעך, אָבער גרענעצן אין זיין אַרט האַנדלונג האָט ער זיך אָנגעצייכנט זייער ברייטע. סוף־כּל־סוף איז ער געקומען צו די רעזולטאַטן, וואָס ער אַליין האָט געוואָלט: מען האָט אים אומעטום אויפגענומען און אים אויסגעאַרבעט אַ גרויסן קרעדיט. אַ טייל געשעפטן האָבן אים באמת געבראַכט גרויסע ריווחים, ער האָט אָבער קיין געלט נישט געזאַמלט. ער האָט געהאַלטן, אַז ס'איז נאָך נישט געקומען די צייט און אַז ער מוז נאָך אַריינלייגן אין דער צוקונפט אַריין, אויב ער וויל, אַז זי זאָל אים ברענגען די הכנסה, וואָס ער פאַרלאַנגט פון איר. קיין געלט האָט ער נישט אויסגעברענגט און נישט געלעבט צו־פיל ברייט, האַלטנדיק, אַז אויף אַזאַ אופן קומען אַריין אין דער געזעלשאַפט אויפגעקומענע גבירים — אָבער, וווּ מען האָט באַדאַרפט, האָט ער זיך אַרויסגעוויזן, ווי ער פלעגט אַליין זאָגן „סאָליד־ברייט". מען האָט אים אויך געהאַלטן פאַר אַ מענטש אַ גלאַטן אין געשעפט און קודם־כּל פאַר אַ וואָרטסמאַן.

זיין האַלטן וואָרט האָט אים אייגנטלעך געשטיצט אויף קרעדיט, עס האָט אים אָבער אויך אונטערגעהאַלטן ביז גאָר, און דאָס האָט אים ווידער דערלויבט צו מאַכן באמת גרויסע געשעפטן.

ער האָט זיך פאַר קיין זאַך אין דער וועלט נישט אָפּגעשטעלט. ער האָט, אַ חוץ דרייסטקייט און געוויסן אימפּעט, וואָס האָט אויסגעשלאָסן יעדן לאַנגן שהיות, פאַרמאָגט אויך בטחון אין זיין מזל. דער דערפאָלג האָט נאָכמער פאַרשטאַרקט דעמדאָזיקן בטחון. ער האָט אייגנטלעך אַליין נישט געוווּסט, וויפיל ער פאַרמאָגט, אָבער געדרייט מיט גרויסע געלטער, און מענטשן האָבן אים דעריבער געהאַלטן פאַר אַן עושר.

סוף־כּל־סוף איז די ספּרוזשינע פון זיין לעבן געווען גיכער גאווה, ווי גייציקייט. ער האָט טאַקע געוואָלט זיין רייך, קודם־כּל אָבער האָט ער געוואָלט מען זאָל אים האַלטן פאַר אַ גרויסן פּריץ, פון ענגלישן שניט. ער האָט אפילו צוגעפּאַסט זיין אויטערלעך אויסזען דערצו און איז געווען כמעט שטאָלץ פון זיין מיאוסקייט, מחמת זי האָט זיך אים אויסגעוויזן אַריסטאָקראַטיש. ס׳האָט עפּעס געשטעקט, אויב נישט קיין אומגעוויינטלעכס, איז לכל־הפּחות עפּעס נישט היימישס, אין זיינע אָנגעבלאָזענע מאַנירן, אין די ברייטע נאָזלעכער און אין די רויטע פלעקן אויפן פּנים. ס׳איז געווען אַ געוויסע קראַפט און ברוטאַליטעט אין זיי, וועלכע עס פאַרבאָרגן צייטנווייז ענגלענדער, און דעמדאָזיקן אויסדרוק האָט נאָכמער פאַרשטאַרקט דאָס, וואָס טראָגנדיק ברילן, האָט ער געמוזט פאַררייסן דעם קאָפּ אינדערהייך, און בשעת דעם צעקעמען מיט די פינגער די העלע באַקנבערד, האָט ער אים נאָכמער פאַריסן.

פּאָלאָניעצקי האָט תחילת דאָס נישט געקענט ליידן און האָט דאָס גאַנץ ווייניק באַהאַלטן; שפּעטער האָט ער זיך צוגעוווינט דערצו, בפרט ווען מאָשקאָ איז מיט אים זיך באַגאַנגען אַנדערש, ווי מיט אַנדערע, אפשר צוליב דעם, וואָס ער האָט בשתיקה פון אים געהאַלטן, אָדער אפשר דערפאַר, וואָס ער האָט געוווּסט, אַז נאַרן אַזאַ נערוועזן מענטש האָט געהייסן תּיכּף כאַפּן אַ יאָג, וואָס וואָלט אין בעסטן פאַל געווען אומאָנגענעם. אַ חוץ דעם האָבן די יינגעלייט, טרעפנדיק זיך אָפּט, צוגעוווינט זיך צו זייערע קעגנזייטיקע שוואַכקייטן און איצט, למשל, ווען מאָשקאָ האָט, באַגלייטנדיק די דאַמען, זיך באַוויזן אין קאַבינעט, האָט ער פון זיך אַראָפּגעוואָרפן אויף אַ ווײַלע זיין גדלות, און באַגריסנ-

דיק פּאַלאַניעצקין, אַנגעהויבן רעדן מיט אים, ווי אַ פּשוטער בשר־ודם און נישט ווי עפּעס אַ גרויסער פּריץ, אָדער ענגלענדער.

— מיט ווייבער! מיט ווייבער! cèst teyours une mer à boire! כ׳האָב איינגעאָרדנט זייער ביסל געלט און צאָל זיי פּראָצענט צו דער צייט. ניין! זיי מוזן לכל־הפּחות איינמאָל אין וואָך קומען זיך פרעגן, צי ס׳איז נישט פאָרגעקומען עפּעס אַן ערדציטערניש.

— וואָס רעדסטו? — האָט אַ פרעג געטון פּאַלאַניעצקי.

— קודם־כל, טרינק קאַווע.

און אָנציגנדיק דעם שפּירט אין דער מאַשינקע, האָט ער אַ זאָג געטון:

— מיט דיר לפּחות וועל איך נישט האָבן קיין צרות. דעם היפּאָטעק־אויסווייז האָב איך געזען. דאָס געלט איז נישט לייכט אויפצומאָנען, אָבער האַלטן עס פאַר פאַרפאַלן קען מען אויך נישט. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס אויפמאָנען פאַרלאַנגט הוצאות, נסיעות און אַזוי ווייטער, דעריבער קען איך דיר נישט געבן אַזוי־פיל, וויפיל דער ענין באַטרעפט, כ׳וועל דיר אָבער געבן צוויי־דריטל דערפון, און אויסצאָלן עס דיר אין משך פון אַ יאָר אין דריי טערמינען.

— היות, כ׳האָב זיך געגעבן אַ וואָרט, אַז כ׳וועל דערפון פּטור ווערן, אפילו פאַר ווייניקער, באַשטיי איך. ווען־זשע וועט זיין דער ערשטער טערמין?

— אין אַ פערטל יאָר אַרום.

— וועל איך לאָזן ביגעלן אַ כּוח־הרשאה אויפן פאַל, ווען איך זאָל אַוועקפאָרן.

— איצט קלויבסטו דיך קיין רייכנהאַל?

— מסתּמא.

— ע, ווער ווייסט, צי בוקאַצקי האָט דיר באמת נישט אונטערגערוקט עפּעס אַ געדאַנק?

— יעדער האָט זיך זיינס. דו, למשל... צוליב וואָס קויפסטו דען דעם חוב אויף קזשעמיען? ס׳איז דאָך פאַר דיר אַ צו קליין געשעפט.

— צווישן גרעסערע מאַכן זיך אויך קלענערע. מיט דיר אָבער וועל איך זיין אָפנהאַרציק דו ווייסט דאָך, אַז הן מיין מצב, הן מיין קרעדיט געהערן נישט צו די לעצטע, דאָס ערשטע און דאָס צווייטע וועלן אָבער פאַרגרעסערט ווערן, ווען כ׳וועל האָבן אַ שטיק ערד און דערצו נאָך אַזאַ גרויס. — פון פלאַוויצקין אַליין, האָב איך בשעתו געהערט, אַז ער איז גרייט צו פאַרקויפן קזשעמיען. כ׳בין משער, אַז איצט איז ער נאָכמער גרייט און אַז דאָס גאַנצע גיט וועט מען קענען קויפן ביליק, אויף אויסצאָל, פאַר אַ גאָרנישט כמעט, מיט אַן הוספה פון rente viagere · איבעריקנס, מיר וועלן זען! שפּעטער, אַז כ׳וועל עס אַ ביסל ברענגען אין אָרדנונג, ווי אַ פערד צום יאַריד, וועט מען עס קענען פאַרקויפן, דערווייל וועל איך האָבן אַן אייגנטום, וועגן וועלכן, צווישן אונדז גערעדט, עס גייט מיר זייער שטאַרק.

פּאָלאָניעצקי האָט אַ ביסל געצווינגען זיך צוגעהערט צו מאַשקאָס רייד, און דערנאָך אַ זאָג געטאָן:

— כ׳מוז דיר אויך זאָגן אָפנהאַרציק: די קניה וועט דיר לייכט נישט אָנקומען. פריילין פלאַוויצקאַ איז שטאַרק קעגן דעם פאַרקויפן, ווי אַלע ווייבער! זי איז פאַרליבט אין איר קזשעמיען און וועט טאָן אַלץ, אַז עס זאָל בלייבן בײַ איר און בײַם פאָטער אין די הענט.

— וועל איך אין ערגסטן פאַל בלייבן הער פלאַוויצקיס אַ בעל-דבר, און מיין נישט, אַז דער חוב וועט מיר פאַרפאַלן ווערן. קודם-כל קען איך אים, פונקט ווי דו, צוריק פאַרקויפן, והשנית, אַלס אַדוואָקאַט, איז מיר אַ סך לייכטער אים אַרויסצובאַקומען. איך קען אַליין געפינען אופנים פון אויסצאָלן און אָנווייזן זיי פלאַוויצקין.

— דו קענסט אויך אַרויפלייגן אַן אַרעסט אויף קזשעמיען און קויפן עס אויף דער ליציטאַציע.

— כ׳וואָלט געקענט, ווען כ׳זאָל זיין אַן אַנדערער, פאַר מאַשקאָן אָבער פּאַסט עס נישט. ניין! ס׳וועלן זיך געפינען אַנדערע מיטלען, אויף וועלכע פריילין פלאַוויצקאַ, וועלכע איך שעץ און שטעל הויך, וועט אפשר אויך מיט פאַרגעניגן מסכים זיין.

פּאָלאָניעצקי, וואָס האָט אין דער מינוט געענדיקט טרינקען דאָס ביסל איבערגעבליבענע קאַווע, האָט פּלוצלינג אַוועקגעשטעלט דאָס שעלעכל אויפן טיש.

— אַ! — האָט ער אַ זאָג געטון — מען קאָן אַזוי אויך באַקומען דאָס רעכט אויף דעם אייגנטום.

און ס'האָט אים ווידער באַהערשט אַ געפיל פון גרויס אומאַנגענעמלעכקייט און כעס. בשעת־מעשה האָט ער געוואָלט זיך אויפהייבן און אַ זאָג טון צו מאַשקאָן: „די סומע וועל איך נישט פאַרקויפן!" און אַוועקגיין. ער האָט זיך אָבער איינגעהאַלטן, מאַשקאָ ווידער האָט געקעמט זייגע באַקנבערד און געענטפערט:

— און אפשר טאַקע?... כ'גיב דיר מיין וואָרט, אַז כ'האָב אין דער מינוט נאָך נישט דעם פּלאַן, כ'האָב אים לפּחות קלאָר נישט פעסטגעשטעלט. אָבער... ווען יאָ? מיט פרייל'ין פּלאַוויצקאַ האָב איך מיך בשעתּה באַקענט אין וואַרשע, איינמאָל עפּעס אין ווינטער, און זי איז מיר זייער געפעלן. די גזע איז אַ גוטע, דאָס גיט איז חרוב, אָבער גרויס, און מען קען עס ראַטעווען. ווער ווייסט! ס'איז אַ געדאַנק, ווי יעדער אַנדערער. איך בין מיט דיר זייער אָפן, איבעריקנס, ווי אַלעמאָל. דו ביסט כלומרשט געפאָרן נאָך געלט, איך האָב אָבער געוווּסט פאַרוואָס די דאַמען האָבן דיך אַהינגעשיקט. ביסט אָבער צוריקגעקומען בייז ווי אַ רוח, בין איך זיך משער, אַז דו האָסט נישט קיין שום אַזעלכע כוונות. אויב דו וועסט מיר זאָגן, אַז כ'האָב אַ טעות, טרעט איך תּיכף ומיד אָפּ — נישט פונם פּלאַן, ווייל, ווי כ'האָב דיר געזאָגט, האָב איך אים נאָך נישט, אָבער אפילו פון דער מחשבה וועגן דעם, ווי פון עפּעס אַ מעגלעכע זאַך. כ גיב דיר מיין וואָרט, אויב אָבער נישט אַזוי, זאָלסטו זיך נישט האַלטן באַם פּרינציפּ: „נישט פאַר מיר, נישט פאַר עמעצן אַנדערש" און פאַרשטעל נישט דעם מיידל דעם וועג. און איצט, הער איך דיך אויס.

— פּאָלאָניעצקי האָט זיך דערמאָנט אָן זיינע נעכטיקע אויספירן; ער האָט אויך אַ טראַכט געטון, אַז מאַשקאָ איז גערעכט, ווען ער זאָגט, אַז אויב אַזוי, דאַרף איך נישט פאַרשטעלן דעם

מיידל דעם וועג צו קיין זאַך, און אין אַ צייט אַרום האָט ער אַ זאָג געטון:

— ניין, מאָשקאָ, איך האָב בנוגע פריילין פלאַוויצקאַ קיין שום כוונות נישט. דו מעגסט מיט איר חתונה האָבן אָדער נישט, הגם עס איז פאַר מיר נוצלעך: דאָס, וואָס דו קויפסט אָפּ דעם חוב. איך גלייב, אַז דו האָסט נאָך נישט גרייטן פּלאַן, אין פאַל אָבער, ווען דו וועסט אים פאַרנעמען? ס'וועט עפּעס אויסזען מאָדנע... ווי עפּעס אַ דראַנג, עפּעס אַ נעץ... ס'איז דיין זאַך...

— זי איז אַזוי ווייט מיין, אַז ווען דאָס זאָל מיר זאָגן עמעץ אַנדערש, נישט דו, וואָלט איך אים דער ערשטער דערמאַנט דערינען. כ'קאָן דיר אָבער ערוב זיין, אַז ווען כ'זאָל זיך דערויף אַנטשליסן, און וואָס כ'בין מספּוק, וואָלט איך נישט געפאָדערט פריילין פלאַוויצקאַס האַנט, אַלס פּראָצענט פאַר מיין חוב. קוים קאָן איך מיר ערלעך זאָגן, אַז כ'וואָלט דעם חוב אָפּגעקויפט לכל-הדעות, האָב איך דערמיט אַליין שוין רעכט אים צו קויפן. קודם-כל באַם היינטיקן מצב-העניינים, ווייל איך קויפן קושעמיען, ווייל איך דאַרף עס האָבן — מעג איך אַלזאָ אויסניצן אַלע פּאַסיקע מיטלען, וואָס פירן מיך צו דעם ציל.

— אַלזאָ, גוט. איך פאַרקויף. הייס צוגרייטן אַן אָפּמאַך און שיק מיר אים צו, אָדער זיי זיך אַליין מטריח.

— אַן אָפּמאַך האָב איך געהייסן מיין געהילף צוגרייטן, עס גייט גאָר אין חתמענען אים.

אין אַ פערטל שעה אַרום איז דער אָפּמאַך שוין געווען אונטערגעחתמעט. דעם טאָג איז פּאָלאָניעצקי, פאַרברענגענדיק דעם אָוונט באַ די ביגעלס, געווען מער בייז, ווי אַלעמאָל. פרוי ביגעל האָט נישט געקענט פאַרבאָרגן איר עגמת-נפש און ביגעל האָט, דורכטראַכטנדיק די זאַך, ווי עס באַדאַרף צו זיין, אַ זאָג געטון סוף אָוונט מיט זיין געוויינטלעכער געזעצטקייט און לאַנגזאַמקייט:

— אַז באַ מאָשקאָן איז אויך דער פּלאַן אַ פּאַרטיקער, איז קיין ספק נישט. ס'גייט בלויז אין דעם, צי נאַרט ער דיך דערמיט, וואָס ער זאָגט, אַז נישט, אָדער אויך זיך אַליין.

— זאָל זי גאָט אָפּהיטן פון מאָשקאָן — האָט זיך אָנגערופן פּרוי ביגעל — אַז זי איז אים שטאַרק געפעלן, דאָס האָבן מיר אַלע געזען.

— איך האָב געמיינט — האָט געענטפערט ביגעל — אַז אַזאַ שטייגער מענטש, וועט זוכן געלט, כ'האָב אָבער געקענט האָבן אַ טעות. ס'קען אויך זיין, אַז ער וויל נעמען אַ ווייב פון אַ גוטער, מיוחסדיקער היים, כדי אַזוי אַרום צו פאַרשטאַרקן זיין געזעלשאַפטלעכע לאַגע, כדי אָנצוקניפּן באַציונגען, צו באַקענען זיך מיט אַ סך משפחות און לסוף אַ נעם טון צו זיך אין די הענט אַריין אַלע געשעפטן פון אַ געוויסן געזעלשאַפטלעכן קרייז, דאָס איז אויך נישט קיין שלעכטער חשבון, בפרט, אַז ער וועט וועלן אויסנוצן זיין קרעדיט פאַר קושעמיען וועגן, קען ער באַ זיין טיכטיקייט אים אָפּרייניקן.

— און ווי האַלט איר? פריילין פלאַוויצקאַ געפעלט אים טאַקע אינדעראמתן? — האָט צוגעגעבן פּאָלאָניעצקי — און איך דערמאַן זיך איצט, אַז פלאַוויצקי האָט מיך אויך וועגן דעם עפּעס דערמאַנט.

— וואָס־זשע, מיין הער? — האָט אַ פרעג געטון פרוי ביגעל — וואָס־זשע וועט זיין?

— אַז פריילין פלאַוויצקאַ וועט וועלן, וועט זי חתונה האָבן מיט הער מאָשקאָן — האָט געענטפערט פּאָלאָניעצקי.

— און איר?

— איך פאַר דערוויל קיין רייכנהאַל.

# VI.

און באמת טאַקע, אין אַ וואָך אַרום איז ער אוועק קיין ריכבאַל. פריער אָבער האָט ער נאָך געהאַט דערהאַלטן אַ בריוו פון פרוי עמיליאַ, אין וועלכן זי האָט אים אויסגעפרעגט וועגן זיין נסיעה קיין קזשעמיען. אויף דעם בריוו האָט ער נישט געענטפערט, האָבנדיק בדעה מיגדלעך אויף אים צו ענטפערן. ער האָט זיך אויך דערוווסט, אָבער ערשט ערב דעם אַוועקפאָרן, אַז מאַשקאָ איז אַ טאָג פריער אָפגעפאָרן קיין קזשעמיען און דידאַזיקע ידיעה האָט אים מער אינטערעסירט, ווי ער אַליין האָט זיך געהאַט גערייכט. ער האָט לעולם זיך געטרייסט, אַז נישט ווייטער, וווּ און ווען, וועט ער שוין האָבן פאַרגעסן דערינען, ער האָט אָבער נישט געקענט פאַרגעסן, און זיין קאָפּ איז געווען אַזוי פאַרנומען מיט דעם געדאַנק, צי פריילין פלאַוויצקאַ וועט חתונה האָבן מיט מאַשקאָן, אַז פון זאַלצבערג שוין האָט ער אָנגעשריבן אַ בריוו צו ביגעלן, כלומרשט געשעפטלעך, אינדערעמתן אָבער האָט ער געפאָדערט מען זאָל אים צושיקן ידיעות וועגן מאַשקאָן. עס זענען אים אין איין אויער אַריין און פון אַנדערן אַרויס די

אײַספּירן פֿון וואָסקאָווסקין, וואָס האָט אים באַגלייט, וועגן די קעגנזײַטיקע באַציִונגען פֿון די עסטרײַכישע פֿעלקער און וועגן דעם שליחות פֿון די מאָדערנע פֿעלקער בכלל. צײַטנווײַז פֿלעגט ער אַזוי זײַן פֿאַרנומען מיט זײַנע מחשבות וועגן מאַריניאַן, אַז ער האָט פּשוט נישט געענטפֿערט אויף די פֿראַגן. ס'האָט אים אויך געחידושט, וואָס ער זעט זי צײַטנווײַז אַזוי בולט, ווי זי וואָלט געשטאַנען אַנטקעגן איבער אים, אַלזאָ נישט בלויז ווי אַ פֿינקטלעך בילד אירס, נאָר ווי אַ לעבעדיק נפֿש. ער האָט געזען איר ליב, מילד געזיכט מיט די פּראַכטפֿולע ליפּן און מיטן קליינעם חן-פּינטעלע איבער דער אייבערשטער ליפּ, אירע אויגן, וואָס קוקן רויִק, אין וועלכע מען האָט אָנגעזען די קאָנצענטרירטקייט און אויפֿמערקזאַמקייט, מיט וועלכער זי האָט זיך צוגעהערט צו זײַנע רייד. ער האָט געזען איר גאַנצע פֿיגור, די שלאַנקע, בויגזאַמע, פֿון וועלכער ס'האָט געשלאָגן אַ וואַרעמקייט פֿון אַ געוואַלטיקער מיידלישער יוגנט. ער האָט זיך דערמאַנט אָן איר העל קלייד און שפּיץ פּיס, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פֿון הינטער איר קלייד אַפֿער, אירע אײַדעלע, הגם אַ ביסל אָפּגעבריִנטע הענט, און אירע טונקעלע האָר, וועלכע זענען באַרירט געוואָרן דורך דעם ווינט פֿון גאָרטן. ער האָט זיך קיינמאָל נישט גערעכנט, אַז ס'זאָל קענען זײַן אַ דערמאַנונג, וואָס מען קען כּמעט אָנרירן — און דערצו נאָך אַ דערמאַנונג וועגן אַ מענטש, וואָס מען האָט אַזאַ קורצע צײַט געזען. ער האָט אָבער פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס באַווײַזט, וואָס פֿאַר אַ טיפֿן אײַנדרוק זי האָט אויף אים געמאַכט, און ווען עס פֿלעגט אים צײַטנווײַז דורכגיין דורכן קאָפּ, אַז דאָס אַלץ, וואָס איז אים אַזוי שטאַרק אַרײַן אין מוח, קען נאָך געהערן צו מאַשקאָן, האָט זיך אים כּמעט נישט געוואָלט גלייבן. דער ערשטער רעפֿלעקס זײַנער אין אַזעלכע מינוטן, וואָס האָט אגב געשטימט מיט זײַן גאַנצער אַקטיווער נאַטור, איז געווען דער אומגעהײַערער חשק די זאַך צו שטערן. ער האָט זיך ערשט געמוזט דערמאַנען, אַז עס איז אַן ענין, וואָס איז אין זײַן מוח אייגנטלעך שוין געווען דערליידיקט און אַז ער האָט געהאַט באַשלאָסן זיך מיאש צו זײַן פֿון פֿרײַלין פּלאַוויצקאַ.

ער מיט וואָסקאָווסקין זענען געקומען קיין רייכנהאַל באַלד אינדערפרי און תיכף דעם ערשטן טאָג, איידער זיי האָבן זיך נאָך דערוווּסט פרוי עמיליאַס אַדרעס, האָבן זיי זי געטראָפן צוזאַמען מיט ליטקאַן אין שטאָט־גאָרטן. פרוי כוואָסטאָווסקאַ, וואָס האָט זיך נישט געריכט אויף זיי, אַלנפאַנס נישט אויף פּאָלאָניעצקין, האָט, דערזעענדיק זיי, זיך באמת דערפרייט. איר שמחה איז בלויז געשטערט געוואָרן דערפון, וואָס ליטקאַ, אַ באַזונדערס פילנדיק קינד, וואָס איז דערביי קראַנק געווען אויף אַסטמען און אויפן האַרץ, האָט זיך נאָכמער דערפרייט, אַזוי שטאַרק, אַז זי האָט אַזש באַקומען האַרץ־קלאַפּעניש צוזאַמען מיט שווערן אָטעם און שיער נישט געפאַלן אין חלשות.

דאָס זענען אָבער געווען בלויז איר אָפּטע פאַלן. דעריבער האָבן, תיכף ווי ס׳איז פאַרביי, אַלעמענס פּנימער צוריק מיטאַמאָל אויפגעשיינט. אומקערנדיק זיך אַהיים, האָט דאָס קינד געהאַלטן „הער סטאַך" פאַר דער האַנט און אין אירע אויגן האָט אויפגעשיינט גרויס שמחה. פון צייט צו צייט האָט זי געדריקט די האַנט, ווי זי וואָלט וועלן זיך פאַרזיכערן, אַז ער איז באמת געקומען קיין רייכנהאַל און איז מיט איר. פּאָלאַניעצקי האָט פּשוט קיין צייט נישט געהאַט וועגן קיין שום זאַך צו רעדן מיט פרוי עמיליאַ, נישט קיין שום זאַך זיך אויסצופרעגן, מחמת ליטקאַ האָט אים באַוויזן רייכנהאַל און בלאַפלענדיק אָן אויפהער, געוואָלט אים מיטאַמאָל ווייזן אַלע שענערע ערטער, יעדע רגע האָט זי געזאָגט:

— דאָס איז נאָך גאָרנישט. טומזע איז שענער, דאָרט אַהין אָבער וועלן מיר ערשט גיין מאָרגן.

דערנאָך האָט זי, ווענדנדיק זיך צו דער מוטער, אַ זאָג געטון:

— די מאַמע וועט דערלויבן, נישט אמת? איך מעג שוין איצט אַ סך גיין. ס׳איז נישט ווייט. די מאַמע וועט דערלויבן, נישט אמת?

מינוטנווייז ווידער האָט זי זיך אָפּגערוקט פון פּאָלאָניעצקין

אין, נישט אָפּלאָזנדיק זיין האַנט, געקוקט אויף אים מיט אירע גרויסע אויגן און געחזרט:

— הער סטאָפּ! הער סטאָפּ!

פּאָלאָניעצקי האָט פון זיין זייט אַרויסגעוויזן צו איר די גרעסטע האַרציקייט פון אַן עלטערן ברודער; ער האָט כסדר זי גוטמוטיק געמוסרט:

— זאָל דאָס קעצעלע נישט לויפן אַזוי, עס וועט זיך פאַרסאָפּען.

און זי האָט זיך געטוליעט צו אים, אַרויסגערוקט פאָרויס די ליפּלעך און געענטפערט כלומרשט אין כעס:

— שטילער, הער סטאָפּ!

פּאָלאָניעצקי האָט פון צייט־צו־צייט געכאַפּט אַ בליק אויף פרוי עמיליאַס ליכטיק פּנים, ווי ער וואָלט וועלן איר געבן צו פאַרשטיין, אַז ער וויל מיט איר אַ שמועס טון. ס'איז אָבער געווען אוממעגלעך, מחמת פרוי עמיליאַ האָט נישט געוואָלט שטערן ליטקאַס פרייל עכקייט און האָט ליבערשט געלאָזן זייער שותּפותדיקן פריינט אַלס איר אויסשליסלעך אייגנטום. ערשט נאָכן מיטאָג, וואָס זיי האָבן צוזאַמען געגעסן אין גאָרטן, צווישן גרינס און דעם צוויטשעריי פון די שפּערלען, ווען וואָסקאָווסקי האָט אָנגעהויבן צו דערציילן ליטקאַן וועגן די פייגל און וועגן דעם הייליקן פראַנציסק פון אַסיזשס ליבע צו זיי, איז דאָס קינד, אָנלענענדיק דאָס קעפּל אויף די הענט, אינגאַנצן פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער מעשה, און פּאָלאָניעצקי האָט דאַמאָלס זיך געווענדט צו פרוי כוואַסטאָווסקאַ:

— ווילט איר נישט אַמאָל זיך איבערגיין ביזן עק גאָרטן?

— גוט — האָט זי געענטפערט — ליטקאַ, בלייב דו אַ ווײַלע מיט הער וואָסקאָווסקין, מיר וועלן די אותו־רגע צוריקקומען.

זיי זענען אַוועק, און פרוי עמיליאַ האָט תּיכּף אַ פרעג געטון:

— נו?

פּאָלאַניעצקי האָט צוגעהויבן דערציילן. צי האָט ער זיך געוואָלט אויספּיינען פאַר עמיליאַן, צי האָט ער באַשלאָסן זיך צו רעכענען מיט איר נאַטור פון אַ מימאָזע, צי ענדלעך דערפאַר, וואָס די לעצטע געדאַנקען זיינע וועגן מאַריניאַן האָבן אים געשטימט האַרציקער, ווי אַלעמאָל, — ווי די מעשה זאָל נישט זיין, האָט ער איבערגעדרייט אַלץ קאַפּויר. ער האָט זיך טאַקע מודה געווען אינם סכסוך מיט הער פּלאַוויצקין, ער האָט אָבער געשוויגן וועגן דעם, אַז איידער ער איז אַוועק פון קזשעמיען האָט ער גראָב גערעדט מיט מאַריניאַן, פאַר דעם אָבער האָט ער נישט געקאַרגט אין זיין מעשה קיין שבחים און לסוף פאַרענדיקט אַזוי:

— היות דער חוב איז תיכף געוואָרן די סיבה פון מיספאַרשטענדנישן צווישן מיר און פּלאַוויצקין, און דאָס האָט זיך געמוזט אויך צופּרופן אויף פריילין מאַריניאַ, האָב איך אים ליבערשט פאַרקויפט טאַקע גראָד פאַרן אַוועקפאָרן מאָשקאָן.

פרוי עמיליאַ, וואָס האָט די קלענסטע השגה נישט געהאַט וועגן געלט-זאַכן, און געהאַט ממש אַ מלאכישע פשטות אין זיך, האָט אָפּגעענטפערט:

— דאָס האָט איר גוט געטון. צווישן אייך טאָרן נישט זיין אַזעלכע זאַכן, ווי געלט.

פּאָלאַניעצקי אָבער האָט זיך פאַרשעמט, וואָס ער נאַרט אָפּ אַזאַ ערלעך ווען און ער האָט געזאָגט:

— יאָ!... ריכטיקער, ניין! איך האַלט, אַז איך האָב שלעכט געטון. ביגעל האַלט אויך, אַז דאָס האָט נישט געטויגט. מאָשקאָ קען זיי נאָך צודריקן, זיי שטעלן פאַרשידענע פאָדערונגען, קען ליציטירן קזשעמיען. ניין, מאַדאַם, דאָס איז נישט קיין איידעלער טאַט, און אויך נישט אַזעלכער, וואָס זאָל אונדז קענען דערנענטערן, און כ'וואָלט נישט געווען עס געטון, ווען נישט דאָס, וואָס איך בין געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז מען דאַרף איינמאָל פאַר אַלעמאָל זיך אַרויסשלאָגן דאָס פון קאָפּ אַרויס.

— אָ, ניין! זאָגט דאָס נישט, איך גלייב, אַז אַלץ איז אַ

מזל-זאַך — און גלייב אויך, אַז די השגחה אַליין האָט באַשטימט דעם זיווג.

— דאָס, מאַדאַם, פאַרשטיי איך אויך נישט. אויף אַזוי, דאַרף איך וועגן קיין זאַך זיך נישט באַמיען, ווייל סיי-ווי-סיי וועל איך מוזן חתונה האָבן מיט פריילין פלאַוויצ-קאַ.

— ניין, איך האָב אַ ווייבערישן מוח און ס'קען זיין, אַז כ'רעד נישט צו דער זאַך, אָבער מיר דאַכט זיך, אַז די השגחה וויל און באַטראַכט אַלץ אויפן בעסטן אופן, זי לאָזט די מענטשן איבער דעם ווילן, די ווידער ווילן אָפטמאָל נישט נאָכגיין דעם מזל זייערן, און פונדאַנען נעמט זיך אַזוי פיל אומגליקלעכע.

— אפשר. ס'איז שווער נאָכצוגיין נאָך אַן אַנדערער זאַך, ווי די אייגענע איבערצייגונג. דער שכל איז אויך אַ לאַמטערנדל, וואָס גאָט האָט אונדז געגעבן אין דער האַנט אריין. ווער וועט מיר ערוב זיין, אַז פריילין מאַריניאַ וואָלט מיט מיר חתונה גע-האַט.

— איך דאַרף שוין האָבן פון איר אַ ידיעה וועגן אייער באַזוך אין קושעמיען, אַ חידוש, וואָס כ'האָב נאָך ביז אַהער נישט דערהאַלטן. כ'מיין, אַז שפּעטסטנס מאָרגן וועט אָנקומען אַ בריוו, ווייל מיר שרייבן צו זיך יעדע וואָך. זי ווייסט, אַז איר זענט גע-פאָרן קיין רייכנהאַלד.

— ניין, איך אַליין האָב אין קושעמיען נישט געוווּסט נאָך, וווהין איך פאָר.

— דאָס איז גוט, ווייל זי וועט זיין אויפריכטיק, הגם זי וואָלט אַזוי אויך געווען אויפריכטיק.

דערמיט האָט זיך דעם ערשטן טאָג פאַרענדיקט דער שמועס. איבנאָוונט האָט מען לויט ליטקאָס בקשה באַשלאָסן אויפצומאָרגנס צו גיין צו דער טעמזע און גיין זאָל מען אינדערפרי, כדי אָפּצו-עסן מיטאָג איבער דער אָזיערע, און צוריק זאָל מען קומען מיט אַ קאָטש, אָדער, אַז ליטקאַ וועט נישט זיין מיד, צופוס, אַבי מען זאָל באַווייזן צו קומען פאַר שקיעה. וואָסקאָוסקי און פאַלאַניעצקי האָבן זיך צוגעשטעלט צו דער דאַמעס ווילע פאַר גיין אַ זייגער

אינדערפרי.ביידע זענען זיי געווען שוין אָנגעטון און געוואַרט אויף דער וואַרענדע, ביידע האָבן זיי אויסגעזען הערלעך, אַז דער אַלטער לערער וואָסקאָווסקי איז אַזש פאַרשיכורט געוואָרן.

— דער אייבערשטער מאַכט אַמאָל פון מענטשן אמתע בלומען! — האָט ער אַ זאָג געטון, אָנווייזנדיק פונדערווייטנס אויף דער מוטער מיט דער טאָכטער.

און באמת טאַקע. סיי פרוי עמיליאַן, סיי ליטקאַן האָט מען באַוווּנדערט אין רייכנהאַל. די ערשטע מיט איר גייסטרייך געזיכט איז געווען אַ מין פאַרקערפּערונג פון ליבע און מוטערלעכער האַרציקייט און גלייכצייטיק פון התלהבות, די צווייטע מיט אירע כמורע גרויסע אויגן, מיט דער בלאָנדער טשופּרינע און דעליקאַטע שטריכן, האָט גיכער אויסגעזען, ווי עפּעס אַ קינסטלערישע המצאה, ווי אַ לעבעדיק מיידעלע. דער דעקאַדענט ביקאַצקי האָט געזאָגט אויף איר, אַז זי איז אויסגעוועבט פון נעפּל, וואָס איז קוים-קוים באַראָזט פון באַגינען. עפּעס האָט דאָס מיידל געהאַט אין זיך כמעט ניש-ערדישס און דעם איינדרוק האָט נאָכמער פאַרשטאַרקט די קראַנקהייט, איר אויסערגעוויינטלעכע פּילבקייט און איינדריקלעכקייט. די מוטער האָט זי בלינד ליב געהאַט, דעסגלייכן אויך די אַרומיקע. דאָס קינד אָבער, וואָס איז בטבע געווען זייער אַ זיס, האָט זיך נישט געלאָזט קאַליע מאַכן.

פּאָלאָניעצקי, וואָס האָט עמיליאַן געזען אין וואַרשע עטלעכע מאָל אַ וואָך, איז צו ביידע געווען אמתדיק צוגעבונדן. אין דער שטאָט, וווּ פרויען-כבוד ווערט ווייניקער געשעצט, ווי אויף דער גאַנצער וועלט, האָט מען צוליב דעם גערעדט רכילות, פאַרשטייט זיך, לחלוטין פאַלש. מחמת פרוי עמיליאַ איז אין יעדער הינזיכט געווען ריין, ווי אַ קינד, און געטראָגן איר עקזאַלטירטן קאָפּ גלייך אין בלויען, ווי זי וואָלט נישט וויסן, אַז ס'איז פאַראַן אויף דער וועלט שלעכטס גאָר. זי איז אַזוי ווייט געווען ריין, אַז זי האָט נישט פאַרשטאַנען אפילו די באַדערפעניש צו לייגן אַכט אויף איינדריקן. זי האָט מיט פרייד אָנגענומען אַלע, וועלכע ליטקאַ האָט ליב געהאַט, האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט פון עטלעכע גוטע

שידוכים, דערקלערנדיק קלאָר, אַז זי אַליין דאַרף, אַ חוץ ליטקאַן, קיין זאַך נישט האָבן. בלויז איין ביקאַצקי האָט געהאַלטן, „אַז עמיליאַ ווירקט אויף זיינע נערוון. פּאַלאַניעצקי האָט זיך אַזוי צוגעוווינט צו דער בלויקייט, וואָס האָט אַרומגערינגלט די פּרוי, אַז ער האָט פּשוט זיך קיינמאָל כמעט צו איר נישט צוגע־רירט מיט אַ געדאַנק, וואָס זאָל זיין צעמישט פון גליסטונג.

ער האָט דעריבער אויך איצט נאָך וואָסקאָווסקיס באַמערקונג געענטפערט פּשוט:

— זיי זעען באמת טאַקע ביידע הערלעך אויס!

באַגריסנדיק זיך מיט זיי, האָט ער כמעט דאָס אייגענע איבערגעחזרט אויף פּאָר פּרוי עמיליאַ, ווי עפּעס אַזוינס, וואָס האָט די אותו־רגע אַרויסגערופן זיין אויפמערקזאַמקייט. זי האָט אַ שמייכל געטון פון הנאה, מסתמא דערפאַר, וואָס דער שבח האָט אויך זיך אָנגעקערט מיט ליטקאַן, און אויפהייבנדיק דאָס קלייד פון וועג, אַ זאָג געטון:

— כ׳האָב דערהאַלטן אינדערפרי אַ בריוו און כ׳האָב אים בכיון מיטגענומען, כדי אים אייך צו ווייזן.

— מען קען אים תיכף איבערלייענען?

— מען קאָן. ביטע.

און זיי זענען אַוועק מיטן וואַלד־וועג צו דער טעמזע. פּרוי עמיליאַ, וואָסקאָווסקי און ליטקאַ פון פאָרנט, און פּאַלאַניעצקי נאָך זיי, מיט אַן אַרויסגעבויגענעם קאָפּ איבערן בריוו.

אינם בריוו איז געשטאַנען אָט וואָס:

„מיין טייערע עמילקאַ! היינט האָב איך דערהאַלטן דיין סדרה פראַגן און איך ענטפער תיכף, ווייל ס׳גייט מיר אין לעבן זיך צו טיילן מיט דיר מיינע געדאַנקען. הער פּאַלאַניעצקי איז אָפּגעפאָרן מאַנטיק, אַלזאָ מיט צוויי טעג צוריק. דעם ערשטן אָוונט האָב איך אַ׳ם אויפגענומען, ווי איך נעם אויף אַלע — און ס׳איז מיר קיין זאַך נישט געקומען אין קאָפּ אַריין, ערשט אויף צומאָרגנס, יום־טוב איז געווען, האָב איך געהאַט צייט, זענען מיר אַ גאַנצן נאָכמיטאָג געווען נישט בלויז צוזאַמען, נאָר אויג אויף אויג אפילו, ווייל דער טאַטע איז געפאָרן צו די יאַמושעס. וואָס

זאָל איך דיר זאָגן? אַזאַ סימפּאַטישער, אַזאַ אויפריכטיקער, און דערצו אַן אמתער מאַנספּערשוין. פון דעם, וואָס ער האָט גערעדט וועגן ליטקאַן און וועגן דיר, האָב איך תיכף פאַרשטאַנען, אַז ער האָט אַ גוט האַרץ. מיר האָבן לאַנג שפּאַצירט איבערן סטאַוו, אין גאָרטן. כ'האָב אים באַנדאַזשירט די האַנט, ווייל ער האָט זי צעשטאָכן אָן דעם שיפּל. ער האָט גערעדט אַזוי מיט שכל, אַז ער האָט מיך ממש פאַרכאַפּט מיט זיינע רייד. אַך, מיין עמיליאַ, איך שעם זיך דיר מודה צו זיין, אַז מיין קאָפּ האָט זיך מיר דעם אָוונט אַ ביסל פאַרדרייט. דו ווייסט דאָך, ווי איך בין דאָ אַליין, פאַראַרבעט, און ווי זעלטן איך זע אַזעלכע מענטשן. ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ס'איז געקומען אַ גאַסט פון אַן אַנדערער און בעסערער וועלט. ער איז מיר נישט בלויז געפעלן, נאָר ממש מיך אַזוי גענומען מיט זיין האַרציקייט, אַז כ'האָב נישט געקענט אַנטשלאָפן ווערן און כסדר וועגן אים געטראַכט. אמת, אויף צומאָרגנס האָט ער זיך צעקריגט מיטן טאַטן, און איך האָב אויך געקריגן פון אים אַ חלק, כאָטש איין גאָט ווייסט, אַז כ'וואָלט געגעבן וויפיל, ס'זאָל צווישן אונדז אַזעלכע מינים זאַכן נישט פאָרקומען. בשעת־מעשה האָט עס מיך שטאַרק פאַרדראָסן, און ווען דער מיאוסער מעניזש זאָל וויסן, וויפיל איך האָב זיך אָנגעוויינט בײַ מיר אין צימער, וואָלט ער מיך געוויס געשוינט. שפּעטער האָב איך זיך באַטראַכט, אַז ער מוז זיין זייער אַ לעבעדיקער, אַז דער טאַטע איז אומגערעכט און כ'בין מער נישט אין כעס. כ'וועל דיר איינרוימען אַ סוד, אַז עפּעס אַ שטימע זאָגט מיר כסדר, אַז ער וועט דעם חוב אויף קושעמיען קיינעם נישט פאַרקויפן, פּשוט דערפאַר, ער זאָל קענען נאָכאַמאָל קומען. דאָס, וואָס ער האָט זיך אַזוי שלעכט צעשיידט מיטן טאַטן איז גאָרנישט. דער טאַטע אַליין נעמט עס זיך נישט שטאַרק צום האַרץ, ווייל דאָס זענען שפּיצלעך און נישט קיין געפילן, נישט קיין איבערצייגונגען. הער פּאָלאַניעצקי האָט אין מיר אַן אמתע פריינדין, וואָס וועט אַלץ, וואָס מען קען, טון, כדי תיכף נאָכן פאַרקויפן מאַגעראָווקע זאָל נעמען אַ סוף צו די אַלע מינים סכסוכים און בכלל צו די אַלטע געלט־ענינים. דעמאָלס וועט ער דאָך מוזן קומען, בלויז שוין, כדי אָפּ-

צונעמען דעם חוב — נישט אמת! ס'קען זיין, אז איך בין אים אויך אַ ביסל געפעלן, אַז אַזאַ לעבעדיקער מענטש קען אַמאָל זאָגן אַן אומאָנגענעמע זאַך, איז קיין חידוש נישט דו זאָג אים גאָרנישט, אַז דו ווייסט אים זען, און האַלט אים נישט פאַר, זאָל גאָט אויס-היטן. כ'ווייס נישט פאַרוואָס, כ'גלייב עפּעס, אַז ער וועט נישט טון קיין עגמת-נפש, נישט מיר, נישט דעם טאַטען, נישט מיין ליבן קושעמיען, און כ'מיין, אַז ס'וואָלט גוט געווען אויף דער וועלט, ווען אַלע זאָלן זיין ענלעך צו אים. איך דריק דיך האַרציק צו, מיין טייערע. דיך און ליטקאַן. שרייב מיר, וואָס זי מאַכט, ווי צום אויספירלעכסטן און האָב מיך ליב, ווי איך האָב דיך ליב".

גייענדיק לייענען, האָט פּאָלאָניעצקי אַריינגערוקט דעם בריוו אין בוזעם-קעשענע פון סורדוט, אים פאַרקנעפּלט, אַראָפּגערוקט דעם הוט אויפן שפּיץ קאָפּ און דערפילט פּלוצלינג גרויס חשק צו צעברעכן זיין שטעקן אויף פיצלעך און אַריינוואַרפן אים אינם שטראָם אַריין; ער האָט עס נישט געטון, אָבער אָנגעהויבן נאָר מרוטשען דורך די פאַרהאַקטע ציין:

— יאָ, גוט! קענסט פּאָלאָניעצקין?... רעכן דערויף, אַז ער זאָל דיך נישט באַעוולהן! וועסט גוט מאַכן!

דערנאָך האָט ער געהאַלטן צו זיך אַזאַ רעדע:

— רעכט אויף דיר אַזוי! ווייל זי איז אַ מלאך, און דו ביסט זי נישט ווערט.

און ס'האָט אים ווידער אָנגעכאַפּט אַ חשק צו צעברעכן אויף פיל פיצלעך דעם שטעקן זיינעם. ער האָט איצט קלאָר דערזען, אַז דאָס מיידל איז אים גרייט געווען אָפּצוגעבן איר נשמה מיט גלויבן און צוטרוי, און ער האָט איר איבערגעלאָזט אַזאַ ווייטיק-לעכע און פאַרדריסלעכע אַנטוישונג, וואָס לאָזן נאָך זיך אייביק איבער אַ שמערצלעכן זכר. פאַרקויפן דעם חוב איז געווען אַ קליי-ניקייט, אָבער פאַרקויפן אים אַ מענטש, וואָס וויל אים קויפן מיט אַזעלכע כוונות, ווי מאַשקאָ, דאָס האָט געהייסן זאָגן דערמיט אַליין דעם מיידל: „כ'וויל דיך נישט — און האָב חתונה מיט אים, אויב עס געפעלט דיר אַזוי!" סאַראַ ביטערע אַנטוישונג דאָס איז פאַר איר נאָך דעם אַלעמען, וואָס ער האָט איר יענעם זונטיק

געזאָגט, נאָך די פריינטלעכע ווערטער, די אָפענע, וואָס זענען אגב געצילט געווען, אַז זיי זאָלן אַריינדרינגען אין האַרץ אַריין. זיי זענען געווען געצילט דערויף, און פּאָלאָניעצקי האָט געפילט, אַז זי האָט אַזוי זיי אויפגענומען. ער האָט עס געקענט איצט חזרן, וויפיל ער האָט געוואָלט, אַז זיי זענען צו קיין זאַך נישט מחייב, אַז בײַ דער ערשטער באַגעגעניש און בשעתן ערשטן שמועס מיט אַ פרוי, רוקט אַ מענטש אַרויס בלויז ווי אַ שנעק די טאַפּערלעך, און פּרוּווט דעם באָדן. דאָס וואָלט אים איצט קיין נחת נישט פאַרשאַפט. איבעריקנס, איז ער נישט בלויז נישט געווען געשטימט זיך צו פאַרענטפערן פאַר זיך אַליין, נאָך ניכער גרייט געווען זיך צו פּאַטשן. ער האָט דאָס ערשטע מאָל קלאָר דערזען, אַז ער וואָלט געווען געקענט געווינען מאַריניאַס האַרץ און האַנט, און וואָס רעאַליסטישער דידאָזיקע מעגלעכקייט שטעלט זיך אים פאָר, אַלץ מער האָט זיך אים דער פאַרלוסט אויסגעוויזן פאַר פאַרפאַלן. צו דעם אַלעם האָט זיך אין אים, נאָכן איבערלייענען דעם בריוו׳ אָנגעהויבן אַ נײַי איבערקערעניש. זײַנע אייגענע אויספירן, אַז ער מוז זיך אָפּזאָגן פון מאַריניאַן האָבן זיך אים מיטאַמאָל אויסגעוויזן אי פלאַך, אי אָרים. פּאָלאָניעצקי האָט בײַ אַלע זײַנע חסרונות געהאַט אַ צו דאַנקבאַר האַרץ און דער בריוו האָט אים ביזן העכסטן גראַד געריירט מיט דער גוטסקייט, מיטן אייגזען, מיט דער גרייטקייט ליב צו האָבן, וואָס האָבן אין אים געלעבט. צוליב דעם איז די דערמאַנונג אָן מאַריניאַן ראָז געוואָרן אין זײַן האַרץ און זכּרון, אַזוי ווייט ראָז געוואָרן, אַז ער האָט אַ טראַכט געטון:

— איך וועל זיך איצט פאַרליבן אין איר, אויף מײַן נאמנות!

און אַ ליבשאַפט צו מאַריניאַן האָט אים באַהערשט, פאַר וועלכער דער כּעס אפילו אויף זיך אַליין האָט געמוזט אָפּטרעטן, אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער, אָנשליסנדיק זיך אין דער רעשט געזעלשאַפט, אַרויסגערוקט זיך אַ ביסל פאָרויס מיט פרוי עמיליאַ און אַ זאָג געטון:

— שענקט מיר דעם בריוו.

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן. אמת, סאַראַ תמימותדיקער ? זון איר האָט זיך נישט געוואָלט מודה זיין, אַז זי האָט אויך עפּעס באַקומען פון אייך לעצט-געלט ! איך וועל אייך אָבער נישט מאַכן קיין פאָרוואורף, אויב זי אַליין פאַרטיידיקט אייך.

— מאַדאַם ! ווען דאָס זאָל קענען עפּעס העלפן, וואָלט איך אייך געבעטן, איר זאָלט מיך אָנקלאָפּן. אָבער, נישטאָ פון וואָס צו רעדן, ווייל עס זענען זאַכן, וואָס זענען פאַרפאַלן.

פרוי עמיליאַ האָט אָבער לחלוטין נישט מסכים געווען מיט זיין מיינונג. אדרבה, זעענדיק פּאַלאָניעצקיס אויפרעגונג, האָט זי זיך נאָכמער איבערצייגט, אַז דער ענין, אין וועלכן ביידע צדדים פילן זיך אַזוי לעבעדיק, איז אַ גוטער און מוז זיך ענדיקן מיט דערפאָלג. שוין באַם בלויזן געדאַנק, האָט איר פּנים אָנגעהויבן שיינען פון נחת.

— מיר וועלן עס זען אין עטלעכע חדשים אַרום — האָט זי אַ זאָג געטון.

— איר זענט אייך גאָרנישט משער, וואָס מיר קענען זען, — האָט געענטפערט פּאַלאָניעצקי, טראַכטנדיק וועגן מאָש-קאָן.

דערויף האָט פרוי עמיליאַ געענטפערט :

— געדענקט אין איין זאַך, אַז ווער עס וועט געווינען מאַריניאַס האַרץ, וועט קיינמאָל נישט האָבן געמאַכט קיין טעות.

— דאָס גלייב איך — האָט מיט טרויער געענטפערט פּאַ-לאָניעצקי, — אַזעלכע הערצער אָבער, אויב זיי ווערן איינמאָל אָפּגעשטויסן, קערן זיך קיינמאָל נישט אום.

מער האָבן זיי שוין נישט געקענט רעדן, ווייל ליטקאַ און הער וואָסקאָווסקי האָבן זיך דערנענטערט. אין אַ ווײַלע אַרום האָט דאָס מיידעלע ווי אַלעמאָל איינגעזאַגט צוגענומען צו זיך פּאַלאַ-ניעצקין — דער וואַלד, וואָס איז געווען אונטערגעטיקט אין מילדן פרימאָרגן-שיין פונם פיינעם טאָג, האָט זי אַזוי שטאַרק פאַריינטע-רעסירט, אַז זי האָט גענומען אויספרעגן וועגן פאַרשידענע ביי-מער, און יעדע רגע מיט פרייד אויסגעשריגן :

— ריזשקעס!

ער האָט אָבער מעכאַניש געענטפערט, טראַכטנדיק וועגן עפּעס אַנדערש גאָר:

— ריזשקעס, קעצעלע, ריזשקעס!

ענדלעך האָט זיך דער וועג אַראָפּגעלאָזט און זיי האָבן צופיסנס דערזען די טעמזע. אין אַ האַלבע שעה אַרום זענען זיי אַראָפּ אויפן געפלאַסטערטן וועג, וואָס איז אַוועק איבערן סאַמע ברעג, אויף וועלכן מען האָט דאָ און דאָרט אָנגעזען הילצערנע קלאָטקעס, וואָס זענען אויף עטלעכע טריט אַריינגעצויגן געווען אין וואַסער. ליטקאַ האָט חשק געהאַט צו זען פון דער נאָענט עטלעכע גרויסע פיש, וואָס מען האָט אָנגעזען אין דער דורכזיכטיער טיפעניש. פּאָלאָניעצקי האָט, אָנגענעמענדיק זי פאַר דער האַנט, אַרויפגעפירט זי אויף איינע פון די קלאָטקעס.

די פיש, וואָס זענען געוווינט געווען צו קרישקעס ברויט, וואָס די געסט האָבן זיי געפלעגט וואַרפן, האָבן אַנשטאָט צו אַנטלויפן, זיך נאָכמער דערנענטערט, און אַ גאַנצער קאַך, האָט איינגיכן אַרומגערינגלט ליטקאַס פיס. אין דער בלוילעכער טיפעניש האָט מען אָנגעזען די גאָלד-ברוינע רוקנס פון די קאַרפּן און די גרויסע, געפלעקטע שיפן פון די לאַקסן מיט די קיילעכדיקע אויגן, וואָס זענען ווי מיט אַן אויסדרוק פון בקשה געווענדט צום מיידעלע.

— אַז מיר וועלן זיך אומקערן, וועלן מיר נעמען מיט זיך אַ סך בולקעס — האָט געזאָגט דאָס מיידעלע — ווי מאָדנע זיי קוקן, וואָס טראַכטן זיי?

— זיי טראַכטן זייער לאַנגזאַם — האָט געענטפערט פּאָלאָניעצקי. — און ערשט אין אַ יאָר צוויי אַרום וועלן זיי זיך זאָגן: „אַהאַ! דאָ איז עפּעס געשטאַנען אַ מיידעלע מיט אַ בלאָנדע טשופּרינע אין אַ ראָז קליידעלע און אין שוואַרצע זעקלעך.

— און וועגן הער סטאַך, וואָס וועלן זיי טראַכטן?

— זיי וועלן טראַכטן, אַז כ׳בין עפּעס אַ ציגיינער, ווייל איך האָב נישט קיין בלאָנדע טשופּרינע.

— ניין, ציגיינער האָבן דאָך נישט קיין היים.

— און איך האָב אויך נישט קיין היים, ליטקע. כ'האָב זי געקענט האָבן האָב איך זי פאַרקויפט.

פּאַלאַניעצקי האָט דאָס לעצטע וואָרט זיינס אַרויסגעזאָגט אויף עפּעס אַן אומגעוויינטלעכן אופן און אין זיין שטים איז בכלל געווען טרויער, דאָס מיידעלע האָט אויפמערקזאַמער אַ קוק געטון אויף אים און אויף איר איינדריקלעך פּנימל האָט זיך תּיכף אָפּגעשפּיגלט זיין טרויער פּונקט אַזוי, ווי דער תּהום וואָלט אָפּגעשפּיגלט איר אייגענע פיגור. דערנאָך, ווען זיי האָבן זיך אָנגעשלאָסן צו דער איבעריקער געזעלשאַפט, האָט זי פון צייט-צו-צייט אויפגעהויבן אויף אים אירע כמעטרע אויגן, מיט אַן אויסדרוק פון פראַגע און אומרויקייט. ענדלעך, האָט זי, אַ דריק טוענדיק שטאַרקער זיין האַנט, וואָס זי האָט געהאַלטן, אַ זאָג געטון:

— וואָס איז אייך הער סטאַך?

— גאָרנישט, קינד-לעבן. איך קוק אַרום די אָזיערע, דערייבער רעד איך גאָרנישט.

— ווייל איך האָב זיך נעכטן אַזוי געפרייט, אַז כ'וועל אייך ווייזן די טומזע.

— אדרבה. כאָטש ס'איז נישטאָ דאָ קיין פעלזן, איז דאָ זייער שיין! און יענץ הייזל פון דער צווייטער זייט?

— דאָרט וועלן מיר עסן מיטאָג.

דערווייל האָט פרוי עמיליאַ געפירט אַ פריילעכן שמועס מיט וואַסקאָווסקין, וואָס האָט, טראָגנדיק אין דער האַנט דעם הוט און זוכנדיק יעדע רגע אין די קעשענעס דאָס טיכל, כדי אָפּצווישן זיך דעם פליך, דערציילט איר זיינע באַאָבאַכטונגען איבער בוקאַצקין:

— ער איז אַן אַריער — האָט ער געענדיקט — און דערייבער שטרעבט ער אין כסדרדיקער אומרו צו רו. איצט קויפט ער אויף בילדער און ראַדירונגען, מיינענדיק, אַז דערמיט וועט ער אָנפילן דעם חלל. אָך, מאַדאַם, אויף וואָס איך קוק! די קינדער פון דער צייט טראָגן אין דער נשמה אַזאַ תּהום, ווי למשל די אָזיערע, און דערצו אַזאַ אין-סופיקן, און זיי מיינען, אַז מען קען אים אָנפילן מיט בילדלעך, אַקוואַפאָרטן, בעלנות, דילע-

טאַנטיזם, מיט באָדלערן, איבסענען, מעטערלינקען און וויסנ-שאַפטלעכן דילעטאַנטיזם! אָרימע פייגל, וואָס צעפּלעטן זיך די קעפּ אָן די ווענט פון די שטייגן! ס'איז פּונקט אַזוי, ווי כ'וואָלט וועלן אָנפילן אַט-אָ די אָזיערע דורך דעם, וואָס כ'וועל אַרייַנוואַרפן אין איר אַ שטיינדל.

— וואָס-זשע דען קען אָנפילן דאָס לעבן?

— יעדע ברייטערע אידעע, יעדעס ברייטע געפיל, אָבער מיט איין תנאי, אַז די שכינה זאָל רוען אויף זיי. ווען בוקאָצקי זאָל ליב האָבן קונסט אויף אַ קריסטלעכן אופן, וואָלט זי אים גע-געבן רו, דאָס, וואָס ער זוכט נישטווילנדיק.

— האָט איר עס אים געזאָגט?

— הן דאָס, הן נאָך אַ סך אַנדערע זאַכן. איך רעד אים און פּאָלאַניעצקין כסדר צו, אַז זיי זאָלן לייענען וועגן לעבן פון הייליקן פראַנציסק פון אַסיזש. זיי ווילן עס נישט און לאַכן פון מיר. און דאָך איז עס געווען דער גרעסטער מענטש און דער גרעסטער הייליקער פון מיטלאַלטער, וואָס האָט אויפגעלעבט די וועלט. ווען עס זאָל זיך היינט געפינען אַזאַ איינער, וואָלט די אויפלעבונג אויף גאָטס וועלט געווען נאָך אַ ברייטערע און נאָך אַ פולערע.

ס'האָט זיך דערנענטערט האַלב-טאָג און צוזאַמען מיט אים די היץ. דער וואַלד האָט אָנגעהויבן שמעקן מיט זשיוויצע און די אָזיערע האָט זיך אײַנגאַנצן אויסגעגלעט אין דער שטילקייט, וואָס איז פול געווען מיט שיין, און אָפּשפּיגלענדיק די בלויקייט אָן אַ פלעק, האָט זיך געדאַכט, אַז זי דרימלט.

זיי זענען ענדלעך צו צום הויז און גאָרטן, אין וועלכן עס האָט זיך געפונען דער רעסטאָראַן און זיי האָבן זיך צוגעזעצט אונטער אַ בוקסבוים, בײַ אַ געגרייטן טיש. פּאָלאַניעצקי האָט צו-גערופן אַ קעלנער אין אַ ברודיקן פראַק, באַשטעלט אַ מיטאָג, דער-נאָך האָבן זיי זיך שווייגנדיק אַרומגעקוקט איבער דער אָזיערע און די אַרומיקע בערג.

עטלעכע טריט פון טיש איז געוואַקסן אַ גאַנצע קופּע איריסן,

וואָס זענען באַפּייכט געוואָרן דורכן פֿאָנטאַן, וועלכער איז געווען איינגעאָרדנט צווישן די שטיינער.

פֿרוי עמיליאַ האָט, אַ קוק טוענדיק אויף די בלומען, אַ זאָג געטון:

— ווען איך געפֿין זיך בײַ עפּעס אַן אָזיערע און קוק דערבײַ אויף אירִיסן, דאַכט זיך מיר, אַז איך בין אין איטאַליע.

— ווײַל אין ערגעץ איז נישטאָ אַזוי פֿיל אָזיערעס, נישט אַזוי פֿיל אירִיסן — האָט געענטפֿערט פּאָלאָניעצקי.

— און נישט אַזוי פֿיל פֿאַרגעניגן פֿאַר יעדן מענטש — האָט צוגעגעבן וואָסקאָווסקי — איך פֿאָר אַהין יאָר־יערלעך, האַרבסט־צײַט, זוכן זיך אַ מקום־מקלט אויף די לעצטע טעג. אַ לאַנגע צײַט האָב איך נישט געוווּסט, וואָס אויסצוקלײַבן — פּערודזיאַ צי אַסיזש, דאָס לעצטע יאָר אָבער, דאָס לעצטע יאָר האָב איך אויסגעקליבן רוים. דאָס איז אַ מין פֿאַרהויז אין עפּעס אַן אַנדערער וועלט אַרײַן, אין וועלכער מען זעט נאָר ליכט. כ׳וועל אַהינפֿאָרן דאָרט אַרום אָקטאָבער.

— כ׳בין אײַך באמת מקנא — האָט אַ זאָג געטון פֿרוי עמיליאַ.

— ליטקאַ איז אַלט צוועלף יאָר. . . — האָט אָנגעהויבן וואָסקאָווסקי.

ליטקאַ אָבער האָט איבערגעריסן:

— מיט דרײַ חדשים.

— מיט דרײַ חדשים, כאָטש זי איז לויט איר עלטער זייער קליין און אַ גרויסער פּלאַטערקאָפּ, וואָלט שוין צײַט געווען איר צו ווײַזן פֿאַרשידענע זאַכן אין רוים — האָט וואָסקאָווסקי ווײַטער גערעדט — קיין שום זאַך געדענקט זיך נישט אַזוי, ווי דאָס, וואָס מען האָט געזען קינדווײַז. הגם זי וועט אַ סך זאַכן נישט פֿילן, נישט פֿאַרשטיין, קומט עס שפּעטער און עס קומט זייער אָנגענעם, ווי עמעץ וואָלט מיטאַמאָל באַלויכטן עפּעס אײַנדריקן, וואָס זינקען אין אַ שאָטן. . . פֿאָרט מיט מיר אָקטאָבער קיין איטאַליע.

— אָקטאָבער קען איך נישט, ווייל כ'האָב מיינע ווייבערי־שע סיבות, וואָס קענען מיך פאַרהאַלטן אין וואַרשע.

— דהיינו?

פרוי עמיליאַ האָט אָנגעהויבן לאַכן:

— די ערשטע און וויכטיקסטע, אַ ריין ווייבערישע — האָט זי אַ זאָג געטון, אָנווייזנדיק מיטן פינגער אויף פּאָלאָניעצקין — איז חתונה צו מאַכן דעם הער, וואָס זיצט אַזאַ פאַרכמורעטער און בּ צם... אַזאַ פאַרליבטער.

פּאָלאָניעצקי האָט זיך אויפגעכאַפּט, ווי פון זיינע מחשבות, און אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.

און וואָסקאָווסקי האָט אַ פרעג געטון מיט דער געוויינטלע־כער נאַיוויטעט פון אַ קינד:

— אַלץ נאָך מיט מאַריניאַ פּלאַוויצקאַ?

— יאָ — האָט געענטפערט פרוי עמיליאַ — ער איז געווען אין קזשעמיען אין בחנם זיין לייקענען, אַז זי האָט אים שטאַרק אָנגעכאַפּט פאַרן האַרץ.

— כ'קען עס אויך נישט לייקענען — האָט געענטפערט פּאָלאָניעצקי.

אָבער דער וויטערדיקער שמועס איז איבערגעריסן געוואָרן אויף אַן אומאָנגענעמען אופן, ווייל ליטקאַ האָט אומגעריכט זיך דערפילט שלעכט. איר איז פלוצלינג געוואָרן דושנע און זי האָט באַקומען אייגעם פון איר צופאַלן פון האַרץ־קלאַפּעניש, וואָס האָבן אפילו געשראָקן די דאָקטוירים אירע. די מוטער האָט זי דיזעלבע רגע אַ כאַפּ געטון אויף די הענט. פּאָלאָניעצקי ווידער איז צוגע־לאָפן נאָך אייז אין רעסטאָראַן אַריין. וואָסקאָווסקי האָט אָנגעהויבן שלעפּן מיט אַלע כוחות צום טיש אַ באַנק פון גאָרטן, כדי דאָס קינד זאָל זיך קענען אויסציען און פרייער אָפּעטעמען.

— דו האָסט דיך פאַרמאַטערט, קינדלעבן? אַ?ת? — האָט מיט בלאַס געוואָרענע ליפּן אַ פרעג געטון פרוי עמיליאַ. — זעסט, לעבן מיינס, אַז ס'איז געוועזן צו ווייט.. און דער דאָקטאָר האָט דערלויבט!... ס'איז אַזוי הייס! אָבער, ס'איז גאָרנישט! ס'וועט

איבערגיין! עס וועט איבערגיין!... מיין אוצר, מיין טייע־רער!!

און זי האָט אָנגעהויבן קושן דעם מיידלס פייעריקן שטערן. דערווייל איז פּאַלאָניעצקי געקומען צו לויפן מיטן אייז, און נאָך אים די אָרטיקע באַלעבאָסטע מיט אַ קישן אין דער האַנט. אין אַ ווײַלע אַרום האָט מען די קליינע אַנידערגעלייגט אויף דער באַנק, און בשעת פרוי עמיליאַ האָט אייַנגעוויקלט דאָס אייז אין אַ טישטוך, האָט פּאַלאָניעצקי, אייַנבייגנדיק זיך צו דער קראַנקער, זי אַ פרעג געטון:

— נו, וואָס מאַכסטו, קעצעלע?

— ס׳איז אַ ביסל דושנע נאָר, אָבער בעסער... — האָט זי געענטפערט, עפענענדיק ווי אַ פישל דאָס מײַלעכל, כדי צו כאַפּן דעם אָטעם.

קיין סך בעסער איז איר נישט געווען, ווייל דורכן קליידל האָט מען אפילו געזען, ווי דאָס קליינע קראַנקע האַרץ קלאַפּט שרעקלעך אין דער ברוסט.

אונטער דער ווירקונג פונם אייז איז דער צופאַל געוואָרן אונדעסטוועגן אַ ביסל לינדער, און ענדלעך אינגאַנצן געשטילט געוואָרן, איבערלאָזנדיק נאָך זיך בלויז אַ מידקייט. ליטקאַ האָט ווידער אָנגעהויבן לאַכן צו דער מוטער, וואָס האָט זיך אויך אַ ביסל באַרויִקט פון דער שרעק. מען האָט באַדאַרפט דאָס קינד אַ ביסל שטאַרקן פאַרן צוריקקערן זיך אַהיים, האָט פּאַלאַניעצקי געהייסן דערלאַנגען מיטאָג, וועלכעס קיינער האָט, אַ חוץ ליטקאַן, כמעט נישט פאַרזוכט, מחמת אַלע האָבן יעדער רגע אַ קוק געטון אויף איר מיט פאַרבאָרגענעם פחד, צי די שוועריקייט וועט זיך ווי־דער נישט אָפּרופן. אַזוי, איז אַוועק אַ שעה צייט — די געסט האָבן פאַמעלעך זיך אָנגעהויבן צונויפצוקומען אין רעסטאָראַן. פרוי עמי־ליאַ האָט געוואָלט אַהיימקערן זיך, אָבער מען האָט געמוזט וואַרטן אויף אַ קאַטש, נאָך וועלכער פּאַלאָניעצקי האָט געשיקט קיין רייכנ־אַו.

ענדלעך איז די קאַטש אָנגעקומען, אויפן וועג אָבער האָט זיי געטראָפן אַ נייע שרעק. הגם זיי זענען געפאָרן טריט באַ טריט

און אויף זייער אַ גלייכן וועג, האָבן דאָך די קליינע טרייסלונגען אפילו פאַרמאַטערט ליטקאַן, אַזוי, אַז שוין נאָענט פון רייכנהאַל האָט ווידער אָנגעהויבן ווערן דושנע. זי האָט געבעטן, מען זאָל זי לאָזן אויסשטייגן, אָבער ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס׳איז איר אויך שווער צו גיין צופיס. דאַמאָלס האָט פרוי עמיליאַ באַשלאָסן זי צו נעמען אויף דער האַנט, פּאָלאָניעצקי אָבער, מקדם זייענדיק די מוטערלעכע מסירת־הנפש, וואָס איז אגב געווען איבער פרוי עמיליאַס כּוחות, האָט אַ זאָג געטון:

— ליטיש, קום, וועל איך דיך טראָגן. אַנישט, וועט די מאַמע זיך פאַרמאַטערן און נאָך קראַנק ווערן.

און נישט פרעגנדיק קיין סך, האָט ער זי לייכט אַ הייב געטון פון דער ערד און זי זייער פריי געטראָגן אויף איין האַנט. כּדי צו פאַרזיכערן ווידער סיי זי, סיי פרוי עמיליאַן, אַז דאָס אַרט אים גאָרנישט, האָט ער זיך אָנגעהויבן וויצלען:

— אַז אַזאַ קאַץ גייט אַרום אויף דער ערד, דאַכט זיך, אַז זי איז גאָרנישט קיין גרויסע. און איצט, קוקט נאָר וואָסערע לאַנגע פיסאַקעס עס הענגען איר אַראָפּ. האַלט דיך צו אָן מיין האַלדז וועסטו דיך ווייניקער שאָקלען.

און ער איז, ווי ווייט ער האָט געקענט, געגאַנגען גלייך און שנעל, ווייל ער האָט געוואָלט, אַז דער דאָקטאָר זאָל זי וואָס גיכער באַטראַכטן; גייענדיק האָט ער געפילט, ווי איר האַרץ קלאַפּט בא אים אויף דער האַנט. זי ווידער האָט, האַלטנדיק זיך אָן אים מיט אירע דאַרע הענטלעך, געחזרט:

— לאָזט מיך אָפּ! איך... קען נישט... לאָזט מיך אָפּ.

און ער האָט געענטפערט:

— כ׳וועל נישט לאָזן, זעסט, ווי שווער ס׳איז צו גיין צופיס. פון היינט אָן וועלן מיר כּסדר נעמען מיט זיך אַזאַ גרויסע באַקוועמע שטול אויף רעדלעך, און אַז דאָס קינד וועט זיך פאַרמאַטערן, וועלן מיר עס אַוועקזעצן און איך וועל שטופּן.

— ניין, ניין! — האָט געחזרט ליטקאַ מיט טרערן אין די אויגן.

ער ווידער האָט זי מיט אַזאַ ליבשאַפט געטראָגן, ווי אַן

פֿלטערער ברודער, אָדער ווי אַ טאַטע, און דאָס האַרץ זײַנס איז געווען אין אים איבערפֿולט, ראשית דערפֿאַר, וואָס ער האָט די קלײנע באמת ליב געהאַט, והשנית, ווײַל ס'איז אים געקומען אין קאָפּ אַרײַן דאָס, וועגן וואָס ער האָט קײנמאָל נישט געטראַכט, אָדער לכל-הפּחות עס קלאָר נישט געפֿילט גאָר, הײַנו: אַז דאָס התונה האָבן עפּנט אויך אַ וועג פֿאַר פֿאָטערלעכקײט און פֿאַר די אַלע אוצרות גליק, וואָס זענען אין דעם באַהאַלטן. איצט, טראַגנדיק דאָס פֿאַר אים טײַערע, הגם פֿרעמדע מײדעלע, האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז דער אײבערשטער האָט אים באַשאַפֿן פֿאַר אַ משפּחה-לעבן, נישט נאָר פֿאַר אַ מאַן, נאָר אויך פֿאַר אַ פֿאָטער, און אַז דער ציל און דער זין פֿונם לעבן שטעקט טאַקע נאָר אין דעם.

און די רעיונות זײַנע האָבן זיך אָװעקגעטראָגן צו מאַריניאַן. ער האָט איצט מיט טאָפּלער קראַפֿט געפֿילט, אַז פֿון אַלע פֿרויען, וואָס ער האָט ביז איצט באַגעגנט, וואָלט ער קודם-כּל זי גענומען פֿאַר אַ ווײַב און מיט איר געוואָלט האָבן קינדער.

## VII.

און משך פון די ווייטערדיקע טעג איז ליטקאַ נישט קראַנק געווען, נאָר געפילט זיך אָפּגעשוואַכט. זי פלעגט אָבער אַרויסגיין, ווייל דער דאָקטאָר האָט זי געהייסן, ער האָט פונדעסטוועגן אָנגעזאָגט, אַז באַרג-אַרויף זאָל זי גיין פּאַמעלעך. וואָסטאָווסקי איז אומישנע צו אים אַריבערגעגאַנגען, כדי זיך צו דערוויסן, וואָס מיט איר איז. פּאָלאָניעצקי האָט געוואַרט אויף זים אין לייענצימער, ער האָט אָבער אָן זיין פּנים תיכף דערקענט, אַז קיין גוטע בשורה ברענגט ער נישט מיט זיך.

— דער דאָקטאָר זעט נישט איין קיין באַלדיקע סכּנה — האָט דער אַלטער אַ זאָג געטון — ער פאַרמשפּט אָבער דאָס קינד אויף אַ פּריצייטיקן טויט און הייסט בכלל דערויף אַכטונג געבן, ווייל ער זאָגט, אַז מען קען נישט וויסן די שעה, אָדער דעם טאָג.

פּאָלאָניעצקי האָט פאַרשטעלט די אויגן מיט דער האַנט:

— סאַראַ אומגליק, סאַראַ קלאַפּ!... די מוטער וועט עס

ניט איבערלעבן. דעם טויט איבערן קינד! עס ווילט זיך נישט גלייבן!

וואָסקאָווסקין זענען געקומען טרערן אין די אויגן אריין.

— כ׳האָב געפרעגט — האָט ער א זאָג געטון — צי זי מוז דערביי האָבן גרויסע יסורים. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז דאָס איז לאַוו-דווקא און אַז זי קען אויסגיין אַזוי שטיל, ווי זי וואָלט אנטשלאָפן ווערן.

— דער מוטער האָט ער וועגן איר צושטאַנד גאָרנישט געזאָגט?

— ניין. ער האָט אפילו געזאָגט, אַז זי האָט אַ האַרץ-פעלער, אָבער ער האָט צוגעגעבן, אַז בײַ קינדער גייען אַזעלכע זאַכן אָפט דורך און לאָזן נאָך זיך קיין שום שפּורן נישט איבער. ער אַליין גלייבט האָפט עס נישט.

פּאָלאָניעצקי האָט זיך נישט לייכט אונטערגעגעבן דעם אומגליק.

— וואָס איז איין דאָקטאָר — האָט ער געזאָגט. — מען דאַרף דאָס קינד ראַטעווען, כּל-זמן ס׳איז דאָ אַ פּונק האָפענונג. דער דאָקטאָר האָט געקענט האָבן אַ טעות. מען דאַרף מיט איר פאָרן צו אַ ספּעציאַליסט קיין מינכען, אָדער אים אַהערברענגען. פרוי עמיליאַ וועט זיך דערפון דערשרעקן, ס׳העלפט אָבער נישט! האַרט! מען קען דאָס אויך אויסמיידן. איך וועל אים ברענגען צו פירן — און דערצו תיכף. פרוי עמיליאַ וועלן מיר זאָגן, אַז אַזאַ און אַזאַ באַרימטער דאָקטאָר איז אָנגעקומען צו וועמען צו פאָרן און ס׳איז דאָ אַ געלעגנהייט זיך צו באַראַטן מיט אים וועגן ליטקאַן. מען קען נישט לאָזן אָן רעטונג. מען דאַרף באַלד שרייבן צו אים, ווי אַזוי ער זאָל מיט דער מוטער רעדן.

— צו וועמען-זשע ווילסטו שרייבן?

— צו וועמען? ווייס איך! דער היגער דאָקטאָר וועט אונדז שוין צייגן אַ ספּעציאַליסט. לאָמיר שוין צו אים אריבערגיין, כדי נישט צו פארלירן קיין צייט.

און דער ענין איז טאַקע דעמזעלבן טאָג געוואָרן דערלעדיקט. אין אָוונט זענען ביידע געגאַנגען צו פרוי עמיליאַן. ליטקאַ איז

געווען געזונט אָבער שווייגנדיק און פאַר מרה-שחורהדיק. זי פלעגט אפילו שמייכלען אי צו דער מוטער, אי צו איר פריינט, זי האָט אַרויסגעוויזן דאַנקבאַרקייט פאַר זייער האַווירן זי. פּאָלאַניעצקי האָט אָבער נישט געקענט זי פאַרווײלן. האָבנדיק אַ פולן קאָפּ מיט עגמת-נפש צוליב דער סכנה, וואָס זי האָט געדראָט, האָט ער נישט-ווילנדיק געהאַלטן איר אומעט פאַר אַ סימן פון איר קראַנקהייט, פאַר אַ פריצייטיקן פאַרפילן פון טויט און ער האָט מיט פחד צו זיך געזאָגט: זי איז שוין נישט אַזעלכע, ווי תמי, עפּעס ווי אַ טייל פעדעם, וואָס האָבן זי געבונדן מיטן לעבן, זענען געווען איבערגעריסן. זיין שרעק האָט זיך נאָך פאַרגרעסערט, ווען פרוי עמיליאַ האָט אַ זאָג געטון:

— ליטקאַ פילט זיך גוט, איר ווייסט אָבער, וואָס זי האָט מיך היינט געבעטן? — אַז מיר זאָלן זיך אומקערן קיין וואַרשע.

פּאָלאַניעצקי האָט זיך אָנגעטון אַ כוח, כדי צו שטילן זיין אומרו און, ווענדנדיק זיך צו דער קליינער, האָט ער, מאַכנדיק זיך פריילעך, אַ זאָג געטון:

— אָך, דו פּאַסקודנע נפש! ס'וואָלט דיר נישט אַ שאָד געווען די טעמזע?

דאָס מיידעלע האָט אָנגעהויבן שאָקלען מיט איר בלאָנד קעפּל.

— ניין! — האָט זי געענטפערט אין אַ ווײלע אַרום.

און טרערן האָבן זיך איר געשטעלט אין די אויגן, זי האָט זיי אָבער גיך פאַרשטעלט מיט די וויעס, אויס מורא, אַז עמעץ זאָל זיי נישט באַמערקן.

— וואָס איז איר? — האָט אַ טראַכט געטון פּאָלאַניעצקי.

די זאַך איז אָבער געווען זייער פשוט, אין טומזע האָט זי זיך דערוווּסט, אַז מען וויל באַ איר אָפּנעמען איר „הער סטאַך“, איר בעסטן פריינט. זי האָט געהערט, אַז ער האָט ליב מאַריניאַ פּלאַוויצקאַ, בשעת זי איז ביז איצט זיכער געווען, אַז ער האָט ליב נאָר זי און די מאַמען, זי האָט געהערט, אַז די מוטער וויל

אים חתונה מאַכן מיט יענער, בשעת זי פלעגט אים איצט האַלטן פאַר איר אויסשליסלעך אייגנטום. נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין חשבון פון דעם, וואָס עס האָט זי געדראָט, האָט זי דאָך געפילט, אַז דער „הער סטאַך" ווערט פון איר אַוועק, און עס וועט איר געטון ווערן אַן עוולה — די ערשטע וואָס ס'האָט זי געטראָפן אין לעבן. ווען עמיצער אַנדערש וואָלט איר די עוולה געטון, וואָלט עס זי ווייניקער געטאָן, אָבער די מאַמע און „הער סטאַך!" דאָס איז געווען אַ מין פאַרכישופטער קרייז, פון וועלכן דאָס קינד האָט נישט געקענט און איז נישט געווען בכּוח זיך אַרויסצודרייען. ווי זאָל זי זיך עס באַקלאָגן אויף זיי אַליין. מען זעט, אַז זיי ווילן אַזוי, אַז דאָס געפעלט זיי, אַז זיי דאַרפן דאָס האָבן. און זיי וועלן זיין גליקלעך, אויב עס וועט געשען אַזוי. די מאַמע האָט געזאָגט, אַז „הער סטאַך" האָט ליב פריילין מאַריניאַן, און ער האָט נישט געלייקנט. דאַרף מען אָפּטרעטן, אַראָפּשלינגען די טרערן און שווייגן אפילו פאַר דער מאַמען.

און ליטקאַ האָט פאַרשלאָסן אין זיך דעם ערשטן עגמת נפש פון לעבן, אַזוי איז עס! זי האָט געמוזט אָפּטרעטן, היות אָבער ווי עגמת־נפש איז פאַר אַ קראַנקן זייער אַ שלעכטע רפואה, האָט דאָסדאָזיקע אָפּטרעטן געקענט זיין אַ סך מער טראַגישער, ווי עמעץ פון די אַרומיקע האָט זיך געקענט פאָרשטעלן.

דער דאָקטאָר, דער ספּעציאַליסט איז געקומען אין צוויי טעג אַרום, און ווײַלנדיק צוויי טעג אין רייכנהאַל, האָט ער איבערגאַנצן באַשטעטיקט דעם אָרטיקן דאָקטאָרס מיינונג. ער האָט פּרויעמיליאַן באַרויקט, פאָלאַניעצקין אָבער האָט ער געזאָגט, אַז דעם קינדס לעבן קען זיך נאָך ציִען ימים ושנים, אָבער עס וועט תמיד הענגען אויף אַ האָר, וואָס קען זיך אַ ליאַדע רגע איבעררייסן. ער האָט געהייסן, מען זאָל די קליינע נישט אויפרעגן, נישט מיט טרויעריקייט, נישט מיט קיין פריילעכע זאַכן און אַכטונג געבן אויף איר מיט דער גרעסטער זאָרגעוודיקייט.

מען האָט זי אַרומגערינגלט מיט דער גרעסטער השגחה און ליבשאַפט, מען האָט זי אָפּגעהיטן פון די קלענסטע אויפרעגונגען, מען האָט איר אָבער נישט געשפאָרט די גרעסטע, און דאָס זעבן

געווען מאַריניאַס בריוו. דער אָפּקלאַנג פון דעם, וואָס איז געקומען אין אַ וואָך אַרום, האָט זיך אָפּגעשלאָגן אין אירע אויערלעך, וואָס האָבן זיך איצט גוט צוגעהערט צו אַלעם. אמת, ער האָט געקענט צעזייען איר מורא וועגן „הער סטאַכן". עס האָט זי אָבער שטאַרק אויפגעטרייסלט. פרוי עמיליאַ האָט אַ גאַנצן טאָג זיך געוואַקלט, צי זי זאָל ווייזן דעם בריוו פּאָלאָניעצקין, ער האָט זיך אָבער טאָג-טעגלעך נאָכגעפרעגט וועגן ידיעות פון קזשעמיען, וואָלט עס דעריבער פשוט געמוזט זיין אַ ליגן, ווען מען זאָל אים געוועז וועלן פאַרבאָרגן, אַז דער בריוו איז אָנגעקומען, איבעריקנס, האָט זי געהאַלטן פאַר איר חוב, צו זאָגן הער פּאָלאָניעצקין דעם אמת, כּדי ער זאָל וויסן, סאַראַ מניעות עס קענען אויף אים וואַרטן.

— דעריבער האָט זי דעם צווייטן אָוונט נאָכן באַקומען דעם בריוו, ווען זי האָט ליטקאַן שוין געהאַט געלייגט שלאָפן, אַליין פאַרפירט דעם שמועס וועגן דעם ענין:

— מאַריניאַ האָט זיך שטאַרק גענומען צום האַרץ, וואָס איר האָט פאַרקויפט דעם חוב אויף קזשעמיען.

— דאָס איז געווען דער בריוו?

— יאָ.

— איר קאָנט מיר אים ווייזן?

— ניין. כ'קאָן אייך בלויז איבערלייענען גרעסערע שטעלן. מאַריניאַ איז צוגעדריקט.

— זי ווייסט, אַז איך בין דאָ?

— ביז איצט האָט זי געמוזט נישט אָפּנעמען מיין בריוו, עס חידושט מיך אויך, וואָס ער, מאָשקאָ, וועלכער ווילט אין קזשעמיען, האָט איר וועגן דעם נישט דערמאַנט.

מאָשקאָ איז אָפּגעפאָרן קיין קזשעמיען פאַר מיר און איז נישט געווען זיכער, צי איך פאָר קיין רייכנהאַל, בפרט, אַז כ'האָב אים די לעצטע טעג געזאָגט, אַז כ'האָב בדעה דעם פּלאַן צו בייטן.

פרוי עמיליאַ איז צוגעגאַנגען צום שרייבטיש נאָכן פאַרטפעל מיטן בריוו. צוריקקומענדיק צום טיש, האָט זי פאַריכט דעם

לאָמפּ, דערנאָך זיך אַוועקגעזעצט קעגנאיבער פּאָלאַניעצקין, אַרויסגענומען דעם בריוו פֿון קאָנווערט. איידער אָבער זי האָט אים גענומען לייענען, האָט זי אַ זאָג געטון:

— פֿאַרשטייט איר מיך, איר גייט נישט בלויז אינם פֿאַרקויפֿן דעם חוב. איר ווייסט דאָך... ס'איז איר אַ ביסל אַרײַן אין קאָפּ אַרײַן, מילא האָט עס פֿאַר איר געהאַט נאָך אַן אַנדערע באַדייטונג... זי האָט באמת געטראָפֿן אַ גרויסע אַנטוישונג!

— מאַדאַם — האָט אַ זאָג געטון פּאָלאַניעצקי — פּאַעמעצן אַנדערש וואָלט איך מיך נישט מודה געווען, אָבער אײַך וועל איך זאָגן אָפֿן, כ'האָב געטון בנוגע דעם די גרעסטע שטותים אין לעבן, כ'בין אָבער פֿאַר קיינעם נישט באַשטראָפֿט געוואָרן.

זי האָט אויפֿגעהויבן אויף אים אירע האַרציקע בלאַס־בלויע אויגן מיט מיטלייד:

— אָרימער נעבעך! זייט איר באמת טאַקע אַזוי פֿאַראינטערעסירט אין מאַריניאַן? כ'פֿרעג דאָך נישט אויס נײַגיריקייט, נאָר אויס גוטפֿרײַנטשאַפֿט... ווײַל איך וואָלט וועלן באמת אַלץ פֿאַריכטן, כ'וואָלט אָבער געוואָלט זײַן זיכער...

— ווייסט איר, וואָס עס האָט די רעשט אויף מיר געווירקט? — האָט איבערגעריסן האַסטיק פּאָלאַניעצקי — יענער פֿריערדיקער בריוו! אין קושעמיען איז זי מיר געפֿעלן. איך האָב אָנגעהויבן טראַכטן וועגן איר, איך האָב געזאָגט צו זיך: זי וואָלט געווען ליבער און בעסער, ווי אַלע אַנדערע. זי איז אַזאַ, וואָס איך האָב טאַקע געזוכט! אָבער וואָס קומט אַרויס! איך האָב לאַנג צו זיך געזאָגט: כ'וועל נישט זײַן קיין ווייכער מענטש און וועל מײַנס נישט שענקען. איר פֿאַרשטייט, אַז מען מאַכט זיך פֿון עפּעס אַ פּרינציפּ, האַלט מען זיך שוין דערבײַ לשם אַמביציע, אַ חוץ דעם, זיצן אין יעדן איינעם פֿון אונדז צוויי מענטשן, וואָס איינער פֿון זיי קריטיקירט דעם צווייטנס מעשים, דער צווייטער האָט מיר אָנגעהויבן זאָגן: „לאָז צורו, וועסט מיטן טאַטן נישט אויסקומען! ער איז טאַקע אַן אומדערטרעגלעכער פֿאַרשוין! האָב איך באַשלאָסן עס צורו לאָזן, און דעריבער געפּטרט דעם חוב. אָט, ווי

אַזוי עס איז פֿאָרגעקומען. ערשט שפּעטער האָב איך זיך געכאַפּט, אַז איך קען זיך נישט אָפּזאָגן פֿון געדאַנק וועגן פֿריילין מאַריאַ און אַז כ׳האָב כּסדר דאָסזעלבע געפֿיל: „זי איז אַזאַ, ווי דו האָסט געזוכט״, און כ׳האָב דערקענט, אַז כ׳האָב געטון אַ שטות, און עס איז מיר אַ שאָד געווען. דערנאָך, ווען דער בריוו איז אָנגעקומען, ווען איך האָב זיך איבערצייגט, אַז פֿון איר זייט איז אויך עפּעס געווען, אַז זי האָט געקענט מיך ליב קריגן און זיין מיין, האָב איך זי אויך ליב געקריגן. און כ׳גיב אייך מיין וואָרט, אַז אָדער איך פֿאַרליר דעם קאָפּ, אָדער דאָס איז אמת! כּל־זמן אַ מענטש חלומט זיך עפּעס, איז גאָרנישט. בשעת מען דערזעט אָבער, אַז דאָרט זענען אויך געווען אָפֿענע אָרעמס, איז וואָס פֿאַר אַ חילוק עס ווערט! דער בריוו האָט די רעשט אויף מיר געווירקט און כ׳קען זיך קיין עצה נישט געבן!

— כ׳וועל אייך ליבערשט נישט אַלץ לייענען — האָט געענטפֿערט אין אַ ווײַלע אַרום פֿרוי עמיליאַ. — פֿאַרשטייט זיך, זי שרייבט, אַז דער קורצער שלאָף האָט זיך געענדיקט מיט אַ גיכן אויפֿוואַכן, ווי זי האָט זיך אַליין גערעכנט. וועגן הער מאָשקאָן, זאָגט זי, אַז ער איז זייער איידל און געלט־ענינים, הגם ער וויל, אַז זיי זאָלן אויסקומען אויף זיין זייט.

— זי וועט מיט אים חתונה האָבן, ווי מיר האָבן אַ גאָט אין הימל!

— איר קענט זי נישט. און וועגן קזשעמיען שרייבט זי אָט וואָס: „דער טאַטע האָט חשק פּטור צו ווערן פֿונעם גיט און זיך באַזעצן אין וואַרשע. דו ווייסט, ווי ליב איך האָב קזשעמיען, אָבער נאָך דעם, וואָס עס איז געשען, האָב איך אַליין אָנגעהויבן צו צווייפֿלען, צי מיין אַרבעט קען עפּעס ברענגען איך וועל נאָך פֿרווון פֿאַרטיידיקן דאָס ליבע שטיק ערד! דער טאַטע זאָגט אָבער, אַז דאָס געוויסן לאָזט אים נישט מיך צו האַלטן אַרעסטירט אין דאָרף, און דאָס איז דאָס ערגסטע, וואָס עס האַנדלט זיך בּלומרשט אין מיר. דאָס לעבן שמעקט צייטנווייז טאַקע מיט איראָניע. הער מאַשקאָ גיט דעם טאַטן דריי טויזנט לעבנס־רענטע און דאָס גאַנצע געלט פֿונעם פֿאַרצעלירן מאַגערוווקע. ס׳איז מיר

קיין חידוש נישט, וואָס ער זוכט איינגנוויצן, אָבער באַ אַזאַ אָפּ־מאַך וואָלט ער כמעט בחנם באַקומען דאָס גיט. דער טאַטע אַליין האָט אים געזאָגט: „אויף אַזאַ אופן, אויב כ׳וועל צאָלעבן אַ יאָר, וועל איך האָבן געגומען פאַר קושעמיען דריי טויזנט, ווייל מאַ־גערוווקע איז דאָך סיי ווי סיי מיין". נאָר מאשקאַ האָט געענט־פערט, אַז באַם הייגטיקן מצב וועלן דאָס געלט צוגעמען די בעלי־דברים, און אַז דער טאַטע וועט שוין איינגיין אויפן אָפּמאַך, וואָס ער לייגט פאָר, וועט ער געמען די מזומנים אין דער האַנט אַריין און קען נאָך לעבן דערצו אַ יאָר דרייסיק אָדער מער. דאָס איז אויך אמת, כ׳ווייס, אַז דעם טאַטן געפעלט אפילו דער פראָיעקט, עס גייט אים בלויז אין דעם, אַז ער זאָל מער אויסדינגען. די אַנדערע נחמה איז דאָס, אַז מיר וועלן וווינען אין וואַרשע, וועל איך אָפט זען דיך, מיין טייערע עמילקאַ, און ליטקאַן. איך האָב אמתדיק און מיט דער גאַנצער נשמה ליב איך ביידע און ווייס, אַז אויף אייערע הערצער לפּחות קען איך תמיד רעכענען".

מען איז אויף אַ ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן, דערנאָך האָט פּאָלאַניעצקי אַ זאָג געטון:

— אזוי הייסט עס! כ׳האָב באַ איר צוגענומען קושעמיען, פאַר דעם האָב איך איר צוגעשיקט אַ בעלן!

זאָגנדיק דאָס, האָט ער נישט געטראָפן, אַז כמעט דיזעלבע ווערטער האָט מאַריניאַ געשריבן אין איר בריוו, נאָר פרוי עמיליאַ האָט זיי בכיון דורכגעלאָזט, נישט ווילנדיק אים ווי טון. מאַשקאַ האָט, בשעת דער פּלאַוויצקאַס לעצטן באַזוך אין וואַרשע, שוין באַמיט זיך אַ ביסל צו געווינען פריילין מאַריניאַס האַנט, האָט זי דעריבער איצט נישט געדאַרפט זיין קיין גרויסע חכמה, כדי צו פאַרשטיין, וואָס עס הייסט עס אָפּקויפן דעם חוב באַ פּאָלאַניעצקין און זיין קומען אין דאַרף אַריין. דאָ האָט טאַקע געשטעקט איר גאַנץ עגמת־נפש, וואָס האָט פאַרגאָסן איר האַרץ און איר טיפן פאַראיבל, וואָס זי האָט געהאַט אויף פּאָלאַניעצקין.

— מען דאַרף דאָס אַלץ אומבאַדיינגט אויפקלערן — האָט געזאָגט פרוי עמיליאַ.

— כ׳האָב איר געשיקט אַ בעלן! — האָט איבערגעחזרט

פּאָלאָניעצקי — איך קען זיך אפילו נישט פאָרענטפערן, אַז כ׳האָב נישט געוווּסט וועגן מאַשקאַס כוונות.

פרוי עמיליאַ האָט אַ צייט עפּעס געדרייט אין אירע איידע־לע פינגער מאַריניאַס בריוו, דערנאָך האָט זי פּלוצלינג אַ זאָג געטון:

— אַזוי קען עס נישט בלייבן. איך האָב געוואָלט אייך פאַרייניקן דורך מיין פריינטשאַפט צו אייך ביידע, איצט אָבער איז דאָ מיט נאָך אַ סיבה מער, דאָס איז אייער עגמת־נפש. דאָס וואָלט געווען פאַר איר אַ פאַרוואָרף און איך קען אייך אַזוי נישט לאָזן, פאַרלירט נישט די האָפנונג... פאַרהאַן אַ פיין פראַנצויזיש ווערטל און זייער אַ מיאוס אַ פוילישע וועגן דער קראַפט און ווילן פון אַ פרוי. איך וויל באמת זייער העלפן!

פּאָלאָניעצקי האָט אָנגעכאַפּט איר האַנט און זי צוגעטראָגן צו די ליפּן.

— איר זענט דאָס בעסטע און ערלעכסטע באַשעפעניש פון אַלע, וואָס איך האָב באַגעגנט אויף דער וועלט.

— איך בין געווען זייער גליקלעך — האָט געענטפערט פרוי עמיליאַ — היות אָבער איך מיין, אַז ס׳איז דאָ בלויז אויפן וועג דערצו, וואָלט איך וועלן, אַז מיינע באַנטע זאָלן אויף אים גיין.

— איר זענט גערעכט. דער וועג, אָדער קיין וועג! קוים לעב איך, וויל איך, אַז דאָס לעבן זאָל עמעצן מיט מיר עפּעס ברענגען.

— און איך, קוים האָב איך דאָס ערשטע מאָל אין לעבן זיך אונטערגענומען די ראָל פון אַ שדכנטע — האָט אַ זאָג געטון לאַכנדיק פרוי עמיליאַ — וויל איך אויך, אַז עס זאָל אייך עפּעס ברענגען. מען דאַרף בלויז אַ טראַכט טון, וואָס מען דאַרף איצט טון.

זאָגנדיק דאָס, האָט זי אויפגעהויבן די אויגן אינדערהייך. דער שיין פון לאָמפּ איז בשפע געפאַלן אויף איר דראָבנע, נאָך זייער יינג געזיכט, אויף אירע בלאָנדע האָר, וואָס זענען געווען אַ ביסל צעפּאַטלט איבערן שטערן, און זי האָט געהאַט אין זיך

עפּוס אַזאַ צוויבערדיקס און גלייכצייטיק אַזאַ מיידלדיקס, אַז פּאָ־לאַניעצקי, הגם זיין קאָפּ איז געווען פאַרנומען מיט עפּעס אַנ־דערש, איז אים אויפן זינען געקומען דער צונאָמען, וואָס בוקאַצ־קי האָט איר געגעבן: מיידל־אַלמנה.

— מאַריניאַ האָט אין זיך אַ סך פּשטות — האָט זי אַ זאָג געטון נאָך אַ ווײַלע טראַכטן — און זי וועט מיך צום בעסטן פאַרשטיין, ווען כ'וועל איר אָנשרייבן דעם ריינעם אמת. כ'וועל איר דאָס זאָגן, וואָס איר האָט מיר געזאָגט: אַז איר זענט אַוועק־געפאָרן פון איר שטאַרק פאַראינטערעסירט, אַז דאָס, וואָס איר האָט געטון, איז געווען אומבאַרעכנט, אונטער דער השפעה בלויז פון דעם געדאַנק, אַז איר וואָלט מיטן טאַטען נישט געקענט דורכקומען; אַז איצט האָט איר אָבער שטאַרק חרטה אויף דעם, בעט איר, אַז זי זאָל אייך עס נישט נעמען פאַר אומגוט און נישט אָפּנעמען די האָפנונג, אַז איר וועט זי קענען איבערבעטן.

— און איך וועל שרייבן צו מאָשקאָן, אַז כ'וועל באַ אים אָפּ־קויפן דעם חוב מיט אַזאַ ריווח, וויפיל ער אַליין וועט נאָר פאַר־לאַנגען.

פרוי עמיליאַ האָט אָנגעהויבן לאַכן.

— אָט איז דער ביכטערער, באַרעכנטער הער פּאָלאַניעצקי, וואָס רימט זיך, אַז ער איז פּטור געוואָרן פונעם פּוילישן און פון דער פּוילישער לייכטזיניקייט.

— אוודאי, אוודאי! — האָט פּאָלאַניעצקי אויסגעשריגן מיט אַ פרייל עכער שטים. — די אויסרעכענונג באַשטייט אין דעם, אַז מען זאָל נישט חרטה האָבן אויף דעם, וואָס ס'איז כּדאַי.

אין דער זעלבע רגע איז אויף אים אָבער אָנגעפאַלן אַ מרה־שחורה.

— און אויב זי וועט ענטפערן, אַז זי איז מאָשקאָס כּלה?

— כ'רעכן נישט. הער מאשקאָ מעג זיך זיין דער אָרנט־לעכסטער מענטש, אָבער ער איז נישט פּאַר איר. זי וועט נישט חתונה האָבן אָן צוגעבונדנקייט, און איך וויס, אַז הער מאשקאָ איז איר לחלוטין נישט געפעלן. דאָס וועט קיינמאָל נישט געשען.

איר קענט נישט מאַריניאַן, טוט נאָר פון אייער זייט, וואָס איר קענט, אָבער אין מאַסקאָן מעגט איר זיין גאַנץ זיכער.

— אַלזאָ, אָנשטאָט שרייבן, וועל איך היינט צו אים דעפּעשירן. ער קען נישט זיין כסדר לאַנג אין קזשעמיען און מוז אין וואַרשע אָפּנעמען מיין דעפּעשע.

## VIII.

מאַשקאָס תשובה, וואָס פּאָלאָניעצקי האָט באַקומען אין צוויטעג אַרום, האָט געקלונגען אַזוי: „געכטן האָב איך געקויפט קזשעמיען". — הגם פון מאַריניאַס בריוו האָט מען געקענט פאַרויסזען, אַז די זאַך וועט אָננעמען אַזאַ און נישט אַן אַנדער ווענדונג, און דער יינגערמאַן האָט באַדאַרפט זיין צו דעם פאַרגעברייט, האָט דאָך די ידיעה אים געטראָפן, ווי אַ דונער. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ס'איז געשען אַן אומגעריכט און אומפאַרהיילעך אומגליק, און די אחריות פאַלט לחלוטין אויף אים. פרוי עמיליאַ האָט, קענענדיק בעסער, ווי ווער עס איז, מאַריניאַס צוגעבונדנקייט צו קזשעמיען, אויך געהאַט אַ פאָרגעפיל, וואָס זי איז נישט בכוח געזען צו פאַרבאָרגן, אַז דורכן דאָזיקן פאַרקויפן איז דער ענין פון דערנענטערן צו זיך די צוויי יונגע מענטשן אַ סך ש.ווערער געוואָרן.

— מאַשקאָ, אויב ער וועט נישט חתונה האָבן מיט מאַריניאַן — האָט אַ זאָג געטאָן פּאָלאָניעצקי — וועט ער דעם אַלטן פּלאַוויצקי אַזוי אַרומשינדן, אַז ער וועט זיין רעפּוטאַציע מציל

זײַן און יענעם לאָזן אָן אַ גראָשן בײַ דער נשמה. ווען כ׳זאָל געווען פֿאַרקויפֿן דעם חוב אַ ליאַדע וואָכערער, וואָלט דער אַלטער זיך ווי עס איז געווען אַרויסגעדרייט, אַ ביסל געצאָלט, אַ ביסל צוגעזאָגט, — און דער חשבון קושעמיען וואָלט זיך געשלעפּט יאָרנלאַנג, אינם משך פֿון וועלכן ס׳וואָלט זיך געקענט טרעפֿן עפּעס רעכטס, לפּחות וואָלט צײַט געווען צו פֿאַרקויפֿן קושעמיען פֿאַר גוטע באַדינגונגען. איצט, אויב זיי וועלן בלײַבן אָן אַ גראָשן, וועט עס זײַן מײַן שולד.

פֿרוי עמיליאַ האָט אָבער געקוקט אויפֿן ענין אויך פֿון אַן אַנדערער זײַט.

— די צרה שטעקט נישט אין דעם — האָט זי געזאָגט — וואָס קושעמיען איז פֿאַרקויפֿט געוואָרן. ווען עמעץ אַנדערש, נישט איר, זאָלט געווען האָבן אַ יד דערינען און דערצו נאָך תּיכּף נאָכן זײַן בײַ מאַריניאַן, וואָלט די גאַנצע זאַך נישט געהאַט אַזאַ באַדײַטונג; ערגער איז אָבער, וואָס מאַריניאַ האָט זיך אַזעלכעס נישט געריכט אויף אײַך.

פּאַלאַניעצקי האָט דאָס זייער גוט געפֿילט, און היות ער איז געוווינט געווען זיך אָפּצוגעבן אַ קלאָרן חשבון פֿון יעדער לאַגע, האָט ער אויך פֿאַרשטאַנען, אַז מאַריניאַ איז פֿאַר אים כּמעט ווי פֿאַרפֿאַלן. ס׳איז דעריבער געבליבן איינס: אָנערקענען, אַז אַזוי איז עס, פֿאַרגעסן אָן איר און זיך באַמיִען וועגן אַן אַנדערער פֿרוי. פּאַלאַניעצקיס גאַנצע נשמה האָט זיך אָבער געבונטעוועט קעגן דעם. קודם־כּל זײַן געפֿיל צו פֿרײַלין מאַריאַ, הגם אַ פּלוצלינגס און נישט קיין אײַנגעפֿעסטיקטס, נישט דורך דער צײַט, נישט דורך נענטערער באַקאַנטשאַפֿט, וואָס איז געווען באַגרינדעט בלויז אויפֿן רושם פֿון פֿיזישער שיינקייט, וואָס זי האָט אויף אים געמאַכט, איז אין די לעצטע וואָכן שטאַרק אויסגעוואַקסן. דאָס האָט אויך גורם געווען איר בריוו און די איבערצײַגונג, וואָס האָט זיך געוועקט אין פּאַלאַניעצקין, אַז ער האָט איר געטאָן אַן עוולה. ס׳האָט אים איצט אָנגעכאַפּט אַ רחמנות אויף איר און ער האָט איצט אָן אויפֿרעגונג נישט געקענט טראַכטן וועגן איר, צוליב דעם גופֿא האָט זיך דאָס געפֿיל אויך פֿאַרגרעסערט מיט צוויי עלע-

מענטן, וואָס שפּילן זייער אַ גרויסע ראָל אינם מענטשלעכן האַרץ. אַ חוץ דעם האָט דער געזונטער, מוסקולערער מענטש קיינמאָל נישט געקענט זיך אונטערגעבן פּאַסיוו דעם לויף פון די געשע-נישן, דאָס אַנוזען פון שווערקייטן האָט אים געררייצט צו מעשים. לסוף זיך האָט אויך אָקעגנגעשטעלט דעם מיאוס זיין זיך פון מאַריניאַן זיין אייגנליבע. דער געדאַנק, אַז ער מוז אַמאָל זיך אַליין מודה זיין, אַז ער איז געווען בלויז אַ ספּרוזשינע אין אַזאַ מאַשקאַס הענט, און איינס פון די מיטלען צו זיין ציל, אַז ער האָט זיך געלאָזט אויסנוצן, לכל הפּחות אָפּנוצן, האָט אים ממש אַריינגעבראַכט אין אַ ווילד משוגעת. ווען מאַשקאַ זאָל אַפילו נישט באַקומען מאַריניאַס האַנט, נאָר ס'זאָל זיך ענדיקן בלויז מיט קושעמיען, איז עס פאַר פּאָלאַניעצקין שוין געווען מער, ווי ער איז געווען בכוח אויסצוהאַלטן. איצט האָט אים אַנגענומען אַן אומגעהייערער חשק אַרויסצוטרעטן קעגן מאַשקאַן, וואַרפן אים שטיינער אונטער די פיס, לכל הפּחות צעדרייען אים זיינע ווייטע־דיקע פּלענער און ווייזן אים, אַז זיין אַדוואָקאַטישע פליגקייט, ווען זי שלאָגט זיך אָן אויף אמת מענערישער ענערגיע, האַלט נישט אויס.

די אַלע, הן איידעלע, הן נישט גאָר איידעלע סיבות האָבן געשטויסן פּאָלאַניעצקין מיט אַן אומגעהייערער קראַפט עפּעס פאָרצונעמען, עפּעס צו טון. דערווייל איז די לאַגע געווען אַזעלכע, אַז ס'איז אים גאָרנישט מער געבליבן צו טון. אין דער סתירה טאַקע האָט געשטעקט די גאַנצע דראַמע. זיצן אין רייכנהאָל, דערלויבן מאַשקאַן דורכצופירן זיינע פּלענער, פאַרשפּרייטן זיינע בעצן, זיך באַמיען וועגן פריילין פּלאַוויצקאַס האַנט — ניין! פאַר קיין פּרייז נישט! און אויף דער לעצטער שאלה איז קיין תשובה נישט געווען. דאָס ערשטע מאָל אין לעבן איז ער געוויר געוואָרן, וואָס עס הייסט שלאָפּלאָזיקייט און נערוון-איבערדרוקונג. צוליב דעם, וואָס ליטקאַ האָט זיך די לעצטע טעג געפילט ווידער ערגער, איז איבער דער גאַנצער געזעלשאַפט געבליבן הענגען אַ שווערע, ווי בליי, אַטמאָספערע פון אומרו, אין וועלכער דאָס לעבן איז געוואָרן אומדערטרעגלעך.

אין אַ וואָך אַרום איז ווידער אָנגעקומען אַ בריוו פון מאַרי-

ניאַן . . . דאָס מאָל איז אין אים נישט געווען קיין וואָרט, נישט וועגן פּאָלאָניעצקין, נישט וועגן מאשקאָן. מאַרינ̇יאַ האָט מודיע געווען אָן שום דערקלערונגען, ווי דער ענין איז פאָרגעקומען. פון דעם אָבער האָט מען געקאָנט דרינגען, ווי טיף דאָס פאַרקויפן האָט זי צ̇נגערירט.

פּאָלאָניעצקי וואָלט ליבערשט גערן געווען מען זאָל אים דע-רינען באַשולדיקן. ער האָט דערביי פאַרשטאַנען, אַז דאָס פאַר-שוויגן איז אין דעם בריוו באַווייזט, ווי ווייט ער איז אויסגעמעקט געוואָרן פונעם מיידלס האַרץ, בשעת דאָס פאַרשווייגן וועגן מאש-קאָן קען באַדייטן פונקט דעם היפוך. סוף-כל-סוף, אויב עס איז איר אַזוי געגאַנגען וועגן קזשעמיען, האָט זי דאָך געקענט זיך אַהין אומקערן, צ̇פּגעבנדיק די האַנט דעם היינטיקן באַלעבאָס, אפשר האָט זי זיך טאַקע געפּאָרעט מיטן דאָזיקן געדאַנק. דער אַלטער פּלאַוויצקי האָט אייגנטלעך געהאַט זיינע שלאַכטעצקע פּאָראורטיילן, און פּאָלאָניעצקי האָט אויף זיי גערעכנט. האַלטנדיק אים אָבער קודם-כל פאַר אַן עגאָיסט, האָט ער זיך משער געווען, אַז אין דעם פּאַל וועט ער צוליב זיין באַקוועמלעכקייט וועגן מקריב זיין די טאָכטער און די פּאָראורטיילן.

הכלל, דאָס זיצן אין רייכנהאָל מיט פאַרלייגטע הענט און דאָס וואַרטן אויף אַ ידיעה, צי הער מאשקאָן געפעלט פאַרצולייגן זיין האַנט פריילין פּלאַוויצקאַן, איז פאַר פּאָלאָניעצקין געוואָרן פשוט אוממעגלעך. ליטקאַ האָט אויך פון צייט-צו-צייט איבערגע-חזרט איר בקשה פאַר דער מוטער, אַז מען זאָל זיך אומקערן קיין וואַרשע, האָט פּאָלאָניעצקי באַשלאָסן דעריבער זיך אומצוקערן, בפרט נאָך, אַז דער טערמין, וואָס ער האָט בשותפות מיט ביגעלן באַדאַרפט אָנהייבן דאָס נייע געשעפט האָט זיך דערנעענטערט.

דערדאָזיקער באַשלוס האָט אים בשעת-מעשה לייכטער גע-מאַכט אויפן האַרץ. ער וועט זיך אומקערן, אַריינקוקן דער לאַגע גענטער אין פנים אַריין, און אפשר וועט ער עפּעס אונטערנעמען. דאָס איז דאָך פונדעסטוועגן געווען עפּעס מער, ווי זיצן אין רייכנ-האָל. הן פרוי עמיליאַ, הן ליטקאַ האָבן די ידיעה וועגן זיין אָפּ-פאָר אויפגענומען אָן פאַרוווּנדערונג. זיי האָבן געוווּסט, אַז ער

איז געקומען בלויז אויף עטלעכע וואָכן און האָבן געהאַפּט איינגיכן אים צו זען אין וואַרשע, פרוי עמיליאַ האָט אויך געזאָלט אַוועקפאָרן האַלב-אויגוסט. דעם רעשט חודש האָט זי באַשלאָסן צו בלייבן צוזאַמען מיט וואָסקאָווסקין אין זאַלצבורג, און שפּעטער ערשט זיך אומקערן קיין וואַרשע. דערווייל האָט זי צוגעזאָגט פּאַלאָניעצקין, אַז זי וועט אים עטלעכע מאָל מודיע זיין וועגן ליטקאַס געזונטצושטאַנד. אַ חוץ דעם, וועט זי שרייבן צו מאַריניאַן, כּדי זיך צו דערוויסן, וואָס זי טראַכט באמת מכּוח מאָשקאָן.

אײנעם טאָג פונעם אָפּפאָרן האָבן ביידע פרויען צוזאַמען מיט וואָסקאָווסקין אים באַגלייט צו דער באַן. בשעת ער איז שוין געווען אין וואַגאָן, איז אים אַ ביסל אַ שאָד געוואָרן אַוועקצופאָרן. ווי די מעשה זאָל נישט זיין, האָט ער נישט געוווּסט, וואָס פאַר אַ ווענדונג אַלץ וועט צונעמען אין וואַרשע, דאָ ווידער האָבן אים אַרומגערינגלט די פריינטלעכסטע וועזנס, וואָס ער האָט נאָר געהאַט אין דער וועלט. אַרויסגעבויגן זיך דורכן פענסטער, האָט ער געקוקט אויף ליטקאַס טרויעריקע אייגעלעך, וואָס זענען געווען צו אים געווענדט, און אויף פרוי עמיליאַס פריינטלעך געזיכט, מיט אַזאַ געפיל, ווי דאָס וואָלט זיין זיין משפחה. און ווידער האָט זיך אים אַ וואָרף געטון אין די אויגן די אומגעוויינטלעכע שיינקייט פון דער יונגער אַלמנה, אירע שוין צופיל איידעלע שטריכן, דער מלאכישער אויסדרוק פון איר געזיכט און איר לגמרי מיידלישע פיגור, וואָס איז געווען אַרומגעפּאַסט מיט אַ שוואַרץ קלייד.

— זייט געזונט — האָט אַ זאָג געטון פרוי עמיליאַ — און שרייבט צו אונדז פון וואַרשע, אַז ערך אין דריי וואָכן אַרום וועלן מיר זיך זען.

— אין דריי וואָכן אַרום — האָט איבערגעחזרט פּאַלאָניעצקי — כ'וועל זיכער שרייבן. צום ווידערזען, ליטקאַ!

— צום ווידערזען! גריסט עווקאַן און יאַאַשיאַן!

— גוט!

און ער האָט נאָכאַמאָל דערלאַנגט די האַנט דורכן פענסטער.

— צום ווידערזען! געדענקט אָן אייער פריינט.

— מיר װעלן נישט פאַרגעסן, נישט פאַרגעסן! װילט איר מיר זאָלן אָפּריכטן אַ תּפילה פאַר אײערטװעגן? — האָט אַ פרעג געטון מיט אַ שמײכל פרוי עמיליאַ.

— אַ דאַנק אײך פאַר דעם. גוט! צום װידערזען, פּראָ־פעסאָר!

דער צוג האָט באותו רגע גערירט. די דאַמען האָבן אָנגע־הויבן נאָכמאַכן מיט די שירעמלעך, ביז דער װאָס אַמאָל שנע־לערער אָטעם פונם לאָקאָמאָטיװ האָט נישט פאַרשטעלט מיט קנוילן רויך און דאַמף דאָס פענסטער, דורך װעלכן פּאָלאָניעצקי האָט אַרויסגעקוקט.

— מאַמע — האָט אַ פרעג געטון ליטקאַ — מען דאַרף טאַ־קע אָפּריכטן אַ תּפילה פאַר הער סטאַכן?

— מען דאַרף, ליטוש. ער איז פאַר אונדז אַזאַ גוטער. מען דאַרף בעטן גאָט ער זאָל זײַן גליקלעך.

— ער איז דען אומגליקלעך?

— נײַן... דאָס נישט... פאַרשטײסטו מיך, יעדער האָט זיך זײַן עגמת-נפש, ער האָט זיך אויך זײַנס.

— איך װײס, איך האָב געהערט אין טומזע — האָט געענט־פערט דאָס מײדעלע.

און אין אַ װײַלע אַרום האָט זי שטילערהייט צוגע־געבן:

— איך װעל אָפּריכטן אַ תּפילה...

פּראָפעסאָר װאָסקאָװסקי, װאָס האָט בײַ זײַן גאַנצער ער־לעכקייט נישט געקענט אײַנהאַלטן די צונג, האָט אין אַ װײַלע אַרום אַ זאָג געטון צו פרוי עמיליאַ, װען ליטקאַ איז אַװעק פאָרויס:

— אַ גאָלדן האַרץ, און האָט ליב בײדע דאַמען, װי אַ ברו־דער. איצט, װען דער ספּעציאַליסט האָט אונדז געזאָגט, אַז ס'איז לחלוטין נישטאָ, װאָס צו שרעקן זיך, מעג איך אַלץ אויסזאָגן. דאָס האָט אים פּאָלאָניעצקי אומישנע אַראָפּגעבערענגט, װײַל ער האָט זיך געשראָקן פאַר דער קלײנער אין טומזע.

— ער? — האָט אַ פרעג געטון פרוי עמיליאַ. — נו, זעט איר סאַראַ מענטש דאָס איז!

און טרערן פון דאַנקבאַרקייט האָבן זיך איר באַוויזן אין די אויגן. אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי צוגעגעבן:

— איך וועל אים אָבער פאַר דעם אָפּדינען, ווייל כ'וועל אים געבן מאַריניאַן.

פּאָלאָניעצקי איז אויך אַוועקגעפאָרן מיט אַ האַרץ פול פריינט־לעכקייט און דאַנקבאַרקייט צו פרוי עמיליאַ, מחמת אַ מענטש, ווען עס געלינגט אים עפּעס נישט און ער האָט דעריבער עגמת־נפש, פילט לעבעדיקער די מענטשלעכע פריינטשאַפט. זיצנדיק איצט אינם עק וואַגאָן און האָבנדיק פריש אינם געדאַנק פרוי עמיליאַס בילד, האָט ער צו זיך געזאָגט:

— אָך, ווען איך וואָלט געוועזן זיך אין איר פאַרליבט! סאַראַ רו, סאַראַ זיכער גליק! כ'וואָלט שוין געהאַט אין לעבן געפונען אַ ציל; כ'וואָלט געוווסט, פאַר וועמען איך אַרבעט, כ'וואָלט געוווסט, אַז איך בין עפּעס, אַז מײַן זײַן האָט אַ זין. זי זאָגט אַפילו, אַז זי וועט נישט חתונה האָבן, מיט מיר אָבער, ווער ווייסט! יענע מעג זיך זײַן אַ פולקאָמענהייט, זי קען אָבער אויך האָבן זייער אַ טרוקן האַרץ.

דאָ האָט ער פלוצלינג דערפילט, אַז וועגן דער טראַכט ער דאָך רויקער, בשעת בײַ יעדן מאָל דערמאָנען זיך אָן יענער, נעמט אים אַרום עפּעס אָן אומרו, אָן אומאָנגענעמער, אָבער אויך אָן אָנגענעמער. ער האָט געפילט, אַז עס ציט אים עפּעס צו יע־נער. ער האָט נאָר־וואָס געדריקט פרוי עמיליאַס האַנט און דער האַנט־דרוק האָט נישט איבערגעלאָזט אים קיין שום איינדרוק, בשעת ער געדענקט נאָך הײַנט די וואַרעמקייט פון פרײַלין מאַרי־ניאַס האַנט, און ער האָט געפילט עפּעס אַ מין שווידער בלויז בײַם דערמאָנען זיך וועגן איר.

און ער האָט אַזש ביז זאַלצבורג נאָר געטראַכט וועגן „יע־נער". דאַסמאָל האָבן זײַנע געדאַנקען אָנגעהויבן אַפילו אויסזען, אויב נישט ווי קיין באַשלוסן, איז ווי פראַגן, ווי ער דאַרף זיך

מיט איר נוהג זיין און וואָס עס איז בײַ דעם צוזאַמענפאַל פון די זאַכן זיין חוב ?

— ס'לאָזט זיך נישט אָפּלייקענען, אַז די סיבה פונם פאַרקויפן קושעמיען, בין איך — האָט ער געזאָגט צו זיך. — קושעמיען האָט פאַר איר געהאַט נישט בלויז דעם געלט־ווערט, וואָס עס וואָלט זיך אפשר געלאָזט פון אים אַרויסציִען, ווען נישט דאָס שנעלע פאַרקויפן, נאָר אויך דעם ווערט, וואָס האָט צוגעבונדן צו אים איר האַרץ. כ'האָב אַלזאָ בײַ איר אָפּגענומען איינס מיטן צווייטן ; קורץ גערעדט : איך האָב זי בײַעוולט ! כ'האָב געהאַנדלט יורידיש, אָבער דאָס איז נישט גענוג פאַרן געוויסן, וואָס בײַשטייט פון עפּעס מער, ווי פּאַראַגראַפן — כ'האָב געזינדיקט און כ'בין מיך דערינען מודה, און אויב אַזוי, מוז איך עס, ווי עס איז פאַריכטן.

אָבער ווי אַזוי ?

אויף אָפּצוקויפן קושעמיען פון מאשקאָן בין איך נישט גענוג רייך. כ'וואָלט עס אפשר געקענט טון, ווען כ'זאָל מאַכן אויס שותפות מיט ביגעלן און אַרויסציִען מיין גאַנץ געלט. דאָס איז אָבער אַ מאַטעריעלע אוממעגלעכקייט. ביגעל וואָלט געקענט דערפון פאַלן, וועל איך עס נישט טון, בלייבט מיר אַלזאָ איינס : בלייבן מיט די פּלאַוויצקיס אויף וועלכן ס'איז אופן אין באַציִונגען, דערנאָך איינגיכן בעטן פריילין פּלאַוויצקאַס האַנט. אויב זי וועט מיר אָפּזאָגן, וועל איך לכל־הפּחות טון, וואָס עס געהער צו מיר.

אָבער דאָ האָט דער צווייטער, דער אינערלעכער מענטש, אָן וועלכן פּאַלאַניעצקי האָט געהאַט דערמאַנט, גענומען אַ וואָרט און אָנגעהויבן רעדן :

— פאַרשטעל זיך נישט מיט דער פראַזע פון געוויסן. ווען פריילין פּלאַוויצקאַ וואָלט געווען מיט אַ יאָר צען עלטער און דערצו אַ מיאוסע, וואָלסטו פּונקט אַזוי געקענט האָבן אַ יד אינם דאָזיקן פאַרקויפן קושעמיען, צונעמען בײַ איר אַלץ, וואָס האָסט צוגענומען, און ס'וואָלט דיר אפילו אויפן רעיון נישט געקומען צו בעטן איר האַנט. זאָג־זשע זיך בעסער, אַז פריילין פּלאַוויצקאַ ציט

דיך ווי מיט צוואַנגען, מיט איר געזיכט, אירע אויגן, איר מויל, הלבט גאַנצע פיגור — און נאר זיך נישט אָפּ.

פּאָלאָניעצקי האָט אָבער בכלל שטרענג געהאַלטן דעם אײבערלעכן צווייטן מענטש און זיך צייטנווייז מיט אים באַגאַנגען נישט העפלעך, בהסכם מיט דעם מעמד האָט ער אים אַלזאָ אַ אַ זאָג געטון:

— קודם-כּל ווייסטו נישט, שוטה, צי איך וואָלט אין דעם פאַל נישט באמת זיך די עוולה צו פּאַרגיטיקן. אויב אָבער איך וויל אין דעם פאַל עס פּאַרגיטיקן דורכן בעטן דעם מיידלס האַנט, איז עס דווקא באַטירלעך. מאַנסלייט דערקלערן זיך תּמיד אין ליבע צו פרויען, וואָס געפעלן זיי, און נישט צו אזעלכע, צו וועלכע זיי פילן אַן אַפּשיי. אויב דו האָסט דערייבער נישט קיין בעסערס צו רעדן, טאָ שווייג.

דער אינערלעכער מענטש האָט געפּרוווט מאַכן נאָך עטלעכע נישט-דרייסטע באַמערקונגען, ווי למשל, אַז הער פּלאַוויצקי קען הייסן הער פּאָלאַניעצקין אַראָפּשליידערן פון אַלע טרעפּ, אַז זיי קענען אים צום בעסטן פאַל אויף דער שוועל נישט לאָזן; פּאָלאָניעצקי האָט אָבער דערפאַר זיך עפּעס נישט געשראָקן. מענטשן, האָט ער געטראַכט, באַנוצן זיך שוין היינט נישט מיט אַזעלכע מיטלען. אויב די פּלאַוויצקיס וועלן מיך נישט אָננעמען, איז עס ערגער פאַר זיי!

ער האָט דאָך געהאַלטן, אַז אויב זיי פאַרמאָגן כאָטש אַ ביסל טאַקט וועלן זיי אים צונעמען. איבעריקנס, האָט ער געוווסט, אַז מאַריב אַן וועט ער זען בײַ פרוי עמיליאַ.

טראַכטנדיק אַזוי, איז ער אָנגעקומען קיין זאַלצבורג. ס'איז בעווען אַ שעה צייט ביז דער צוג, מיט וועלכן ער האָט געזאָלט פאָרן קיין ווין, קומט אָן פון מינכען, האָט ער אַלזאָ באַשלאָסן איבערצוגיין זיך איבער דער שטאָט. דערווייל האָט ער אין רעסטאָראַן-זאַל פלוצלינג דערזען בוקאַצקיס העלע מאַרינאַרקע אין קרעטן, זיין מאַגאָקל און זיין קליינעם קאָפּ, וואָס איז בעווען צוגעדעקט מיט אַ גאָך קלענערן הוט.

— בוקאַצקי, צי זיין גייסט? — האָט ער אויסגעשריגן.

— באַרויק זיך, פּאָלאָניעצקי — האָט בוקאָצקי פּלעגמאַטיש געענטפערט, באַגריסנדיק אים אַזוי, ווי זיי וואָלטן זיך צעשיידט ערשט מיט אַ שעה צוריק — וואָס מאַכסטו?
— וואָס טוסטו דאָ?
— איך עס אַ קאָטלעט אויף מאַרגאַרין.
— קיין רייכנהאַל?
— יאָ. און דו אַהייב?
— יאָ.
— האָסט זיך דערקלערט פרוי עמיליאַן אין ליבע?
— ניין.
— ביין איך דיר מוחל. קאָנסט פאָרן!
— באַהאַלט די חכמות אויף אַן אַנדערט מאָל. ליטקאַ איז געפערלעך.
בוקאָצקי איז געוואָרן ערנסט, און אויפהייבנדיק די ווייעס, האָט ער אָנגעהויבן רעדן:
— איי, איי! איז עס אינגאַנצן זיכער?
פּאָלאָניעצקי האָט אים בקיצור דערציילט, וואָס די דאָקטוירים זאָגן.
בוקאָצקי האָט געשווויגן אַ ווײַלע, דערנאָך האָט ער אַ זאָג געטון:
— און ווי זאָל אַ מענטש נישט זיין קיין פעסימיסט! אָרים קינד געבעך און אָרימע מוטער. איך פאַל פון אַן אומגליק, שטעל איך זיך גאָרנישט פאָר, ווי זי וועט עס איבערהאַלטן.
— זי איז געוואַלטיק רעליגיעז, ס'איז אָבער שרעקלעך וועגן דעם צו טראַכטן.
— לאָמיר זיך אַ ביסל איבערגיין הינטער דער שטאָט — האָט אַ זאָג געטון בוקאָצקי — דאָ קען מען דערשטיקט ווערן...
און זיי זענען אַוועק. אויפן וועג האָט בוקאָצקי אָנגעהויבן חזרן:
— און ווי זאָל אַ מענטש נישט זיין קיין פעסימיסט. איר ווייסט דען, וואָס די ליטקאַ איז? ממש אַ טויב. יעדער אייגער

וואָלט אויף איר רחמנות געהאַט, נאָר דער טויט וועט נישט קיין רחמנות האָבן.

פּאָלאָניעצקי האָט געשוויגן.

— כ'ווייס איצט אַליין נישט — האָט געזאָגט בּיקאָצקי — צי איך זאָל פאָרן קיין רייכנהאַל. אין וואַרשע, אַז פרוי עמיליאַ איז דאָ, קען איך אויך איבערהאַלטן. איינמאָל אין חודש דער־קלער איך מיך איר אין ליבע, איינמאָל אין חודש קריג איך אַן אָפּזאָג און אַזוי לעב איך זיך פון איין ערשטן ביז צום אַנדערן. איצט איז דער ערשטער אַוועק, האָב איך זיך פאַרבענקט נאָך מיין שכירות... די מוטער גיט זיך אָפּ אַ חשבון פון דער קליינערס צושטאַנד?

— ניין. דאָס קינד איז געפערלעך, ס'קען אָבער זיין, אַז עס בלייבט אַזוי נאָך עטלעכע יאָר.

— האָ! ס'קען זיין, אַז קיינעם פון אונדז בלייבט נישט עפּעס מער איבער. זאָג מיר, דו פאַרטראַכסט זיך אָפט איבערן טויט.

— ניין. וואָס וועט עס מיר העלפן? איך ווייס, אַז איך מוז דעם פּראָצעס פאַרשפּילן, ברעך איך זיך איבער דעם נישט דעם קאָפּ, בפרט נאָך פאַר דער צייט.

— אין דעם גייט עס טאַקע, וואָס מיר מוזן פאַרשפּילן, דאָך פּראָצעסירן מיר זיך ביזן סוף. דאָס איז דער גאַנצער זין פונם לעבן, אַזיסטן וואָלט עס נאָר געווען אַ לאַנגווייליקער פאַרס, אַזוי אָבער איז עס אַ נאַרישע דראַמע. וואָס שייך מיר, האָב איך איצט דריי זאַכן אויסצוּוויילן: אָדער זיך אויפצוּהענגען, אָדער פאָרן קיין רייכנהאַל, אָדער קיין מינכען נאָכאַמאָל באַקוקן די בעקלינס. ווען איך זאָל זיין לאָגיש, וואָלט איך אויסגעקליבן דאָס ער־שטע, היות אָבער לאָגיש בין איך נישט, וועל איך אויסקלויבן רייכנהאַל. פרוי עמיליאַ איז ווערט די בעקלינס, הן אַלס צייכנונג, הן אַלס קאָליר.

— וואָס הערט מען אין וואַרשע? — האָט פּלוצלינג אַ פרעג געטון פּאָלאָניעצקי, וואָס האָט די פראַגע געהאַט אויף

די ליפּן שוין פון אָנהייב שמועס אָן. — האָסט געזען מאַש-קאָן?

— געזען. ער האָט געקויפט קזשעמיען און איז אַ גרויסער גוט-באַזיצער, היות אָבער ער האָט שכל, באַמיט ער זיך מיט כל אמצי כוחות, נישט אויסצוזען צופיל גרויס. ער איז ליב, איז מוחל, איינזעעוודיק, צוט־יטלעך, דאָס הייסט, ער האָט זיך געביטן לטובה, אמת נישט פאַר מיין טובה וועגן, ווייל וואָס קען ער מיך אָנגיין! מסתמא האָט ער אָבער זיינע כוונות.

— ער האָט נישט חתונה מיט פריילין פלאַוויצקאַ?

— כ׳האָב געהערט, אַז ער האָט חשק צו דעם. דיין שותף ביגעל האָט עפּעס דערמאַנט וועגן דעמדאָזיקן, ווי אויך וועגן דעם, אַז קזשעמיען האָט מאשקאַ געקויפט פאַר צו גוטע באַדינגונגען. אויפן אָרט וועסטו זיך וועגן דעם דערוויסן בעסער.

— ווו זענען איצט די פלאַוויצקיס?

— אין וואַרשע. זיי וווינען אין האָטעל זשימסקי. די קליי-נע איז גאָרנישט קיין מיאוסע. כ׳בין געווען באַ זיי, ווי אַ קוזינדל, און גערעדט וועגן דיר.

— האָסט געקענט אויסזוכן פאַר זיי אַ בעסערן אָביעקט פון שמועסן.

— פלאַוויצקי, וואָס פרייט זיך דערפון, וואָס עס איז גע-שען, האָט געזאָגט, אַז דו האָסט אים געטון אַ טובה — מסתמא נישט ווילנדיק, — אָבער געטון... כ׳האָב געפרעגט דאָס מיידל, צי אַזוי זי האָט דיך ערשט דערקענט אין קזשעמיען. זי האָט מיר געענטפערט, אַז בשעת איר זיין אין וואַרשע, האָסטו געמוזט זיין אין אויסלאַנד.

— אמת, טאַקע, כ׳בין דאַמאָלס געהאַט אָפּגעפאָרן קיין בערלין און דאָרט לאַנג געווילט!

— קיין פּאַרדרוס אויף דיר האָב איך אין זיי נישט באַ-מערקט, כ׳האָב זיך, אָבער אַזוי פיל אָנגעהערט וועגן דעם מיידלס ליבע צו דאָרפס-עניינים, אַז כ׳בין מיך משער, אַז זי מוז אַ ביסל זיין אין כעס, וואָס מען האָט עס באַ איר צוגענומען, אַלנפאַלס ווייזט זי עס נישט אַרויס.

— ס'קען זיין, אַז זי וועט עס ערשט מיר אַרויסווייזן, און קיין געלעגנהייט וועט איר נישט פעלן, מחמת תיכף נאָך מיין קומען, וועל איך באַ זיי זיין.

— אויב אַזוי, טו מיר אַ קליינע טובה, האָב חתונה מיטן מיידל, ווייל פון צוויי בייזע, וויל איך ליבערשט בלייבן דיין קוזין, איידער מאשקאָס.

— גוט. — האָט קורץ געענטפערט פּאָלאָניעצקי.

## IX.

נאָכן צוריקקומען קיין וואַרשע, איז פּאַלאַניעצקי קודם־כּל אַוועק צו ביגעלן, וואָס האָט אים געגני דערציילט באַ וואָס פּאַר אַ באַדינגונגען קזשעמיען איז פאַרקויפט געוואָרן. די באַדינגונגען זענען פּאַר מאשקאַן געווען זייער גוטע. ער האָט זיך מתחייב געווען אויסצוצאָלן אין אַ יאָר אַרום פינף און דרייסיק טויזנט רובל, וואָס האָבן געזאָלט אַריינפליסן פונם פאַרצעלירן מאַגערוועקע, אַ חוץ דעם צאָלן צו דריי טויזנט רובל יערלעך אַזש ביז הער פּלאַוויצקיס טויט. פּאַלאַניעצקין האָט זיך תחילת נישט אויסגעוויזן דאָס פּאַר אַ שלעכטן געמאַך, ביגעל אָבער האָט געהאַט אַן אַנדער מיינונג.

— איך משפט נישט צו שנעל מענטשן — האָט ער אַ זאָג געטון — אָבער פּלאַוויצקי איז דאָך סוף־כּל־סוף אַן אַלטער עגאָיסט, וואָס האָט לשם זיין אייגענער באַקוועמלעכקייט מקריב געווען דעם קינדס צוקונפט, אַ חוץ דעם, איז ער אַ לייכטזיניקער מענטש. אין דעם פאַל איז די רענטע כלומרשט געשטיצט אויף קזשעמיען, אָבער קזשעמיען, אַלס אַ חרוב גיט, אין וועלכן מען דאַרף אַריינלייגן געלט, האָט אַ פיקטיוון ווערט. אויב מאשקאָ וועט

עס ברענגען אין אָרדנונג, איז גוט, אויב נישט, וועט ער צום בעסטן פאַל אָפּשלעפּן מיטן צאָלן, און פּלאַוויצקי קען גאַנצע יאָרן נישט אָנזען קיין גראָשן געלט. וואָס וועט ער דאַמאָלס טאָן? ער וועט צוריק אָפּנעמען קושעמיען? מאַשקאָ וועט אָבער ביז דער צייט מאַכן נייע חובות, שוין כּדי בלויז אָפּצוצאָלן די אַלטע חובֿות אַליין, און אין אַ פאַל פון באַנקראָט — איז ווער ווייסט, וויפיל בעלי־דבֿרים עס וועלן אויסציען די הענט נאָך קושעמיען. סוף כּל־סוף איז דאָך אַלץ געווענדט אין משקאָס ערלעכקייט, וואָס קען זיך זיין אַן אָרנטלעכער מענטש, אָבער ער פירט די געשעפטן שאַרף, און איין פאַלשער טריט קען פון אים מאַכן אַ תּל. ווער ווייסט, צי דאָס קויפן קושעמיען איז אַליין נישט שוין אַזאַ טריט, ווייל וועלנדיק אין אָרדנונג ברענגען זיין פאַרמעגן, מוז ער אויסנוצן ביזן לעצט זיין קרעדיט. איך האָב געקענט אַ סך, וואָס דאָס האָט זיך זיי אַ לאַנגע צייט איינגעגעבן, ביז זיי האָבן זיך נישט געוואָרפן צו קיינע גרויסע גיטער.

די פּלאַוויצקיס וועט תּמיד בלייבן מזומן־געלט פאַר מאַגע־רוווקע — האָט אַ זאָג געטאָן פּאָלאַניעצקי, ווי ער וואָלט וועלן באַרויקן זיין אייגענע שרעק פאַר דער צוקונפט.

— אויב דער אַלטער פּלאַוויצקי וועט עס נישט אויפעסן, נישט פאַרשפּילן און נישט אויסברענגען.

— איך מוז עפּעס אַ זאַך באַטראַכטן. איך האָב צוגעלייגט אַ יד צום פאַרקויפן, מוז איך עפּעס אַן עצה געבן.

— דו? — האָט ביגעל אַ פאַרחידושטער אַ פרווו געטאָן. — כ׳האָב געמיינט, אַז אייערע באַציונגען זענען איבערגעריסן.

— כ׳וועל זיך באַמיען זיי צו באַגייען. מאָרגן וועל איך זיין בא זיי.

— כ׳ווייס נישט, צי זיי וועלן דיך אויפנעמען מיט פאַרגעניגן.

— איך ווייס אויך נישט.

— ווילסט, איך זאָל גיין מיט דיר? ווייל עס גייט אינם ברעכן דאָס אייז. דיך אַליין קענען זיי נישט צונעמען... אַ שאָד,

וואָס מיין ווייב איז נישטאָ. . . גאַנצע אָוונטן זיץ איך איצט אַליין און שפּיל אויפן וויאָלענטשעל, אָבער באַטאָג האָב איך אַ סך צייט, און קען גיין, ווו דו ווילסט.

פּאָלאָניעצקי האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט, און צומאָרגנס איז ער, אָנגעטון זייער זאָרגפעלטיק, אַוועק אייגער אַליין. ער האָט געוווסט, אַז ער איז אַ שיינער מענטש, און הגם ער האָט בכלל וועגן דעם קיין סך נישט געטראַכט, האָט ער איצט באַשלאָסן נישט צו פאַרנאַכלעסיקן קיין שום זאַך, וואָס וואָלט געקענט אים ברענגען נוצן. גייענדיק, האָט ער געהאַט אַ פולן קאָפּ מיט איינפאַלן: וואָס ער וועט זאָגן, וואָס ער וועט טון אין דעם צי יענעם פאַל, און ער האָט פאָרויס זיך באַמיט פאָרצוזען, ווי אַזוי מען וועט אים אויפנעמען.

— איך וועל זיין ווי צום פשוטסטן און צום אָפּהאַרציקסטן — האָט ער געזאָגט צו זיך — סוף־כל־סוף איז עס דאָס בעסטע מיטל.

און ער האָט אַליין נישט געוווסט, ווען ער האָט זיך געפונען פאַרן האָטעל זשימסקי. דאַמאָלס האָט דאָס האַרץ זיינס אָנגעהויבן שנעלער קלאַפּן.

— ס'וואָלט פיינדעסטוועגן נישט שלעכט געווען — האָט ער אַ טראַכט געטון — ווען איך זאָל זיי נישט טרעפן. כ'וואָלט איבערגעלאָזט אַ וויזיט־קאַרט און שפּעטער וואָלט איך געזען, צי פלאַוויצקי וואָלט מיר אָפּגעגעבן צוריק אַ וויזיט.

תיכף אָבער האָט ער צו זיך אַ זאָג געטון: „זיי נישט קיין פּחדן" — און איז אַריין. דערוויסנדיק זיך פונם פּאָרטיער, אַז הער פלאַוויצקי איז דאָ אינדערהיים, האָט ער אַרויפגעשיקט זיין וויזיט־קאַרט און אין אַ ווײַלע אַרום האָט מען אים אַרויפגעבעטן אין דער הייך.

הער פלאַוויצקי איז געזעסן באַם טיש און געשריבן אַ בריוו, ציענדיק פון צייט צו צייט רויך פון דער ליולקע־ציבעק, וואָס איז געווען פאַרענדיקט מיט אַ גרויסן בורשטין. דערזעענדיק פּאָלאָניעצקין, האָט ער צוגעהויבן דעם קאָפּ און אַ קוק

טועגדיק אויף אים דורך די גאָלדענע ברילן, האָט ער אַ זאָג גע־טון:

— ביטע, ביטע!

— כ'האָב זיך דערוווּסט פון ביגעלן, אַז איר זייט אין וואַרשע — האָט אַ זאָג געטון פּאָלאָניעצקי — קום איך אייך באַגריסן.

— ס'איז זייער שיין פון דיין זייט — האָט געענטפערט פּלאַוויצקי — וואָס אַן אמת איז, אַז כ'האָב מיך דערויף נישט געריכט. מיר האָבן זיך צעשיידט אויף זייער אַן אומאָנגענעמען אופן און דערצו צוליב דיין שולד. היות אָבער, דו האָסט געפילט דעם חוב מיך צו באַזוכן, עפן איך דיר, אַלס עלטערער, צוריק די אָרעמס.

דאָך איז דאָס עפענען די אָרעמס דאָס מאָל באַשטאַנען אין אויסשטרעקן די האַנט איבערן טיש, וועלכע פּאָלאָניעצקי האָט אַ דריק געטון, זאָגנדיק צו זיך אין האַרצן:

— זאָל מיך דער רוח נעמען, צי איך בין צו דעם אַהער־געקומען און צי כ'האָב בנוגע צו דיר דערפילט עפּעס אַ חוב.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער אַ פרעג געטון:

— איר ציט אייך איבער קיין וואַרשע?

— יאָ, איך בין אַן אַלטער דאָרפסמאַן, וואָס איז געוווינט אויפ־צוהייבן זיך מיט דער זון צוגלייך צו מיינע לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטן... ס'וועט מיר שווער זיין אין אייער וואַרשע. מען האָט אָבער נישט געטאָרט האַלטן דאָס קינד אין תּפיסה, האָב איך איר געבראַנגט נאָך דעם קרבן.

פּאָלאָניעצקי, וואָס האָט צוויי נעכט פאַרבראַנגט אין קושע־מיען, האָט זיך דערמאַנט, אַז הער פּלאַוויצקי פּלעגט זיך אויפהייבן אַ זייגער עלף און איז אייגנטלעך פאַרנומען געווען מיט די גע־שעפטן פון קושעמיען און נישט מיט דער לאַנדווירטשאַפט; ער האָט עס אָבער אויסגעמיטן מיט שווייגן, מחמת דער קאָפּ זיינער איז אין דער רגע געווען פאַרנומען מיט עפּעס אַנדערש. פונם נו־מער, וואָס פּלאַוויצקי האָט פאַרנומען, האָט אַן אָפענע טיר געפירט

אין אַ צווייט צימער אַריין, אין וועלכן ס'האָט מסתמא געוווינט פריילין מאַריניאַ. פּאָלאַניעצקין, וואָס האָט געוואָרפן אַן אויג אויף דער טיר פון דער ערשטער רגע אָן, איז געקומען אויפן רעיון, אַז זי וויל אפשר צו אים נישט אַרויסגיין, האָט ער דעריבער אַ פרעג געטון:

— און פריילין מאַריאַ וועל איך נישט האָבן דאָס פאַרגעניגן צו זען?

— מאַריניאַ איז אַוועק באַקוקן אַ דירה, וואָס כ'האָב היינט איבערדערפריי אויסגעפונען, זי וועט תיכף קומען, ווייל ס'איז עטלעכע טריט פונדאַנען, שטעל דיר פאָר, נישט קיין דירה, נאָר אַ צאַצקע! איך וועל האָבן אַ קאַבינעט און אַ שלאָפצימער, מאַריניאַ אויך איר אַ שיין צימערל... דאָס עסצימער איז אפילו אַ ביסל אַ פינסטערס, אָבער אַ כּאַלאַנדל, ווי אַ באָנבאָניערע...

דאָ איז הער פּלאָוויצקי אַריבער צו דערציילן וועגן דער דירה מיט דער שפּע פון ווערטער פון אַ קינד, וועמען ס'ווילט זיך עפּעס, אָדער פון אַ קאַלטן ליבהאָבער פון באַקוועמלעכקייטן, וועלכן עס שמייכלט די ענדערונג אויף בעסער. לסוף האָט ער אַ זאָג געטון:

— איידער כ'האָב זיך אַרומגעקוקט, האָב איך שוין אויסגעפינען. דאָס וואָרשעלע איז מיינס אַן אַלטע פריינדין און איך קען זי גוט.

די אותו רגע איז אָבער עמעצער אַריין אינעם שכנותדיקן צימער.

— דאָס איז מסתמא מאַריניאַ — האָט אַ זאָג געטון פּלאָוויצקי.

און ער האָט אָנגעהויבן רופן:

— מאַריניאַ, דאָס ביסטו?

— איך — האָט זיך אָנגערופן אַ יינגע שטים.

— קום אַהער; מיר האָבן אַ גאַסט.

פריילין מאַריניאַ האָט זיך באַוויזן אין דער טיר. דערזעענדיק פּאָלאַניעצקין, האָט איר אין די אויגן אַ שיין געטון פאַרוווּנדערונג.

פאַלאַניעצקי האָט, אויפשטייענדיק, זיך אַ נייג געטאָן, און ווען זיי האָבן זיך דערנענטערט צום טיש, האָט ער אויסגעצויגן צו איר די האַנט זי צו באַגריסן. זי האָט אים דערלאַנגט אירע פּונקט אַזוי קאַלט, ווי העפלעך. דערנאָך האָט זי זיך געווענדט צום פאָטער, ווי עס וואָלט מער קיינער נישט זיין אין צי־מער.

— כ׳האָב געזען די דירה — האָט זי געזאָגט — אַ שיינע און אַ באַקוועמע; כ׳ווייס אָבער נישט, צי די גאַס איז נישט צו אַ רויִקע.

— אַלע גאַסן זענען רויִק — האָט באַמערקט פּלאַוויצקי — ס׳איז נישט דאָס דאָרף.

— אַנטשולדיקט, כ׳וועל גיין אויסטאָן דעם הוט — האָט גע־ענטפערט פריילין מאַריניאַ.

און אַריינגייענדיק צו זיך אין צימער, האָט זי זיך אַ גאַנץ לאַנגע ווײַלע נישט געוויזן.

— זי ווערט זיך מער נישט ווייזן — האָט אַ טראַכט געטאָן פּאַלאַניעצקי.

זי אָבער האָט משמעות זיך פאַריכט די האָר באַם שפיגל, נאָכן אַראָפּנעמען דעם הוט, דערנאָך איז זי ווידער אַריין און האָט אַ פרעג געטאָן:

— איך שטער נישט?

— ניין — האָט פּלאַוויצקי געענטפערט — מיר האָבן שוין נישט צווישן זיך קיין שום עסקים, פון וואָס איך בין, צווישן אונדז גערעדט, שטאַרק צופרידן. הער פּאַלאַניעצקי איז געקומען בלויז אויס העפלעכקייט.

פּאַלאַניעצקי האָט זיך אַ ביסל פאַררייטלט און וועלנדיק איבערבייטן די טעמע, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— איך קום פון רייכנהאַל, איך ברענג אייך אַ גרוס פון פרוי כוואַסטאָווסקאַ און פון ליטקאַן, און דאָס איז אויך איינע פון די סיבות, צוליב וועלכע כ׳האָב די העזה געהאַט צו קומען.

די קאַלטע רויִקייט, וואָס איז געווען אויף פריילין מאַריניאַס געזיכט, איז אויף אַ ווײַלע פאַרשוונדן.

— עמילקאַ האָט מיר געשריבן וועגן ליטקאַס האַרץ-אָנ־פאַל — האָט זי אַ זאָג געטון. — וואָס־זשע מאַכט זי איצט?

— קיין צווייטער איז נישט געווען.

— איך ריכט זיך איצט ווידער אויף אַ בריוו, און ס׳קען זיין, אַז ער איז שוין אָנגעקומען, אָבער איך האָב אים נישט אָפּ־געטומען, ווייל עמילקאַ האָט אים מסתמא אַדרעסירט קיין קושע־מיען.

— וועט מען אים דיר אָפּשיקן — האָט אַ זאָג געטון פּלאַ־וויצקי — כ׳האָב אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדנונג, אַז אַלץ, וואָס וועט אָנקומען, זאָל מען אַהערשיקן.

— איר וועט זיך שוין נישט אומקערן אין דאָרף אַריין? — האָט אַ פרעג געטון פּאָלאַניעצקי.

— ניין, מיר וועלן זיך נישט אומקערן — האָט געענטפערט פריילין מאַריניאַ, וואָס די אויגן אירע האָבן ווידער באַקומען דעם אויסדרוק פון קאַלטער רויִקייט.

ס׳איז אַנטשטאַנען אַ מינוט פון שווייגן. פּאָלאַניעצקי האָט געקוקט אויפן ייִנגן מיידל און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז ער קעמפט מיט זיך אַליין. איר געזיכט האָט אים געצויגן מיט אַן אומבאַ־קאַנטער ביז איצט קראַפט. ער האָט וואָס אַמאָל קלאָרער געפילט, אַז טאַקע אַזעלכע וואָלט אים צומייסטן געפעלן, אַז אַזעלכע וואָלט ער געקענט ליב קריגן, אַז דאָס איז דער טיפּ פון אַ פרוי, וואָס ער האָט זיך אויסדערוויילט — איז דעריבער איר קאַלטקייט נאָכ־מער געוואָרן אים אומדערטרעגלעך. ער וואָלט איצט געגעבן ווי־פיל, אַבי אין די שטריכן ווידער צו געפינען דעם אויסדרוק, וואָס ער האָט געזען אין קושעמיען, דעם אינטערעס צו זיינע ווערטער און דאָס פאַרכאַפּטקייט, די פאַראינטערעסירטע דורכזיכטיקייט פון אויגן פול מיט שמייכל; ער וואָלט געגעבן, גאָט ווייסט וויפיל, אַז דאָס אַלץ זאָל זיך אומקערן, ער האָט אָבער נישט געוווסט, מיט וואָס פאַר אַ וועג ער זאָל צו גיין צו דעם, מיט אַ פאַמעלעכן, צי שנעלן, האָט ער זיך דעריבער געוואַקלט. ענדלעך האָט ער אויסגעקליבן דעם, וואָס איז געווען נענטער זיין נאַטור.

— כ׳האָב געוווסט — האָט ער פּלוצלינג אַ זאָג געטון —

ווי איר האָט ליב געהאַט קושעמיען און נישט קוקנדיק אויף דעם, אפשר, האָב איך צוגעלייגט אַ האַנט צום פאַרקויפן עס. אויב אַזוי, זאָג איך אייך אָפן, אַז דאָס איז מיר צום מיינסט אַ שאָד און כ׳וועל עס שטענדיק באַדויערן. כ׳קען אפילו נישט צום פאַרטיידיקן זיך זאָגן, אַז כ׳האָב עס געטון אויפגערעגטערהייט און נישט באַקלערט, אדרבה, כ׳האָב זיך באַקלערט, אָבער דאָס באַקלערן זיך איז געווען אַ שלעכטס און אָן שכל. דעריבער איז מיין שולד נאָך גרעסער און כ׳בעט אייך נאָך שטאַרקער, איר זאָלט מיר מוחל זיין.

זאָגנדיק דאָס, האָט ער זיך אויפגעהויבן. די באַקן האָבן אים אָנגעהויבן פלאַמען, פון די אויגן האָט געשלאָגן דער אמת און אָפנהאַרציקייט, אָבער די ווערטער זיינע זענען געבליבן אָן איינדרוק. פאַלאַניעצקי איז געגאַנגען מיט אַ פאַלשן וועג, ער האָט בכלל געקענט צו ווייניק פרויען, אַז ער זאָל זיך קענען אָפגעבן אַ דין וחשבון, ווי ווייט זייער מיינונג, בפרט נאָך וועגן מאַנסלייט, איז אָפהענגיק פון זייערע געפילן, הן מינוטלעכע, הן שטענדיקע. אַלץ קען אויפן סמך פון די געפילן אָנגענומען ווערן פאַר אַ גוטע אָדער שלעכטע מטבע. אַלץ קען ווערן אויסגעטייטשט גוט, צי שלעכט, פאַר ריכטיק אָדער פאַלש; טפשות קען ווערן פאַררעכנט אַלס חכמה, חכמה אַלס נאַרישקייט, עגאָיזם אַלס קרבן, אַ קרבן אַלס אייגנליבע, גראָב-יונגישקייט אַלס אָפנהאַרציקייט, אָפנהאַרציקייט אַלס נישט-איידלקייט. אַ מאַנסביל, וואָס רופט אַרויס אין דער מינוט אַ ווידערווילן, קען באַ קיין שום פרוי נישט זיין גערעכט, קען נישט זיין אויפריכטיק, קען נישט זיין יושרדיק, קען נישט זיין דערצויגן. מאַריניאַ, פילנדיק צו פאַלאַניעצקין, זינט מאַשקאָ איז געקומען קיין קושעמיען, אַ טיפן ווידערווילן און פאַרדרוס, האָט אים איצט גענומען פשוט פאַר אומגוט זיין אָפנהאַרציקייט. דער ערשטער געדאַנק אירער איז געווען: „וואָס איז עס פאַר אַ מענטש, וואָס האַלט פאַר נישט שכלדיק און שלעכט דאָס, וואָס ער האָט מיט אויסרעכענונג געטון מיט עטלעכע טעג צוריק?... היינט-זשע קושעמיען, דאָס פאַרקויפן עס, מאשקאָס קומען צו פאָרן, און די באַדייטונג פון זיין קומען, וואָס זי האָט פאַרשטאַ-

נען, איז געווען עפּעס אַ מין ווונד אירס, וועלכע איז וואָס אַמאָל
מער צערייצט געוואָרן. און איצט האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז
פּאָלאָניעצקי בלוטיקט איר ווונד מיט דער גאַנצער אכזריות פון אַ
מענטש מיט אַ האַרטער נאַטור און גראָבע נערוון.

ער האָט זיך אויפגעהויבן און מיט די אויגן געזוכט און געוואַרט,
צי עס וועט זיך נישט אויסשטרעקן צו אים אַ פריינטלעכע און
מוחל־זייענדיקע האַנט, אַז איינמאָל אויסשטרעקן די האַנט קאָן
אַנטשיידן זיין גורל; אירע אויגן זענען אָבער אויף אַ ווײַלע
פינסטער געוואָרן, ווי פון יסורים און כּעס, דאָס פּנים ווידער איז
געוואָרן נאָך קעלטער.

— דאַגהט נישט וועגן דעם — האָט זי אַ זאָג געטון מיט
אייז־קאַלטער העפלעכקייט. — דער טאַטע איז זייער, זייער צופרידן
פונעם אָפּמאַך און פון דאָזיקן ענין מיטן הער מאַשקאָ.

זאָגנדיק עס, האָט זי זיך אויך אויפגעשטעלט, ווי זי וואָלט פאַר־
שטיין, אַז פּאָלאָניעצקי וויל זיך געזעגענען. ער האָט זיך נאָך אַ
ווײַלע פאַרהאַלטן, אַ דערשראָקענער, פאַרפּ'רט נר, אַ שטאַרק דער־
שלאָגענער, ווי אַ מענטש, וואָס מען האָט אים אָפּגעשטויסן, און
לסוף פון פאַרדרוס און איינגעהאַלטענעם כּעס.

— אויב אַזוי — האָט ער אָפּגעענטפערט — האָב איך אויך
מער נישט געוואָלט.

— אַודאי! אַודאי! — כ'האָב געמאַכט אַ גוט געשעפט —
האָט פאַרענדיקט הער פּלאַוויצקי.

פּאָלאָניעצקי איז אַוועק — און אַראָפּגייענדיק צו עטלעכע
טרעפּ מיט אַמאָל, מיט אַן אַראָפּגערוקטן הוט אויפן קאָפּ, האָט
ער אין האַרצן בײַ זיך געחזרט:

— מיין פוס וועט מער אייער שוועל נישט איבערטרעטן.

ער האָט אָבער געפילט, אַז ווען ער וועט אַהיימקומען, וועט
אים דער כּעס דערשטיקן; איז ער אַוועק פּאַרויס, נישט טראַכטנ־
דיק, ווי די פיס וועלן אים טראָגן. אים האָט זיך די רגע אויס־
געדאַכט, אַז ער האָט מאַריניאַן נישט ליב, אַז ער האָט זי אַפילו
פיינט, דאָך האָט ער וועגן איר געטראַכט, און ווען ער זאָל גע־
ווען טראַכטן רויִקער, וואָלט ער זיך געווען אָפּגעגעבן אַ חשבון,

אַז בלויז דאָס זעען זי האָט אים שטאַרק אויפגעטרייסלט. ער האָט זי ווידער געזען, געקוקט אויף איר, פאַרגלייכט מיט דער ווירק־לעכקייט איר בילד, וואָס ער האָט געטראָגן באַ זיך אין זכּרון — און דאָס בילד, ווערנדיק דורכדעם וואָס אַמאָל רעאַל־צוזעענדיקער, האָט אויף אים אַלץ שטאַרקער געווירקט. ס'האָבן איצט עקזיס־טירט פאַר אים צווייערליי מאַריניאַס: איינע אַ צוגעלאָזענע, אַ פרייטלעכע, אַ פאַרכאַפּנדיקע און גרייטע ליב צו האָבן, מאַריניאַ פון קזשעמיען; די צווייטע, דאָס אייז־קאַלטע מיידל, וואָס האָט אים אָפּגעשטויסן.

די פרוי ווערט אָפט אַזוי פאַרטאָפּלט אינעם מאַנספּערשוינס האַרץ, וואָס איז דאַמאָלס אָפטער פאַר אַלץ גרייט מוחל צו זיין דער אומפריינטלעכער צוליב דער געליבטער. פּאָלאַניעצקין האָט זיך אַפילו נישט געחלומט, אַז מאַריניאַ קען זיין אַזעלכע, ווי זי האָט זיך היינט פאַר אים אַרויסגעוויזן. צוליב דעם איז אין זיין כּעס געווען עפּעס אַ מין פאַרוווּנדערונג. קענענדיק באמת איר זי־כערן ווערט און זייענדיק גענוג בעל־גאווה, האָט ער געהאַט אין זיך די איבערצייגונג, אין וועלכן ער וואָלט קיינמאָל זיך נישט מודה געווען, אַז עס איז גענוג ער זאָל אויסציען די האַנט, מען זאָל זי כאַפּן.

דערווייל האָט זיך אַרויסגעוויזן עפּעס אַנדערש.

דאָס צוגעלאָזטע פריילין מאַריניאַ איז פּלוצלינג אַרויסגע־טרעטן אין דער ראָל פון אַ שופט, וואָס גיט אַרויס אַ פּסק־דין און איז בכּוח אָפּצושטויסן, אָבער גלייכצייטיק אין דער ראָל פון אַ קעניגין, באַ וועלכע מען קען געפינען חסד, אָדער אומחסד. פּאַ־לאַניעצקי האָט זיך נישט געקענט צוגעוויינען צו דעם געדאַנק און האָט זיך מיט אים געאַמפּערט, אָבער ס'איז שוין אַזוי די טבע פון מענטשן, אַז ווען ער דערקענט, אַז פאַרן מיידל איז עס נישט אַזוי געווונטשן, ווי ער האָט געמיינט, אַז זי שעצט אים נישט אַזוי הויך, גאָר נידעריקער פאַר זיך אַליין, אַז נישט־קוקנ־דיק אויפן אומווילן, אויפן פאַרדרוס און כּעס, ווערט זי אויסגע־וואַקסן באַ אים אין די אויגן. זיין אייגנליבע איז געוואָרן פאַרווונ־דעט, פון דער צווייטער זייט ווידער איז זיין ווילן, באמת אַ

שטאַרקער, גרייט געהען זיך צו שטעלן אין קאַמף מיט די שווערי קייטן און זיי צעשמעטערן. די אַלע רעיונות האָבן איצט אָן אַ סדר זיך געדרייט בא אים אין קאָפּ, אָבער דאָס זענען גיכער געווען געפילן, ווי געדאַנקען, צעריסענע און אַליין רייסנדיקע. הונדערט מאָל האָט ער בא זיך נעחזרט, אַז ער וועט אויף אַלץ מיט דער האַנט אַ מאַך טון, ער איז אָבער געווען צו דעם צו שוואַך און קליין, אַז ער האָט אין דערזעלבער רגע, ערגעץ אין אַ פאַרבאָרגן ווינקעלע פון דער נשמה, גערעכנט אויף פרוי עמיליאַס קומען און אויף דער הילף, וואָס דאָס קומען וואָלט אים געקענט ברענגען.

פאַרזונקען אין דעם גייסטיקן צער זיינעם, האָט ער זיך ערשט אויפגעוואַכט נאָכן האַלבן זיגאַז, דאַמאָלס האָט ער זיך געשטעלט די פראַגע: „וואָס גיי איך צו אַלדי רוחות קיין פראַגע?" — און ער האָט זיך פאַרהאַלטן. דער טאָג איז געווען אַ שיינער, און זיך גענייגט צו אָוונט. די ווייסל איז פון אונטן געשוומען אין גלאַנץ, און הינטער איר, הינטער די באַנטסטע אָקאָפּן מיט גרינס, האָט מען אָנגעזען אַ ברייטן פליין, וואָס איז געווען באַדעקט אויפן האָריזאָנט מיט אַ ראָזן און בלוילעכן נעפל, דאָרט, הינטער די נעפלען, איז געווען קזשעמיען, וואָס מאַריניאַ האָט ליב געהאַט און וואָס זי האָט פאַרלוירן. פּלאַניעצקי האָט, פאַרזינקענדיק דעם בליק אין נעפל, אַ זאָג געטון צו זיך.

— כ'בין נייגעריק צו וויסן, וואָס זי וואָלט געטון, ווען מ'זאָל עס איר צוריקגעבן?

ער האָט אָבער נישט געקענט זיך עס קלאָר פאָרשטעלן, פאַרקערט אָבער האָט ער זיך פאָרגעשטעלט, אַז דאָס פאַרלירן אָט דאָס שטיקל ערד איז געווען פאַר איר באמת אַ גרויס אומאָנגענעמלעכקייט און ער האָט געקריגן מיטלייד צו איר. אין דעם דאָזיקן מיטלייד איז צערינען געוואָרן זיין פאַריבל און אַזוי ווי פאַרשטעלט געוואָרן מיט אַ נעפל. דאָס געוויסן האָט אים אָנגעהויבן שעפּטשען, אַז ער האָט געהאַט דאָס, וואָס ער האָט פאַרדינט.

אומקערנדיק זיך, האָט ער געזאָגט צו זיך:

— דאָך קלער איך כסדר וועגן דעם אַלעם.

און ס'איז באמת אַזוי געווען. קיינמאָל, אין די וויכטיקסטע געלט־ענינים, האָט ער נישט געפילט קיין העלפט אַפילו פון דער אומרויִקייט, ער האָט קיינמאָל נישט אַריינגעטון זיך אין זיי אַזוי ווייט. און ס'איז אים ווידער געקומען אויפן רעיון דאָס, וואָס וואָסקאָווסקי האָט געזאָגט, אַז זיין נאַטור אַלס אַ פּאָלאָניעצקי איז נישט מסוגל אַריינצולייגן דאָס גאַנצע לייב און לעבן אין מאַכן געלט. ער האָט קיינמאָל נישט איבערגעלעבט אַזאַ קלאָר געפיל, אַז עס קענען זיין וויכטיקערע ענינים פאַר דעם און פשוט מער פּאָזיטיווע. דאָס צווייטע מאָל האָט אים באַהערשט אַ מין פאַרוווּנדערונג.

ס'איז שוין געווען באַלד ניין אַ זייגער, ווען ער איז אַריין צו ביגעלן. ביגעל, אייגער אַליין אין זיין גרויסער פּוסטער דירה, איז געזעסן אין דער טיר, וואָס איז געווען אָפן אַרויס אויף דער גאָרטן־וואַרענדע און געשפּילט אויף דער וויאָלענטשעל, אַזוי, אַז אַלץ אין שטוב האָט אַזש געציטערט. דערזעענדיק פּאָלאָניעצקין, האָט ער איבערגעריסן עפּעס אַ טרימאָלאָ און אַ פרעג געטון:

— ביסט געווען היינט באַ די פּלאַוויצקיס?

— געווען.

— וואָס מאַכט דאָס מיידל?

— ווי אַ גראַפּין „געקילט וואַסער". און אין אַזאַ הייסן טאָג איז עס אַ פאַרגעניגן. בכלל זענען זיי הערלעכע מענטשן.

— כ'האָב עס פאַרויסגעזען.

— שפּיל ווייטער.

ביגעל האָט אָנגעהויבן שפּילן „טרוימעריי" און שפּילנדיק, פאַרמאַכט די אויגן, אָדער אויפגעהויבן זיי צו דער לבנה. אין דער שטילקייט האָט זיך געדאַכט, אַז די מוזיק פילט אָן דאָס הויז, דעם גאָרטן און די נאַכט גופא מיט מתיקות.

בשעת ער האָט געענדיקט, איז ער אַ ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן, און דערנאָך אַ זאָג געטון:

— ווייסטו וואָס? אַז פרוי עמיליאַ וועט צוריקקומען, וועט מיין ווייב זי פאַרבעטן צו זיך אין דאָרף אַריין און צוזאַמען מיט

איר אויך פריילין פלאַזיצקאַ. אפשר וועט דאָרט דאָס אייז צווישן אייך צעגיין.

— שפּיל נאָכאמאָל אויף „טרוימערײ״.

די קלאַנגען האָבן זיך נאָכאַמאָל פאַרשפּרייט, רויִקע און פאַרטרוימטע. פּאָלאַניעצקי איז געווען צו יונג, אַז ער זאָל נישט זיין כאָטש אַ ביסל אַ טרוימער. האָט ער זיך פאָרגעשטעלט, אַז מאַריניאַ הערט צוזאַמען מיט אים „טרוימערײ״, מיט אירע הענט אין זיינע, מיט איר קאָפּ אויף זיין ברוסט, אַ שטאַרק ליבנדיקע און מער פון אַלץ אין דער וועלט אַ געליבטע.

## X.

הער פלאַויצקי איז דאָך געווען אַ גוט-דערצויגענער מענטש, מחמת אויפן דריטן טאָג האָט ער אָפּגעגעבן פּאָלאָניעצקין אַ וויזיט. ער האָט זי נישט אָפּגעגעבן צום צווייטן, מחמת אַזאַ פּינקטלעכקייט וואָלט געהייסן וועלן בלייבן באַ נאָנטע באַציִונגען און נישט אויפן פּירטן, אָדער פינפטן, ווייל דאָס וואָלט געהייסן נישט קענען די וועלטלעכע מנהגים, נאָר אין ריכטיקסטן טערמין און לויטן געבאָט פון „פיינעם טאָן”. הער פלאַויצקי האָט דאָס גאַנצע לעבן זיך באַרימט מיט זיין קענען די געבאָטן מיט אַלע זייערע שאַטירונגען, און האָט דאָס אָפּהיטן זיי געהאַלטן פאַר דער העכסטער מענטשלעכער חכמה. אַלס אַ מענטש מיט חסד, האָט ער דערלויבט אפילו צו עקזיסטירן אַנדערע צווייגן פון וויסן אויך, בתנאי אָבער, אַז זיי זאָלן זיך נישט איבערשאַצן, און דער עיקר, אַז זיי זאָלן נישט האָבן קיין פּניות זיך אָנצוּוואַרפן גוט-דערצויגענע מענטשן.

פּאָלאָניעצקי, פאַר וועלכן אַלץ איז געווען געווונטשן, וואָס האָט נאָר, אויף וועלכן נישט איז אופן, פאַרבונדן דעם פאַדעם פון

ווייטערדיקע באַציִונגען מיט מאַריניאַן, איז קוים בכּוח געווען צו פאַרבאָרגן די שמחה, וואָס פלאַוויצקיס קומען האָט באַ אים אַרויס־גערופן. די שמחה האָט זיך אויך אויסגעדריקט אין זיין העפלעכן און גוט־געשטימטן אויפנעמען. ער האָט אגב געמוזט זיך חידושן אויף פלאַוויצקין און אויף די השפעה, וואָס די שטאָט האָט אויף אים געהאַט. זיין טשופּרינע האָט געגלאַנצט, ווי ראָבן־פליגל, די קליינע וואָנסעלעך האָבן געסטאַרטשעט אין דער הייך אַרויף, קאָנ־קורירנדיק מיט דער טשופּרינע אין קאָליר, דאָס ווייסע ועסטל האָט באַדעקט די שטאַלטנע ברוסט, דאָס פּונצענע באָגל־בלימל אין דעם שוואַרצן זשאַקעט האָט צוגעגעבן עפּעס אַ יומטובדיקן חן זיין גאַנצע פיגור.

— אויף מיין וואָרט, כ׳האָב דעם פּעטער די ערשטע רגע נישט דערקענט — האָט אויסגעשריגן פּאָלאָניעצקי — כ׳האָב געמיינט, אַז עפּעס אַ יונגערמאַן גייט אַריין.

— באָן־זשור, באָן־זשור! — האָט געענטפערט הער פלאַוויצקי

— אַ כמורנע טאָג היינט, אַ ביסל פינסטער, און דעריבער האָסטו מיך אוודאי אָנגענומען פאַר אַ יונגנמאַן.

— כמורנע, צי שיין — סאַראַ פיגור! — האָט געענטפערט פּאָלאָניעצקי.

און אָנכאַפנדיק אָן לאַנגע שהיות הער פלאַוויצקין באַ די לענדן, האָט ער אים אָנגעהויבן דרייען און זאָגן:

— די טאַליע איז אינגאַנצן ווי באַ אַ מיידל. כ׳וואָלט אַליין געוואָלט האָבן אַזעלכע.

הער פלאַוויצקי האָט, שטאַרק אין כּעס פון דעם אומצער־מאָניאַלן קבלת־פנים, אָבער נאָך שטאַרקער דערפרייט פון דער באַוווּנדערונג, וואָס זיין פיגור האָט אַרויסגערופן, אַ זאָג געטון זיך פאַרטיידיקנדיק:

— ביסט אַ משוגענער. כ׳האָב געקענט ברוגז ווערן! ביסט אַ משוגענער.

— דער פּעטער קען דרייען קעפּ, וויפיל ס׳גליסט זיך אים נאָר.

— איך זאָג דעם פּעטער, אַז ער איז אַהערגעקומען פאַנ־גען הערצער.

— וואָס רעדסטו? — האָט זיך אַ פרעג געטון הער פּלאָ־וויצקי, זעצנדיק זיך אינעם פאָטערשטול.

— איך זאָג, אַז דער פּעטער איז אַהערגעקומען פאַנגען הערצער...

— איך טראַכט אפילו נישט וועגן דעם, ביסט אַ משוגע־נער.

— און פרוי יאַמוש? כ׳האָב עס דען נישט געזען מיט מיי־נע אייגענע אויגן...

— וואָס?...

דאָ האָט הער פלאַוויצקי פאַרמאַכט אַן אויג און אַרויסגע־שטעקט די שפּיץ־צונג, אָבער דאָס האָט געדויערט בלויז אַ ווײַלע, דערנאָך האָט ער אויפגעהויבן די וויעס און אַ זאָג געטון:

— זעסטו די יאַמוש?... דאָס איז גוט. איך קושעמיען... צווישן אונדז גערעדט, האָב איך פּיענטאָפּענטאַציע, עס שמעקט מיט פראָווינץ, זאָל יאַמושן דער אייבערשטער מוחל זיין, וואָס זי האָט מיך מיט דער אַפעקטאַציע געמאַטערט; אַ פרוי דאַרף האָבן דרייסטקייט אַלט צו ווערן — דאַמאַלס ענדיקן זיך די באַ־ציונגען מיט פרייבטשאַפט, אַזיסטן ווערן זיי אַ געפּעגבגעביש.

— דער פּעטער האָט זיך אויך געפילט ווי אַ געבוינדן זו־מער־פייגעלע?

— רעד נאָר נישט אַזוי — האָט מיט ווירדע געענטפערט הער פלאַוויצקי — און שטעל זיך נישט פאָר, אַז צווישן אונדז זאָל האָבן עפּעס געווען. ווען ס׳זאָל אפילו האָבן געווען, וואָלסטו פון מיר קיין וואָרט נישט געהערט. גלייב מיר, ס׳איז אַ גרויסער חילוק צווישן אונדז און די מענטשן פון פריערדיקן דור. מיר זע־נען אפשר נישט גאָר קיין צדיקים, אָבער מיר האָבן געקענט שווייגן, און דאָס איז אַ גרויסע, גוטע מידה, אַן וועלכער ס איז נישטאָ קיין איידלקייט.

— פונדאַנען דרינג איך, אַז דער פּעטער וועט מיר נישט

מודה זײַן, ווהין ער גייט איצט מיט דעם רויטן נאָגל־בלימל באַם לאַץ.

— אדרבה, ואדרבה... מאשקאָ האָט הײַנט פֿאַרבעטן אויף פֿרישטיק מיך און נאָך עטלעכע מענטשן. תּחילת האָב איך זיך געהאַט אָפּגעזאָגט, נישטווילנדיק לאָזן מאַריניאַן אַליין. כ'בין זיך אָבער אָנגעזעסן פֿאַר איר אַזוי פֿיל אינם דאָרף, אַז עס קומט מיר שוין באמת אַ ביסל פֿאַרווײַלונג. דו ביסט נישט פֿאַרבעטן?

— ניין.

— אַ חידוש. דו ביסט, ווי דו זאָגסט אַליין, אַן „אַפּעריסט", אָבער דו טראָגסט אַ גוטן נאָמען. מאשקאָ איז אַליין איבעריקנס אַן אַדוואָקאַט... בכלל, וועל איך דיר אָבער זאָגן, אַז כ'האָב נישט גערעכנט, ער זאָל זיך קענען אַזוי אַוועקשטעלן.

— מאשקאָ איז מסוגל זיך צו שטעלן אויפֿן קאָפּ...

— ער קומט אומעטום, אַלע נעמען אים אויף... און איך האָב אַמאָל געהאַט צו אים אַנטיפּאַטיע.

— און איצט האָט איר נישט צו אים קיין אַנטיפּאַטיע?

— כ'מוז מודה זײַן, אַז מיט מיר איז ער זיך אינגאַנצן ענין קושעמיען באַגאַנגען, ווי אַ דזשענטלמאַן.

— פֿרײַלין מאַריניאַס כײַנונג איז אויך דיזעלבע?

— מסתמא... הגם איך מיין, אַז דאָס קושעמיען ליגט איר אויפֿן האַרץ... כ'האָב עס געטון פֿאַר איר, וואָס כ'בין דערפֿון פּטור געוואָרן, אָבער יוגנט איז נישט אַלץ מסוגל צו פֿאַרשטיין. איבעריקנס, האָב איך דערפֿון געוווּסט און בין גרייט יעדער אומאָנגענעמלעכקייט איבערצוטראָגן רויִק. וואָס שייך מאשקאָן... איז מסתמא!... זי האָט אים גאָרנישט פֿאַרצוואָרפֿן. ער האָט געקויפֿט קושעמיען, דאָס איז אמת, אָבער...

— אָבער ער איז גרייט עס אָפּצוגעבן.

— דו געהערסט צו אונדזער משפּחה, מילא, איז צווישן אונדז גערעדט, מיין איך, אַז אַזוי איז עס... אים האָט מאַריניאַ שטאַרק פֿאַרינטערעסירט נאָך בשעת אונדזער פֿריִערדיקן באַזוך. ס'איז אָבער עפּעס נישט געגאַנגען. דאָס מיידל איז געווען צו יונג — ער איז נישט אַזוי שטאַרק געפֿעלן, איך אַליין, האָב זיך אַ ביסל

געקרימט, ווייל מען האָט מיר עפּעס אַ מורמל געטון אויף זיין משפּחה. בוקאַצקי האָט זיך געשאַרפט אויף אים די ציין — נו, האָט זיך געענדיקט מיט גאַרנישט...

— ס׳האָט זיך נישט געענדיקט, קוים הייבט עס זיך אויפ־דאַסניי אָן.

— ווייל כ׳האָב מיך איבערצייגט, אַז ער שטאַמט פון זייער אַ גוטער משפּחה, וואָס איז אַמאָל געווען אַן איטאַליענישע... זיי האָבן אַמאָל געהייסן מאסקאַ — און זענען אַהערגעקומען מיט באַנאַן, דערנאָך האָבן זיי זיך באַזעצט אין רייסן. ער, אויב דו האָסט באַמערקט, האָט אפילו אַ ביסל אַן איטאַליעניש געזיכט.

— ניין, אַ פּאָרטוגעזיש.

— דאָס איז שוין אַלץ איינס... סוף־כּל־סוף, גיב נאָר אַ טראַכט: פּאַרקויפן קזשעמיען, און דאָך עס האָבן — דאָס וועט קיין בשום־ער מוח נישט אויסקלערן... וואָס שייך מאשקאָן — יאָ! איך מיין, אַז דאָס איז זיין כּוונה, אָבער מאַריביאַ איז אַ מאָדנע מיידל. ס׳איז אומאָנגענעם דאָס צו זאָגן, אָבער אַ מענטש איז גיכער מסוגל צו פאַרשטיין אַ פרעמדן, איידער אַן אייגן קינד: אַז זי וועט זיך אָבער אַ זאָג טון: „Pairs vaut la mejse" ווי ס׳האָט געזאָגט טאַלייראַן...

— אַ? איך האָב געמיינט, אַז דאָס האָט געזאָגט היינריך דער פירטער?

— ווייל דו ביסט אַן „אַפּעריסט", אַ מענטש פון דער נייער צייט. איך, ייִנגע, שמעקט נישט די געשיכטע און די אַלטע היסטאָריע, איר ווילט ליבערשט מאַכן געלט... אַלץ איז אָפּהענגיק פון מאַריביאַן און איך וועל נישט צוויילן; איך וועל נישט, ווייל סוף־כּל־סוף, באַ אונדזערע פאַרבינדונגען, קען זיך מאַכן נאָך אַ בעסערער שידוך. מען וועט דאַרפן אַ ביסל קומען צווישן מענטשן און אָפּזוכן אַלטע באַקאַנטע. ס׳איז נאָר אַן אַרבעט און אַ מאַטערניש, אָבער וואָס מען דאַרף, דאַרף מען. דו מיינסט, איך גיי מיט פאַרגעניגן אויף דעם פרישטיק. ניין! איך מוז אָבער אַ ביסל אויפ־

בעמען יינגעלייט אויך. איך האָף, אַז דו וועסט אָן אונדז נישט פאַרגעסן...

— ניין, נישט פאַרגעסן...

— ווייסט, וואָס מען האָט מיר געזאָגט וועגן דיר? אַז דו מאַכסט געלט פאַר אַלדי רוחות. נו, נו! כ׳ווייס נישט אין וועמען דו ביסט געראָטן — אינם טאַטען נישט! אַלנפאַלס, וועל נישט איך אויף דיר דערפאַר פאַראיבל האָבן, ניין, ניין!... דו האָסט מיך געדריקט אָן רחמנות, ביסט זיך באַגאַנגען מיט מיר, ווי אַ וואָלף מיט אַ שעפעלע, ס׳איז אָבער דאָ אין דעם עפּעס אַזוינס, וואָס געפעלט מיר, כ׳האָב צו דיר עפּעס אַ שוואַכקייט.

— קעגנזייטיק! — האָט געענטפערט פּאָלאָניעצקי.

און באמת, העד פלאַוויצקי האָט נישט געזאָגט קיין ליגן. ער האָט געהאַט אַן אינסטינקטיוון יראת־הכבוד פאַר עשירות, און דער יינגערמאַן, וואָס האָט עס געמאַכט, האָט אַרויסגערופן אין אים פאַ־ווונדערונג. וואָס האָט געגרענעצט מיט סימפּאַטיע. דאָס איז נישט געווען גלאַט אַזוי זיך, אַן אָרימער קרוב, וואָס האָט זיך גענייטיקט אין הילף, דעריבער האָט העד פלאַוויצקי, וואָס האָט דערוויל נישט געהאַט דערביי קיין שום פניות, באַשלאָסן צו בלייבן מיט אים אין באַציונגען.

צום כוף פּונם וויזיט האָט ער זיך נאָך גענומען אַרומקוקן אין דער דירה.

— דו וווינסט שיין! — האָט ער אַ זאָג געטון.

דאָס איז אויך אמת געווען. פּאָלאָניעצקי האָט געהאַט אַזאַ פאַרטיקע דירה, ווי ער וואָלט זיך געקליבן חתונה האָבן. דאָס איינ־אָרדנען זיך אַליין אויף אַזאַ אופן, האָט אים פאַרשאַפט פאַרגעניגן, ווייל ס׳האָט עפּעס געמאַכט דעם איינדרוק פון דער פאַרווירקלעכונג פון זיינע שטרעבונגען.

פלאַוויצקי, אומקוקנדיק זיך איבערן זאַל, הינטער וועלכן מען האָט אָנגעזען דעם צווייטן, קלענערן, העדלעך אייגעאָרדנטן, האָט אַ פרעג געטון:

— פאַרוואָס האָסטו נישט חת־נה?

—כ׳וועל עס טון, ווען כ׳וועל עס נאָר קענען, חי צום ביכסטן.

הער פלאַחיצקי האָט אַ שמייכל געטון פון זיין השערה און קלאַפּנדיק פאַלאַניעצקין איבער דער קני, האָט ער אָנגעהויבן חזרן:

— און כ׳וויס מיט וועמען, כ׳וויס מיט וועמען!..

— דאָס הייסט אַ קאָפּ! — האָט אויסגעשריגן פאַלאַניעצקי — גיי באַהאַלט עפּעס פון אַזא דיפּלאָמאַט.

— אהאַ! וואָס... מיט אַן אַלמנה? אַן אלמנה — האַ?

— ליבער פּעטער!...

— וואָס: זאָל דיך גאָט בענטשן, ווי איך בענטש דיך. און איצט לאָז איך זיך אין וועג אַריין, ווייל ס׳איז שוין צייט צו גיין אויפן פּרישטיק, און אין אָוונט האָב איך אַ קאָנצערט אין דער דאָליבּ׳ן.

— צוזאַמען מיט מאשקאָן?

— ניין, מיט מאַריניאַן — אָבער מאשקאָ וועט אויך זיין.

— איך מיט ביגעלן קלויבן זיך אויך.

— וועלן מיר זיך זען. אַ באַרג מיט אַ באַרג קומט זיך נישט צונויף, אָבער אַ מענטש מיט אַ מענטש תמיד.

— ווי ס׳האָט געזאָגט טאַלייראַן...

— אַלזאָ צום ווידערזען.

פאַלאַניעצקי האָט צייטנווייז ליב געהאַט מוזיק, אָבער ער האָט זיך אויפן קאָנצערט לחלוטין נישט געקליבן גיין, בשעת פלאַוויצקי האָט אים אָבער דערמאַנט, האָט אים אָנגענומען אַ חשק צו זען מאַריניאַן. נאָך פלאַוויצקיס אַוועקגיין האָט ער זיך נאָך עפּעס אַ ווײַלע מישב געווען מיט זיך, צי זאָל ער גיין, צי נישט, אָבער קען מען זאָגן לשם פּאַרס, ווייל ער האָט פאַרויס געוווסט, אַז ער וועט נישט איבערהאַלטן און גיין. ביגעל, וואָס איז געקומען צו אים נאָכמיטאָג זיך שואל-עצה צו זיין אין מסחר-ענינים, האָט זיך לייכט געלאָזט אָבּרעדן און קעגן פיר האָבן זיי זיך געפונען אין דער דאָליבע. דער טאָג, הגם אַ סעפּטעמבערדיקער,

איז געווען אַ וואַרעמער און אַ שיינער, אַז מענטשן האָבן זיך צונויפגעזאַלט אַ סך און די גאַנצע פאַרזאַמלונג האָט געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ זומערדיקע. אומעטום איז געווען אַ שלל העלע קליידער, העלע שירעמס און יונגע פרויען, וואָס האָבן אַרויסגעווימלט, ווי קאָלירטע זומערפייגעלעך, וואָס זענען דערוואַרעמט פון דער זון. אין דעם געווימל, וואָס איז באַשטימט אויף ליבע, אָדער אפשר געליבטן און ליבנדיקן, וואָס איז אַהערגעקומען הן צוליב מוזיק, הן זוכן ליבע, האָט זיך אויך באַדאַרפט געפינען מאַריניאַ. פּאָלאָניעצקי האָט זיך דערמאַנט אָן די סטודענטישע יאָרן, ווען ער האָט זיך געפלעגט ליבן אין אומבאַקאַנטע און האָט זיי געזוכט צווישן עולם, זייענדיק זיך יעדער רגע טועה, צוליב דער ענלעכקייט פון די היטן, האָר און גאַנצע פיגור. איצט איז אים אויסגעקומען אָנצונעמען פונדערווייטנס פאַר פריילין מאַריניאַ עטלעכע פערזאָן, וואָס זענען מער אָדער ווייניקער געווען ענלעך צו זיך. און איצט, ווי אַמאָליקע צייטן, נאָך יעדעס מאָל, וואָס ער פלעגט צו זיך זאָגן: „דאָס איז זי!" האָט ער געפילט אַ מאָדנע צאַפּלעניש אין האַרצן, ענלעך צום אומרו, וואָס ער האָט געפילט אַ מאָל. היינט אָבער האָט אים אַ כעס אַרומגעכאַפּט, ווייל דאָס האָט זיך אים אויסגעוויזן לעכערלעך, און ער האָט דערביי געפילט, אַז אַזוי זוכן באַגעגענישן און זעונגען פאַרשליגען דעם מענטש, און קאָנצענטרירנדיק דעם געדאַנק אויף איין וועזן, פאַרגרעסערן זיי דעם אינטערעס, וואָס זיי וועקן אין אים און שמידן אים נאָך מער צו.

דערווייל האָט דער אָרקעסטער אָנגעהויבן שפּילן, איידער ער האָט נאָך באַוויזן אָפּצוזוכן די, וואָס ער האָט צווישן עולם געזוכט. מען האָט באַדאַרפט זיך אָוועקזעצן און הערן, וואָס ער האָט אויך בעל־כרחו געטון, און ער איז אין האַרצן געווען אויפגערעגט אויף ביגעלן, וואָס האָט אָן באַוועגונג זיך צוגעהערט מיט פאַרמאַכטע אויגן. נאָכן ענדיקן דעם נומער, האָט ער ענדלעך באַמערקט הער פּלאַוויצקיס גלאַנציקן צילינדער און זיינע שוואַרצע וואָנסעלעך און הינטער זיי מאַריניאַס פּראָפיל. דער דריטער איז געזעסן מאַשקאָ, אַ רויקער, פול עלעגאַנץ, מיט אַ מינע פון אַן ענגלישן לאָרד, פון צייט־צו־

צייט פלעגט ער רעדן צו מאַריניאַן, און זי האָט זיך צו אים אויסגעדרייט, צושאָקלענדיק לייכט מיטן קאָפּ.

— די פלאַוויצקיס זענען דאָ — האָט אַ זאָג געטון פּאָלאָניעצקי — מען דאַרף צוגיין זיך באַגריסן מיט זיי.

— ווו זעסטו זי.

— אָט דאָרט מיט מאשקאָן.

— אַ, אמת, קום צו.

און זיי זענען צוגעגאַנגען. פריילין מאַריניאַ, וואָס האָט ליב געהאַט פרוי ביגעל, האָט ביגעלן זייער האַרציק באַגריסט, צו פּאָלאָניעצקין ווידער האָט זי זיך פאַרנייגט נישט אַזוי קאַלט, אַז דאָס זאָל קענען אַרויסרופן עמעצנס אויפמערקזאַמקייט, אָבער זי האָט אָנגעהויבן רעדן מיט ביגעלן, אויסרעגנדיק זיך אויפן ווייב און קינדער. ער האָט, אַלס ענטפער, אָנגעהויבן זייער הייס פאַרבעטן זי און דעם פאָטער, זיי זאָלן קומען דעם קומענדיקן זונטיק אויף זומערוווינונג.

— מיין ווייב וועט זיין גליקלעך, זייער גליקלעך! — האָט ער געחזרט — אפשר וועט אויך פרוי עמיליאַ צוליב דעם קומען...

מאַריניאַ האָט זיך געפרוווט אָפּזאָגן, אָבער הער פלאַוויצקי, וואָס האָט געוואָלט זיך ווייל אוּן וואָס האָט פון זיין פריערדיקן באַזוך אין וואַרשע געוווסט, אַז די ביגעלס לעבן גאַנץ שיין — האָט עס אָנגענומען. ס'האָט זיך געענדיקט דערמיט, אַז זיי וועלן קומען אויף מיטאָג און צוריקקומען אין אָוונט. ס'איז געווען אַ לייכטער אויספלוג, ווייל די ביגעלס ווילע האָט זיך געפונען איין סטאַציע פון וואַרשע.

— דערווייל זעצט אייך לעבן אונדז — האָט אַ זאָג געטון הער פלאַוויצקי — טאַקע לעבן אונדז געפינען זיך עטלעכע פרייע ערטער.

פריער אָבער האָט זיך פּאָלאָניעצקי געווענדט צו מאַריניאַן:

— איר האָט נישט געהאַט עפּעס קיין ידיעות פון פרוי בוואַסטאָווסקאַן?

— כ'האָב זיך געוואָלט טאַקע אייך פרעגן, צי איר האָט נישט געהאַט — האָט זי געענטפערט.

— ניין, מאָרגן אָבער וועל איך זיך טעלעגראַפיש אָנפרעגן וועגן ליטקאָן.

און דער שמועס האָט זיך איבערגעריסן. ביגעל האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן הער פלאַוויצקין און פאַלאַניעצקי אין עק. מאַריניאַ ווידער האָט זיך אויסגעדרייט צו מאשקאָן אַזוי, אַז פאַלאַניעצקי האָט געקענט זען בלויז איר פראָפיל און דאָס אויך נישט דעם גאַנצן. ס'האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז זי איז אַ ביסל דאַרער געוואָרן, אַלנפאַלס איז די הויט אויף איר פנים געוואָרן, נאָך די פיר וואָכן זיין אין שטאָט, אַ ביסל בלאַסער און איידעלער, צוליב וואָס אירע לאַנגע ווימפּע"ן האָבן אויסגעוויזן שאָטנדיקער און בולטער. איר גאַנצע פיגור איז עפּעס געווען מער עלעגאַנט. אין וואָס עס איז שולדיק געווען איר זאָרגפעליק אָנטון זיך און איר פריזור, וואָס איז געווען אַן אַנדערע ווי אַמאָל. אַמאָל האָט זי געטראָגן האָר אוגטן פאַרבונדן, איצט זענען זיי געווען צונויפגענומען מאָדנער, דאָס הייסט, הויך און אין הוט. פאַלאַניעצקי האָט מיטן בליק אַרומגענומען איר שטאַלטנע פיגור, באַוווּנדערנדיק מיט דער גאַנצער נשמה איר חן, וואָס איז אין אַלעם געווען צו באַמערקן, אפילו אין דעם האַלטן די הענט אויף די קני. זי האָט זיך אים אויסגעוויזן פאַר זייער אַ שיינע. ער האָט מיט גרויס קראַפט ווידער דערפילט, אַז אויב יעדער מאַנסביל טראָגט אין זיך זיין טיפ פון פרויען־שיינקייט, וועלכע איז די מאָס פון איינדרוק, וואָס אַ פרוי מאַכט אויף אים — איז זי אַזוי באַנט צו דעם טיפ, אַז זי איז כמעט איינגאַנצן ער. און קוקנדיק אויף איר, האָט ער אין האַרץ באַ זיך געטראַכט:

— אָך, האָבן אַזאַ ווייב, האָבן אַזאַ ווייב!

זי האָט זיך אָבער געווענדט צו מאשקאָן, אפשר זיך געווענדט אפילו שוין צופיל, און ווען פאַלאַניעצקי זאָל געווען בלייבן אינגאַנצן קאַלטבלוטיק, וואָלט ער געזען, אַז זי טוט עס בכיוון, כדי אים להכעיס צו טון. און מסתמא איז עס אַזוי געווען. דער

שמייעס האָט געמוזט זיין אַ לעבעדיקער, ווייל איבער איר פּנים זענען פון צייט־צו־צייט דורכגעלאָפן לייכטע פאַרבן.

— זי פּוצט זיך דאָך פּשוט צו צו אים! — האָט געטראַכט פּאָלאָניעצקי, פאַרבייסנדיק די ציין.

און ער האָט אומבאַדינגט געוואָלט הערן, וואָס זיי רעדן. דאָס איז אָבער געווען שווער. דער עולם האָט, בשעת דער צווייטער פּויזע, זיך פאַרהאַלטן גאַנץ טומלדיק, מאַריניאַן האָט פּאָלאָניעצקי, וואָס איז געווען אָפּגעטיילט פון איר מיט צוויי מענטשן, נישט געקענט הערן, פאַרקירצט ווידער, פאַרן צווייטן נייעם נומער האָט ער דערהערט אָפּגעהאַקטע ווערטער פון מאשקאָס זאַצן, וואָס האָט געהאַט אַ טבע צו רעדן מיט אַקצענט, וועלנדיק דערמיט מאַכן וואָגיקער יעדעס וואָרט זיינס.

— איך האָב אים ליב — האָט געזאָגט מאשקאָ — יעדער האָט זיך זיינע שוואַכקייטן — זיין שוואַכקייט איז געלט... כ׳בין אים דאַנקבאַר, ווייל ער האָט אים צוגערעדט... צו קזשעמיען... איך מיין, אַז ער איז אייך אַן אמתדיקער פריינט, ווייל ער האָט נישט געשפּאָרט... — און כ׳בין זיך מודה, אַז ער האָט געוועקט אין מיר נייגעריקייט...

מאַריניאַ האָט דערויף געענטפערט זייער לעבהאַפטיק עפּעס. דערנאָך האָט פּאָלאָניעצקי ווידער דערהערט דעם סוף פון מאשקאָס ענטפער:

— אַ כאַראַקטער האָט ער גאָך נישט קיין אויסגעאַרבעטן און די אינטעליגענץ איז אפשר קלענער, ווי די ענערגיע, אָבער בטבע איז ער גיכער אַ גוטער...

פּאָלאָניעצקי האָט אויסגעצייכנט תופס געווען, אַז דאָס רעדט מען פון אים און האָט זיך אויך אָפּגעגעבן גוט אַ חשבון פון מאשקאָס טאַקטיק. משפּטן מיט איינזען און אָן פּניות, גיכער לויבן אָדער לכל־הפּחות מודה זיין זיך אין פאַרשידענע אייגנשאַפטן, אָבער גלייכצייטיק אַרומשענדן יעדן חן, דאָס איז געווען דער באַוווסטער אופן פונם יינגן אַדוואָקאַט. דערמיט האָט ער זיך אַליין דערהויבן אויף דער מדרגה פון אַ שופט, אַן אויסנאַמעסיקן און העכערן. פּאָלאָניעצקי האָט אויך געוווסט, אַז מאשקאָ האָט עס

ניט אַזוי ווײַט געזאָגט, כּדי אים אַראָפּצופּלאַטשן, ווי זיך גרויס צו שטעלן און אַז ער וואָלט דאָס מסתּמא געזאָגט וועגן יעדן אײנעם ייִנגנמאַן, אין וועלכן ער וואָלט אײַנגעזען זײַנס אַ קאָנקורענט.

סוף־כּל־סוף איז דאָס געווען די טאַקטיק, מיט וועלכער פּאָלאָניעצקי אַליין וואָלט זיך געהיט באַנוצט אין דעם פֿאַל, וואָס עס האָט אָבער ניט געשאַדט, ער זאָל עס אין דער רגע האַלטן פֿאַר אַן עוולה פֿון מאשקאָס זײַט, און האָט באַשלאָסן אים אָפּצוצאָלן בײַ דער ערשטער געלעגנהייט.

צום סוף פֿון קאָנצערט האָט ער נאָך געקענט באַמערקן, ווי ווײַט מאשקאָ גייט אַרײַן אין דער ראָל פֿון אײנעם, וואָס קאַווירט זי. ווען מאַריניאַ, ווילנדיק פֿאַרבינדן דעם וואָאַל, האָט אַראָפּגענומען די הענטשקעס און זײ זענען אַראָפּגעפֿאַלן פֿון אירע קני, האָט מאשקאָ זײ אויפֿגעהויבן און פֿאַרהאַלטן זײ צוזאַמען מיטן שירעם, דערבײַ האָט ער אַראָפּגענומען פֿונם אַנלען פֿון דער שטול איר פּעלערין און אָנגעהאָנגען זיך אויף דער האַנט, כּדי איר צו דערלאַנגען, בשעת זי וועט אַרויסגיין פֿון גאָרטן — מיט איין וואָרט, ער איז געווען אײַנגאַנצן מיט איר פֿאַראינטערעסירט, הגם ער איז בײַ דעם אויך געבליבן קאַלטבלוטיק און מיט טאַקט פֿון אַן אמת וועלטלעכן מענטש.

ער האָט דערבײַ אויסגעזען צופֿרידן פֿון זיך און גליקלעך. עפּעס האָט מאַריניאַ, אַ חוץ דעם קורצן שמועס, וואָס זי האָט געווידמעט ביגעלן, די גאַנצע צײַט, אויב זי האָט זיך ניט צוגעהערט צו דער מוזיק, גערעדט בלויז מיט מאשקאָן. בשעת זײ האָבן אָנגעהויבן אַרויסגיין, איז זי געגאַנגען פֿאָרויס דעם פֿאָטער און ווידער צוזאַמען מיט אים. און פּאָלאָניעצקי האָט נאָכאַמאָל דערזען איר שמייכלענדיקן פּראָפֿיל, וואָס איז געווען געווענדט צו מאשקאָן. שמועסנדיק, האָבן זײ געקוקט זיך אין די אויגן. איר פּנים איז געווען לעבעדיק, די אויפֿמערקזאַמקייט אָנגעשטעלט אויסשליסלעך אויף דעם, וואָס ער האָט גערעדט. זי האָט באמת זיך צוגעפּוצט צו מאשקאָן, ער האָט עס אַליין געזען, אָבער ניט געטראַכט אפֿילו, ניט קוקנדיק אויף זײַן פֿליבקייט,

אַ רגע אויך, אַז זי האָט דאָס געקענט טון, כּדי צו רייצן פּאָלאַ-ניעצקין.

פֿאַרן אַריינגאַנג האָט געוואַרט אַ קאַטש, אין וועלכער מאַשקאַ האָט זי אַריינגעזעצט מיטן אַלטן פּלאַוויצקי, אַליין ווידער האָט ער זיך אָנגעהויבן געזעגענען. אָבער מאַריניאַ האָט, אַריבערבייגנדיק זיך צו אים, אַ זאָג געטון:

— ווי הייסט? דער טאַטע האָט דאָך אייך געבעטן? אמת טאַטע?

— מיר האָבן זיך דאָך אַזוי אָפּגעשמועסט — האָט אַ זאָג געטון הער פּלאַוויצקי.

מאַשקאַ האָט זיך אַריינגעזעצט — און זיי זענען אָפּגעפאָרן, פאַרבייגנדיק זיך פאַר ביגעלן און פּאָלאַניעצקין. ביידע פריינט זע-גען אַ לאַנגע צייט געגאַנגען און געשוויגן. לסוף האָט פּאָלאַניעצקי אַ זאָג געטון, מאַכנדיק אַן אָנשטעל, אַז די שטים זיינע איז רויק:

— כ'בין נייגעריק, צי זענען זיי שוין חתן-כּלה.

— כ'ווייס, אַז נישט — האָט אַ זאָג געטון ביגעל — אָבער עס שניידט זיך דערויף.

— איך זע אויך דאָס אייגענע.

— כ'האָב געמיינט, אַז מאַשקאַ וועט זוכן געלט, ער איז אָבער פאַרליבט. דאָס קען זיך טרעפן אפילו מיט אַזעלכן, וואָס טראַכט בלויז וועגן אַ קאַריערע... מאַשקאַ איז פאַרליבט. דערביי וועט ער, נעמענדיק זי, באַפרייען זיך פון די צאָלונגען פאַר קזשעמיען. ניין! דאָס איז גאָרנישט אַזאַ שלעכט געשעפט, ווי עס דאַכט זיך... דאָס מיידל איז זייער אַ שיינס, וואָס אמת, איז אמת...

און זיי זענען ווידער אַנטשוויגן געוואָרן. פּאָלאַניעצקין אָבער איז געווען אַזוי שווער, אַז ער האָט נישט געקענט אויס-האַלטן.

— כ'וועל דיר זאָגן אָפן — האָט ער זיך אָנגערופן — דאָס איז פאַר מיר פּשוט אַ פּיין, דער געדאַנק, אַז זי וועט מיט אים חתונה האָבן... הייבט-זשע די הילפלאָזיקייט! אַלץ איז מיר

ליבער פאַר דער הילפלאָזיקייט; סאַראַ נאַרישע און לעכערלעכע ראָל איך האָב אינם גאַנצן ענין געשפּילט.

— האָסט זיך אַ ביסל פאַרגאַלאָפּירט, און דאָס קען זיך טרעפן מיט יעדן איינעם. דאָס איז גיכער די שולד פונם מאָדנעם צוזאַמענפאַל פון אומשטענדן, וואָס דו ביסט געווען איר פּאָטערס בעל-דבר. דו האָסט גאָר אַן אַנדערע השגה וועגן אַזעלכע זאַכן, חי ער... איר זייט מענטשן פון צוויי באַזונדערע פּלאַנעטן — איז דעריבער דאָס מיספאַרשטענדניש געווען גרייט. דו האָסט אפשר די זאַך צו שאַרף אַוועקגעשטעלט, אָבער ווען איך באַטראַכט אַלץ, האָסטו ווייך נישט געקענט זיין, אפילו צוליב פרייליין פּלאַוויצקאַ, מאַכנדיק צו גרויסע הנחות, וואָלסטו זיי געמאַכט פאַר איר — נישט אמת? וואָס-זשע וואָלט דערפון אַרויסגעקומען? אַז זי העלפט דעם פאָטער דיך אויסנוצן. ניין, צו דעם האָט מען באַדאַרפט מאַכן אַ סוף.

דאָ האָט דער מיושבדיקער ביגעל זיך אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט, זיך באַטראַכט און אַ זאָג געטון:

— וואָס שייך דיין ראָל, איז דאָ איין אויסוועג! זיך איבגאַנצן צו דערווייטערן, לאָזן די זאַכן ווי זיי זענען און זאָגן צו זיך, אַז אַלץ גייט כשורה.

— וואָס וועט עס מיר העלפן — האָט ראַש אויסגעשריגן פּאָלאָניעצקי — אַז כ׳וועל שוין זאָגן, ווען עס גייט פאָרט נישט! עס גייט נישט! עס גייט פונקט פאַרקערט... אי, כ׳בין אין אַ נאַרישער לאַגע, מילא, איז דערויף קיין עצה נישטאָ. ווי הייסט? פריער האָב איך עס אַלץ אַליין געמאַכט, וואָלט איך וועלן עס פאַריכטן! כ׳האָב דאָס גאַנצע לעבן מיינס געוווסט, וואָס איך האָב געוואָלט און אין דעם פאַל האָב איך עפּעס נישט באַגריפן.

— דאָס זענען איבערלעבענישן, וואָס מען פאַרגעסט אין זיי.

— גוט, מיין ליבער, אָבער דערווייל פאַרלירט מען דעם אינטערעס צום לעבן, דו מיינסט, עס גייט מיך הײַנט אָן, ווי אַמאָל, צי כ׳וועל זיין געזונט, צי קראַנק, רייך, צי הויל? ס׳וועט

מיר איבלדיק באַם בלויזן געדאַנק וועגן דער צוקונפט, — דו ביסט איינגעשטעלט און פאַרבונדן מיטן לעבן, אָבער איך וואָס? אָט איז געווען אַן אויסזיכט, און נישטאָ זי. דאָס מאַכט דאָך געוואַלטיק אַפּאַטיש.

— סוף-כּל-סוף איז דאָך דאָ נישט איין פריילין פּלאַוויצקאַ אויף דער וועלט.

— וואָס איז דאָ אַ סך צו רעדן! איצט איז זי איינע, ווייל ווען ס'זאָל זיין אַן אַנדערע אַזאַ, וואָלט איך געטראַכט וועגן יענער. וואָס איז דאָ אַ סך צו רעדן! די גאַנצע מעשה און די גאַנצע צרה איז טאַקע דאָס, וואָס זי איז איינע. אין אַ יאָר אַרום קען מיר אַ דאַכלקע אויפן קאָפּ אפשר אַראָפּפאַלן, אָדער אפשר וועל איך געפינען אַן אַנדערע — אָבער דאָס, וואָס עס וועט זיין מאָרגן . . וויס איך נישט, און אַז היינט נעמט מיך דער רוח, וויס איך אויך. דאָס בינדט זיך באַ מיר מיט נאָך אַנדערע זאַכן, וועגן וועלכע כ'וועל היינט נישט רעדן. אין אויסערלעכן לעבן דאַרף מען האָבן רויִק ברויט — אמת? אין אינערלעכן לעבן אויך דאָס אייגענע, און דאָס איז אַ נייטיקער ענין, אָבער זעסטו איך לייג אים אָפּ ביז צו דער חתונה, ווייל כ'פאַרשטיי, אַז נייע באַדינגונגען אַרבעטן אויס אַ נייעם אופן פון דענקן, און כ'וויל ענדיקן פריִער מיט איינעם, איידער איך הייב אָן אַ צווייטס, און דאָ פּלאָנטערט זיך אַלץ אַזוי צונויף! — און נישט בלויז עס פּלאָנטערט זיך, נאָר עס ווערט נעלם! איידער עפּעס באַווייזט זיך, ווערט עס שוין נעלם, אַזוי איז עס אויך איצט. מען לעבט אין אומזיכערקייט. אָט, כ'וואָלט ליבערשט וועלן זיי זאָלן שוין זיין חתן-כּלה, ווייל אין דעם פּאַל וואָלט צו אַלעם שוין געקומען אַ סוף.

— איך וועל דיר זאָגן נאָך איינס — האָט זיך אָפּגערופן ביגעל — בשעת כ'בין געווען אַ קינד און ס'האָט זיך מיר געמאַכט, אַז כ'האָב זיך אַיינגענומען אַ שטיקל האַלץ, האָט מיר ווייניקער וויי געטון, ווען איך האָב עס אַליין אַרויסגעצויגן, ווי ווען עמעץ אַנדערש פּלעגט עס מיר טון.

— דאָס ביסטו גערעכט! — האָט געענטפערט פּאָלאָניעצקי.

אָבּער אין אַ רגע אַרום האָט ער צוגעגעבן:

— זעסטו אָבּער, אַ שטיקל האָלץ קען מען אַרויסציִען, אויב ס'איז נישט צו טיף אַריין און אויב עס לאָזט זיך נאָר אָנ־בּעמען, איבעריקנס, סאַראַ פאַרגלייך! בּאַ אַן אַרויסגעצויגן שטיקל האָלץ האָסטו גאָר קיין היזק נישט, אָבּער דאָ ווערט אַ תּל פון מיינע אויסזיכטן אויף להבּא.

— דאָס איז א.ת. אָבּער אַז ס'איז נישטאָ קיין אַנדערע עצה...

— ווער ס'איז נישט קיין שלימזל, אים איז טאַקע שווער איינצוגיין דערויף.

דער שמועס האָט זיך פאַרענדיקט. ערשט, ווען זיי האָבּן זיך גענומען געזעגענען, האָט פּאָלאָניעצקי אַ זאָג גע־טון:

— ווייסטו וואָס? איך וועל ליבּערשט בּאַ אייך זונטיק נישט זיין.

— אפשר וועסטו טאַקע גוט טון — האָט געענטפערט בּי־געל.

## XI.

אינדעו"היים האָט אויף פּאָלאָניעצקין געוואַרט אַ סיורפּריז, מחמת ער האָט דערהאַלטן פון פרוי כוואַסטאָווסקאַן אַ דעפּעשע, וואָס האָט אַנטהאַלטן אין זיך אָט די ווערטער: „כ'קום מאָרגן פרי, ליטקאַן איז גוט!". דאָס צוריקקומען איז געווען אַ סיורפּריז, לפּחות אומגעוויינטלעך צוגעיאָגט, היות אָבער די דעפּעשע האָט אַנטהאַלטן אין זיך אַ פאַרזיכערונג בנוגע ליטקאַס געזונט, האָט פּאָלאָניעצקי פאַרשטאַנען, אַז פרוי עמיליאַ קומט צוריק בלויז דערפאַר, כּדי זיך אַ נעם צו טון צו זיין ענין. און באַ דעם געדאַנק איז אים דאָס האַרץ איבערגעגאַנגען אַש פון דאַנקבאַרקייט. „אָט דאָס איז אַן ערלעך וועזן — האָט ער געזאָגט צו זיך — דאָס איז אַ פריינדין!..." און צוזאַמען מיט דאַנקבאַרקייט איז אין האַרץ באַ אים אויפגעגאַנגען אַזאַ האָפנונג, ווי פרוי עמיליאַ וואָלט געהאַט אַ רינג פון אַ כּישוף, אָדער אַ מין צויבערשטעקעלע, מיט וועלכן זי האָט געקענט אין איין רגע איבערבייטן פריילין מאַריניאַס הרץ.

פּאָלאָניעצקי האָט קלאָר נישט געזען, ווי דאָס וועט זיך

מאַכן, ער האָט אָבער געוווּסט, אַז עמעץ, לכל־הפחות, זייער אַ גוטער פריינט, וועט זיין דער מליץ־יושר זיינער, וואָס וועט אים פאַרענטפערן, אָפּהיטן זיין האַרץ און כאַראַקטער פון פאַרקלענערן די פאָראורטיילן בנוגע צו אים, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט, בשעתן גאַנג פון די געשעענישן.

ער האָט גערעכנט, אַז פרוי עמיליאַ וועט זיין דערין אויס־בעהאַלטן און אַז דאָס וועט זיין באַ איר אַ חוב. אַ מענטש, וואָס עס טוט אים עפּעס ווי, איז צופרידן, ווען ער געפינט עמעצן, אויף וועמען ער וואָלט געקענט אַרויפלייגן די אחריות. אַזוי האָט אויך פּאָלאָניעצקין, דערהויפּט בשעת דאָס האַרץ פלעגט אים איבערגיין פון עגמת־נפש, זיך אויסגעדאַכט, אַז פרוי עמיליאַ איז אויך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיין באַציִונג צו פריילין מאַריניאַ, מחמת, ווען זי זאָל אים נישט געוועז ווייזן דעם בריוו, פון וועלכן ס'איז קלאָר געוועז פריילין מאַריניאַס גרייטקייט אים ליב צו באַקומען — וואָלט ער נאָך בכוח געווען אָפּצופירן פון איר דאָס האַרץ און געדאַנק. אפשר איז עס אויך טיילווייז אַזוי געווען, מחמת אין דער געשיכטע פון זיין געפיל האָט דער בריוו באמת אָפּגעשפּילט אַ גרויסע ראָל. ער האָט אים געוויזן, ווי נאָנט דאָס גליק איז געווען און כמעט שוין רעאַל, ווי ווייט זי האָט אים שוין במחשבה אָפּגעגעבן איר האַרץ און נשמה.

דאָס שווערסטע איז אַוועקצוּוואַרפן גליק, וואָס איז נישט בלויז באַשטרעבט, נאָר אויך שוין אָנגעהויבן.

און ווען נישט דער בריוו, וואָלט פּאָלאָניעצקי באמת אפשר ווייניקער באַדויערט דעם עבר, גיכער פאַרגעסן און לייכטער שלום געמאַכט מיט דער לאַגע. איצט האָט ער נישט געדענקט, אַז דאָס האָט ער אַליין געבעטן פרוי כוואַסטאָווסקאַן, זי זאָל אים ווייזן דעם בריוו, ער האָט בלויז נעהאַלטן, נישט קוקנדיק אויף זיין גאַנצער פריינטשאַפט און דאַנקבאַרקייט צו איר, אַז זי דאַרף אים אַרויסהעלפן פון אַלע רוחות. איבעריקנס, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָס וועט שוין גע־שען פון זיך אַליין; ער האָט זיך געריכט אָפּט צו זען פריילין מאַריניאַ און דאָס באַ די בעסטע באַדינגונגען, מחמת אין אַ הויז, ווו ער ווערט געליבט, געשעצט און ווו אַזעלכע געפילן באַדאַרף

האָבן יעדער איינער פֿון די געסט. דאָס אַלץ האָט פֿאַרשטאַרקט פּאָלאַניעצקיס בחין, צוגעגעבן נייע ריינגען צו די, וואָס האָבן זיך געקייטלט מיטן געדאַנק וועגן מאַריניאַן. פֿריִער וואָלט ער געווען צוגעזאָגט זיך, אַז ער וועט זיין בײַ די ביגעלס, איצט האָט ער געביטן זיין באַשלוס, האַלטנדיק, אַז אויב דאָס געזונט וועט נאָר דערלויבן, וועט עמיליאַ אויך נעמען אַן אָנטייל אין דעם אויספֿלוג. פֿון דער צווייטער זייט איז ער, אַ חוץ די אַלע טעמים, וואָס זענען נוגע פֿריילין מאַריניאַ, געווען מלא־שמחה, וואָס ער וועט זען די געליבטע פּנימער סיי פֿון פֿרוי עמיליאַן, סיי אויך פֿון ליטקאַן, וואָס איז ביז איצט געווען דער אָביעקט זיינער פֿון דער גרעסטער צוגעבונדנקייט צום לעבן.

דעמזעלבן אָוונט נאָך האָט ער אָנגעשריבן עטלעכע ווערטער וועגן איר קומען צו הער פּלאַוויצקין, האַלטנדיק, אַז פֿריילין מאַריניאַ וועט אים זיין דאַנקבאַר פֿאַר דער אומדירעקטער ידיעה. ער האָט געגעבן צו וויסן אין פֿרוי עמיליאַס וווינונג, אַז מען זאָל אינדערפֿרי וואַרטן מיט טיי און באַשטעלט אַ באַקוועמע קאָטש, כּדי אָפּצופֿירן די דאַמען אַהיים. אויפֿצומאָרגנס פֿינף אינדערפֿרי איז ער שוין געווען אויפֿן וואָקזאַל.

וואַרטנדיק אויפֿן צוג, האָט ער אָנגעהויבן מיט שנעלע טריט אַרומלויפֿן לענגאויס דעם פּעראָן, כּדי זיך אַ ביסל צו דערוואַרעמען, מחמת ס׳איז געווען אַ קילער פֿרימאָרגן. די ווייטקייט, די באַן־געביידעס און די וואַגאָנען, וואָס זענען געשטאַנען אויף די נאָענטסטע ליניעס זענען געזונקען אין נעפּל, וואָס איז, זייער אַ געדיכטער איבער דער ערד, אין דער הייך געווען ראָז און גלאַנציק, אָנזאָגנדיק, אַז דער טאָג וועט זיין אַ שיינער. אויפֿן פּעראָן איז, אַ חוץ די באַאַמטע און דינערשאַפֿט, צוליב דער פֿרימאָרגן־שעה, קיינער נישט געווען; ביסלעכווייז אָבער האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען מענטשן. פּלוצלינג האָבן זיך נאָר פּאָלאַניעצקין אַרויסגערוקט פֿון נעפּל צוויי פֿיגורן, פֿון וועלכע ער האָט אין איינער דערקענט מיט האַרצקלאַפּעניש מאַריניאַן, וועלכע איז מיטן דינסטמיידל געקומען באַגעגענען פֿרוי עמיליאַן. נישט רעכנדיק זיך אויף אַזאַ מין באַגעגעניש, האָט ער די ערשטע רגע זיך שטאַרק צעטומלט.

זי האָט זיך אויך פֿאַרהאַלטן עפּעס ווי פֿאַרחידושט אָדער פֿאַר־דאגהט. אין אַ ווײַלע אַרום צוּבער איז ער צוגעגאַנגען און דער־לאַנגט איר די האַנט.

— גוט מאָרגן אײַך! — האָט ער אַ זאָג געטון — ער וועט באמת זײַן פֿאַר אונדז אַ גוטער, אויב אונדזערע רייזנדערינס וועלן קומען.

— איז עס, הייסט עס, נאָך ניט זיכער? — האָט אַ פֿרעג געטון מאַריניאַ.

— ווי הייסט? כיידן ס׳איז פֿאָרגעקומען עפּעס געפּערלעכס. כ׳האָב נעכטן דערהאַלטן אַ דעפּעשע און געשיקט פֿרײַלין פּלאַוויצקאַן די ידיעה, מיט דעם געדאַנק, אַז איר וועט אײַך דערפֿרייען מיטן בייעס.

— אַ דאַנק. אַזאַ ווילער סיורפּריז.

— דער בעסטער סימן, אַז איר האָט זיך אַזוי פֿרי אויפֿגעהויבן.

— כ׳האָב זיך נאָך נישט צופּגעוויינט.

— מיר זענען ביידע צו פֿרי געקומען. דער צוג וועט קו־מען ערשט אין אַ האַלבער שעה אַרום, דערווײַל ראַט איך אײַך נישט צו שטיין, נאָר צרומגיין, ווייל ס׳איז אַ קילער פֿרימאָרגן, הגם דער טאָג ווײַזט זיך אַ שיינער.

— דער נעפּל פֿאַלט אָפּ — האָט אַ זאָג געטון מאַריניאַ, אויפֿהייבנדיק אין דער הייך אירע בלויע אויגן, וואָס האָבן באַם פֿרימאָרגן־שײַן זיך אויסגעוויזן פּאָלאַניעצקין פֿאַר פֿיאָלעט.

— איר ווילט אײַך איבערגיין איבערן פּעראָן?

— אַ דאַנק. כ׳וויל בעסער וואַרטן אין זאַל.

און אַ נייג טוענדיק דעם קאָפּ איז זי אַוועק. פּאָלאַניעצקי האָט ווידער אָנגעהויבן שנעל צו שפּרייזן איבערן פּעראָן. ס׳איז אים געווען אַ ביסל אומאַנגענעם, וואָס זי האָט נישט געוואָלט מיט אים בלייבן, ער האָט זיך אָבער דאָס אויסנעטייטשט, אַז אפשר האָט עס נישט געפּאַסט, און נאָכמער הנאה האָט אים געטון דאָס, אויף וויפֿיל פֿרוי עמיליאַס קומען גופֿא וועט זיי דערנענטערן איינס צום אַנדערן און וויפֿיל באַגעגענישן עס וועט גורם זײַן.

עפעס אַ מאָדנער מוט און גוטער הומאָר זענען פון מינוט צו מי־גוט אין אים געוואַקסן. ער האָט געטראַכט וועגן מאַריביאַס פּיאַ־לעטע אויגן, וועגן איר געזיכט, וואָס איז פאַרראַזט געווען פונם פרימאָרגן־פרעסטל און דורכלויפנדיק פאַרביי די פענסטער פון זאַל, ווו זי איז געזעסן, האָט ער געזאָגט צו זיך, כמעט פריי־לעך:

אַהאַ! זיץ דאָרטן, באַהאַלט זיך! כ'וועל דיך שוין געפי־נען!

און ער האָט מיט אַ גרעסערער קראַפט, ווי אַלעמאָל, גע־פילט, ווי טייער זי וואָלט אים געקענט זיין, ווען זי זאָל וועלן זיין כאָטש אַ ביסל גוט.

בינו לבינו האָט מען אַ קלוגג געטון, און אין עטלעכע מי־נוט אַרום האָבן פון נעפּל, וואָס איז איבער דער ערד געווען גע־געדיכט, כאָטש באַם הימל איז ער שוין געווען בלוי, זיך אַרויס־באַוויזן מוטנע שטריכן פונם צוג, וואָס איז בשעתן דערנענטערן זיך געוואָרן וואָס אַמאָל בולטער. דער לאָקאָמאָטיוו, האָט סאָפּענדיק מיט איבערגעריסענע קנוילן רויך, זיך אַריינגעקייקלט וואָס אַמאָל מיט אַ פאַמעלעכערער באַוועגונג אויף דער סטאַציע און שטעלנדיק זיך, אָנגעהויבן מיט געריש און געזידעריי אַרויסצווואַרפן דאָס לעצטע ביסל פאַרע אונטער די פעדערשטע רעדער אַרונטער.

פּאָלאָניעצקי איז צוגעשפּרונגען צום שלאָף־וואַגאָן — מחמת דאָס ערשטע געזיכט, וואָס האָט אים אַ פינקל געטון אין דער שויב, איז געווען ליטקאַס, וואָס האָט, דערזעענדיק אים, אויפגע־שיינט, ווי ס'וואָלט געפאַלן דערויף אַ זון־שטראַל. די הענטלעך פונם מיידעלע האָבן זיך פריילעך אָנגעהויבן באַוועגן, באַגריסנדיק פּאַ־לאָניעצקין, וואָס איז אין איין רגע אַרום שוין געווען אין וואַ־גאָן.

— מיין טייער קעצעלע! — האָט ער אויסגעשריגן, אָנ־כאַפּנדיק ליטקאַן פאַר די הענטלעך — אויסגעשלאָפט? גע־זונט?

— געזונט! מיר זענען געקומען! און מיר וועלן זיין צו־זאַמען — גוט מאָרגן, הער סטאַך!

דערווייל האָט הינטער זיי זיך אָוועקגעשטעלט פרוי עמיליאַ, וועלכער הער סטאַך האָט אַ קוש געטון אין דער האַנט זייער האַרציק און אָנגעהויבן רעדן אַזוי שנעל, ווי געווייבטלעך מען זאָגט אין באַגריסונגס־מינוטן.

— גוט מאָרגן, ליבע מאַדאַם. כ'האָב גרייט אַ קאָטש. איך קענט תיכף אָפּפאָרן, מיין דינער וועט אָפּנעמען די זאַכן, גיט נאָר דעם קוויט, אינדערהיים וואַרט מען מיט טיי. ביטע דעם קוויט. פריילין פלאַוויצקאַ איז אויך דאָ.

פריילין פלאַוויצקאַ האָט טאַקע געוואַרט לעבן וואַגאָן און זי מיט פרוי עמיליאַ האָבן אָנגעהויבן זיך דריקן די הענט מיט פנימער פול מיט שמייכלען. ליטקאַ האָט אַ רגע געקוקט אויף פריילין מאַריניאַ, ווי זי וואָלט זיך וואַקלען, דערנאָך אָבער האָט זי זיך אויך אַ וואָרף געטון אויף איר האַלדז מיט דער אַמאָליקער געוויינטלעכער האַרציקייט.

— מאַריניאַ, וועסט פאָרן מיט אונדז אויף טיי — האָט אַ זאָג געטון פרוי עמיליאַ — אויף אונדז וואַרט מען, און דו מוזסט דאָך נאָך זיין ניכטער. גוט? יאָ?

— איר זעט אוודאי מיד, אַ גאַנצע נאַכט געפאָרן.

— מיר זענען פון גרענעץ אָן נעשלאָפן, ווי דערהרגעטע. אויפכאַפּנדיק זיך, האָבן מיר געהאַט צייט אָנצוטון זיך און אָפּצוּוואַשן, אַלנפאַלס מוזן מיר טרינקען טיי, וועסטו אונדז נישט שטערן.

— אַלזאָ, גוט, מיטן גרעסטן פאַרגעניגן.

ליטקאַ אָבער האָט אָנגעהויבן שלעפן די מוטער פאַרן קלייד:

— מאַמעשי, און הער סטאַך?

— פאַרשטייט זיך, אַז הער סטאַך אויך. ער האָט וועגן אַלץ געטראַכט, אַ דאַנק אים וועלן מיר געפינען אַלץ צוגעגרייט, מוז ער מיט אונדז פאָרן.

— ער מוז! ער מוז! — האָט אויסגעשריגן ליטקאַ, ווענדנדיק זיך צו אים.

און ער האָט זיך אָנגעהויבן רייצן:

— ניִשט ער מוז, נאָר ער וויל.

אין אַ ווײַלע אַרום זענען אַלע פֿיר געזעסן אין קאָטש. פּאָלאָניעצקי איז געווען אין בעסטן הומאָר, האָבנדיק אַקעגן זיך מאַריניאַן, און לעבן זיך די קליינע ליטקאַ. אים האָט זיך געדאַכט, אַז די העלקייט פֿונעם פֿרימאָרגן גייט אין אים אַרײַן און אַז פֿאַר אים הייבן זיך אָן בעסערע טעג. ער האָט געפֿילט, אַז מהיום והלאה וועט ער געהערן צו דעם קליינעם קרײַז וועזנס, וואָס זענען צווישן זיך פֿאַרבונדן דורך געזעלשאַפֿטלעכע ליבע און פֿרײַנטשאַפֿט, און אין דעם קרײַז וועט זיך אויך געפֿינען מאַריניאַ. איצט איז זי שוין געזעסן קעגנאיבער אים, נאָענט צו זײַנע אויגן און נאָענט מיט פֿרײַנטשאַפֿט, וואָס זיי האָבן ביידע געפֿילט צו פֿרוי עמיליאַן און צו ליטקאַן.

דערווײַל האָבן אַלע פֿיר פֿרײלעך געשמועסט.

— וואָס איז געשען עמילקאַ — האָט אַ פֿרעג געטאָן מאַריניאַ — וואָס דו ביסט געקומען פֿאַר דער צײַט?

— ליטקאַ האָט אַזוי געבעטן זיך יעדן טאָג, מיר זאָלן צוריקפֿאָרן!

— האָסט ניִשט ליב אויסלאַנד? — האָט אַ פֿרעג געטאָן פּאָלאָניעצקי.

— ניין.

— האָסט געבענקט קיין וואַרשע?

— יאָ.

— און נאָך מיר? וואָס? זאָג שוין, וואָרים אויב ניִשט, וועט זײַן שלעכט!

ליטקאַ האָט אַ קוק געטאָן אויף דער מוטער, אויף מאַריניאַן, אויף פּאָלאָניעצקין און לסוף אַ זאָג געטאָן:

— און נאָכן הער סטאַך אויך.

— אָט האָסטו דערפֿאַר! — האָט אַ זאָג געטאָן פּאָלאָניעצקי.

און אַ כאַפּ טוענדיק איר הענטל, האָט ער זיך באַמיט עס אַ קוש צו טאָן, זי האָט זיך צבער, ווי ווײַט מעגלעך, פּאַרטיידיקט

לסוף האָט זי באַהאַלטן די הענטלעך, ער ווידער האָט ווענדנדיק זיך צו מאַריניאַן און אַנטפּלעקנדיק זיינע געזונטע, ווייסע ציין, אַ זאָג געטון:

— מיר, פאַרשטייט איר מיך, רייסן זיך כסדר אַרום, אָבער מיר האָבן זיך ליב.

— ס'איז תמיד אַזוי — האָט געענטפערט פרייליין מאַריניאַ.

ער האָט איר פשוט און ערלעך אַ קוק געטון אין די אויגן אַריין:

— ע, ווען ס'זאָל תמיד אַזוי זיין!

פרייליין מאַריניאַ האָט זיך לייכט פאַרויטלט און געוואָרן ערנסט. זי האָט אָבער גאָרנישט געענטפערט און אָנגעהויבן רעדן מיט פרוי עמיליאַ.

פּאָלאַניעצקי ווידער האָט זיך געווענדט צו ליטקאַן!

— און ווו איז פּראָפעסאָר וואַסקאָווסקי? געפאָרן קיין איטאַליע?

— ניין. ער איז איבערגעבליבן אין טשענסטאָכאָוו און איבערמאָרגן קומט ער צוריק.

— געזונט?

— געזונט.

דאָ האָט דאָס מיידעלע אַ קוק געטון אויף איר פריינט און אַ זאָג געטון:

— הער סטאַך איז אָפּגעפאַלן, נישט אמת, מאַמע?

— אמת טאַקע, איר זעט דאַרער געוואָרן — האָט געענטפערט פרוי עמיליאַ.

פּאָלאַניעצקי האָט זיך אַ ביסל געענדערט, ווייל ער איז שלעכט געשלאָפן און די סיבה פון זיין שלאָפלאָזיקייט איז געווען קעגנאיבער אים אין קאָטש. ער האָט אָבער אָנגעהויבן זיך פאַרענטפערן מיט דאגות און אַרבעט אין ביוראָ, בינו לבינו זעצן זיי צוגעפאָרן צו פרוי עמיליאַס דירה.

אַקעגן אַ ווײַלע, בשעת פרוי עמיליאַ איז אַריינגעגאַנגען זיך באַגריסן מיט דער דינערשאַפט און ליטקאַ איז באַן איר באַכ-

געלאָפן, זענען פּאָלאָניעצקי און פרײלין מאַרינע געבליבן ביחידות אין עסצימער.

— איר האָט דאָ אודאי נישט קײן גענטערע באַקאַנטשאַפט, װי פרוי עמיליאַ.

— נישט קײן גענטערע, נישט קײן ליבערע.

— אין לעבן דאַרף מען אָבער גוטסקײט, און זי איז זײער גוט און פרײנטלעך. איך, למשל, װאָס האָב נישט קײן פאַמיליע, האַלט דאָס הױז פאַר הײמיש. װאַרשע זעט בײַ מיר גאָר אַנדערש אױס, װען אָט די דאַמען זענען הי...

דערנאָך האָט ער שױן מיט אַ װײניקער זיכערער שטים צו־געגעבן:

— דאָס מאָל פרײ איך זיך אױך מיט זײער קומען צו־ליב אײַך און אױך צוליב דעם, װאָס עס װעט צװישן אונדז סוף כּל־סוף זײַן עפּעס געמײנזאַמס און קעגנזײטיקס.

דערבײַ האָט ער גענומען אױף איר קוקן מיט בקשה אין די אױגן, װי ער װאָלט איר װעלן זאָגן: „איך קען אַזױ נישט לעבן! דערלאַנג מיר די האַנט אױף שלום, זײַ אַ גוטע אױך פאַר מיר, קוים איז אױסגעפאַלן פאַר אונדז אַזאַ ליבער טאָג״.

זי אָבער, טאַקע דערפאַר, װאָס זי האָט נישט געקענט זײַן צו אים אײנגאַנצן גלײַכגילטיק, איז אַלעמאָל װײטער געגאַנגען אין דער ריכטונג פונעם אומװילן. װאָס מער ער האָט אַרױסגעװיזן גוטס־קײט פון האַרצן, װאָס סימפּאַטישער ער איז געװען, אַלץ מער האָט זיך איר אױסגעװיזן זײַן באַגײן זיך מיט איר פאַר אומדערהערט און אַלץ מער איז אין איר האַרץ געװאַקסן דער פאַראיבל צו אים.

זײענדיק בטבע סובטעל, אָדער גיכער שרעקיק, און פּילנדיק טאַקע, אַז די אומגערנע תּשובה װאָלט אים קאַליע געמאַכט די האַרמאָניע פון טאָג, האָט זי ליבערשט געשװיגן. ער האָט אָבער נישט געדאַרפט קײן אָפּשנײַט אין װערטער, מחמת ער האָט אין די אױגן אירע געלײענט אָט װאָס:

— װאָס װײניקער דו װעסט זיך באַמיִען צו פאַריכטן אונ־

דזשע באַצוינגען, אַלץ בעסער וועלן זיי זיין, און צומבעסטן וועלן זיי זיין דאַמאָלס, וואָס ווייטער זיי וועלן זיין.

אין זיין פרייד איז אין איין רגע אויסגעלאָשן געוואָרן, זי פאַרביטן האָט בלויז אַ כּעס און אַ צער, וואָס איז נאָך שטאַרקער געווען פאַרן כּעס, מחמת ער האָט געשטראָמט גלייכצייטיק פונם חן, וואָס קיין זאַך איז אים נישט בכּוח געווען גובר צו זיין, און וועלכן פּאָלאַניעצקי האָט זיך וואָס אַמאָל שטאַרקער אונטערגעגעבן, אין דער איבערצייגונג, אַז דער תּהום צווישן זיי ווערט פון טאָג צו טאָג גרעסער.

און אָט, קוקנדיק איצט אַזוי אויף איר זיס און גוט פּנים האָט ער געפילט, אַז זי ווערט אים פּונקט אַזוי טייער, ווי זי איז פאַר אים פאַרלוירן.

ליטקאַס אָנקומען האָט געמאַכט אַ סוף צו דער רגע, וואָס איז פאַר אים געווען אומגעווײנטלעך שווער. דאָס מיידעלע איז מיט גרויס פרייד אַריינגעלאָפן, מיט דער טשופּרינע אין אומאָרד־נונג, מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן, באַמערקנדיק אָבער זיי, האָט זי פּלוצלינג זיך אָנידערגעשטעלט און אָנגעהויבן קוקן דאָ אויף איינעם, דאָ אויפן צווייטן מיט אירע טונקעלע אויגן — און ענד־לעך זיך שטיל אָנידערגעזעצט באַם טיש מיט טיי. איר פריילעכ־קייט איז פאַרשוווּנדן, הגם פּאָלאַניעצקי האָט, פאַרשליסנדיק די ווייטיק אין האַרץ, זיך באַמיט צו זיין באַם פרישטיק רירעוודיק און פריילעך.

ער האָט אָבער זיך שוין כּמעט נישט געווענדט צו מאַריניאַן. ער האָט אויסשליסלעך זיך פאַרנומען מיט פרוי עמיליאַן און מיט ליטקאַן — און אַ מאָדנע זאַך: מאַריניאַ האָט דאָס דאָך דערפילט, ווי אַן אומאָנגענעמלעכקייט. צו דער ריי פון תּרעומות איז צוגע־קומען נאָך אַ נייע.

אויף צומאָרגנס זענען פרוי עמיליאַ און ליטקאַ געווען אין אָוונט אויף טיי באַ די פּלאַוויצקיס. הער פּלאַוויצקי האָט פאַרבעטן הער פּאָלאַניעצקין אויך, וועלכער איז נישט געקומען. דאָס איז שוין די טבע אַזוי פון מענטשן, אַז דאָס האָט ווידעראַמאָל באַ־ליידיקט מאַריניאַן. ווידערווילן פּונקט ווי ליבע דאַרף האָבן נאָנט

אַ מענטש אַקעגן וועלכן ער איז געווענדט. מאַריניאַ האָט נישט־ווילנדיק דעם גאַנצן אָוונט געקוקט אויף דער טיר. ווען אָבער עס איז געקומען די צייט, בשעת ס'איז שוין געוואָרן זיכער, אַז פּאָ־לאַניעצקי וועט נישט קומען, האָט זי זיך אָנגעהויבן צופּוצן צו מאַשקאַן, אַז זי האָט אַזש פאַרחידושט פרוי שמיליאַן.

# XII.

מאשקאָ איז געווען זייער אַ געשיקטער מענטש, אָבער דער־בײַ פֿול מיט אײַגנליבע, איבעריקנס האָט ער נישט געהאַט קיין שום סיבה, נישט אָנצונעמען פֿאַר אַ גוטער מטבע מאַריניאַס ליבנס־ווירדיקייט בנוגע צו אים. דעם נישט אַלעמאָל גלײַכן גראַד דער־פֿון, האָט ער צוגעשריבן קאָקעטישקייט, דער אַ ביסל בייטנדיקער נאַטור פֿונם מיידל, און הגם דאָס האָט אים אַ ביסל באַאומרויִקט, איז אָבער נישט אויף אַזוי פֿיל, אַז דאָס זאָל אים אָפּהאַלטן פֿון אַ באַשטימטן שריט.

ביגעל האָט תּופֿס געווען דעם אמתן מצבֿ־הענינים, האַלטנ־דיק, אַז מאשקאָ איז פֿאַרליבט — און ער איז עס טאַקע געווען. שוין מיט אַ צײַט צוריק איז אים פֿריילין פּלאַוויצקאַ געוואַלטיק געפֿעלן: שפּעטער־צו, נאָך אַ שקלאַ וטריא פֿון אַלע פּ אַ ר און ק ע ג נ ס, איז ער געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די קאַטע־גאָריע פּ אַ ר וועגט איבער. דער יונגער אַדוואָקאַט האָט לעולם גע־האַלטן פֿון געלט, אָבער זייענדיק דערבײַ באַשאָנקען מיט אַ גע־וואַלטיק ניכטערן שכל און קענענדיק אויסגעצייכנט די קרייזן,

אין וועלכע ער האָט זיך געדרייט, איז ער געקומען צו דער אי-
בערצייגונג, אַז זייער קיין פאַרמעגלעך מיידל וועט ער נישט גע-
פינען און נישט קריגן. גאָר פאַרמעגלעכע מיידלעך — האָבן זיך
געפונען אָדער צווישן דער אַריסטאָקראַטיע, און דאָס זענען געווען
פאַר אים צו הויכע שוועלן, אָדער אין דער וועלט פון פינאַנצן,
וואָס האָט פון איר זייט געזוכט פאַרבינדונגען מיט משפחות, וואָס
טראָגן מער אָדער ווייניקער באַוווסטע פאַמיליע-נעמען. מאשקאַ
האָט אויסגעצייכנט געוווסט, אַז זיינע געמאָלטע ביסקופן אין פאַנ-
צער-לייט, פון וועלכע בוקאָצקי פלעגט חוזק מאַכן, וועלן נישט
בכוח זיין צו עפענען פאַר אים די אייזערנע קאַסעס פון די באַנ-
קירן. ער האָט פערשטאַנען, אַז ווען זיי זאָלן געווען אפילו זיין
ווייניקער פאַנטאַסטיש, וואָלט זיין פּראָפעסיע אַלס אַדוואָקאַט שוין
געווען אַ מין „Capitij demorntio“ אין די אויגן פון די פי-
נאַנציעלע קאַרפּן-קעפּ. פון דער צווייטער זייט ווידער האָט ער
באמת געפילט עפעס אַ ראַסטעקל צו דעם מין שידוכים, בשעת
גוט לעגיטימירטע מיידלעך האָבן געהאַט בײַ דעם אומגעוויינט-
לעכן חן, וואָס זיי האָבן אַלעמאָל בײַ פאַרוועניער.

פריילין פלאַוויצקאַ האָט קיין נדן נישט געהאַט — אַלנ-
פאַלס, זייער אַ נישטיקן — דאָס איז אמת. נעמענדיק אָבער זי,
האָט זיך מאשקאַ מיט דעם געזען באַפרייט פון אַלע התחייבותן,
וואָס ער האָט אויף זיך גענומען לגבי די פלאַוויצקיס, ווען ער
האָט געקויפט קושעמעי. שנית וואָלט ער, אַנשטאָט זיך אָן אַ
גוטער שלאַכטענער משפּחה, באַמיט זיך צו פאַרכאַפּן די גאַנצע
שלאַכטענע קליענטור — און דאָס אַליין וואָלט שוין געווען פאַר
אים אַ גענוג רעאַלער נוצן. לסוף וואָלט ער דורך מאַריניאַס
משפחה-פאַרבינדונגען געקענט מיט דער צייט איבערנעמען די גע-
שעפטן פון עטלעכע אָדער אַן ערך פון אַ צענדליק באמת פאַר-
מעגלעכע משפחות — וואָס דאָס איז פון לאַנג-אָן געווען דער ציל
פון זיינע באַמיונגען.

די פלאַוויצקיס, ווי בכלל עפעס מער, ווי מיטעלע דאָרפ-
משפחות, האָבן אפילו געהאַט אַזעלכע קרובים, וועלכע זיי האָבן
פאַרשוויגן, ס זענען אָבער געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן זי

פאַרשוויגן און דאָס נישט אַזוי אויס גאווה, ווי פון זיך אַליין, צו-
ליב אַ געוויסן געזעלשאַפט-צוקלויב, וואָס יעדער איינער זוכט זיך
זיינסגלייכן באַ די זעלבע לעבנס-באַדינגונגען. גרעסערע משפחה-
פייערלעכקייטן בינדן אָבער צונויף אויף אַ צייט אַזעלכע דערווייַ-
טערטע משפחות, און מאשקאָן איז נישט בלויז אָנגענעם געווען
צו טראַכטן וועגן דעם. אַז אויף זיין חתונה וואָלטן געווען מענטשן
פון פיין-קלינגענדיקע פאַמיליעס, נאָר ער האָט געזען דערין
פאַרשידענע מעגלעכע נוצן אויף להבא. עס וואָלט געווען בלויז
אַ געשיקטקייט צו געבן די מענטשן דעם געדאַנק, אַז עס וועט
זיין שיין פון זייער זייט און פאַר זיי אַליין גוט און פאַרזיכערט,
ווען זיי וועלן די געשעפטן זייערע איבערגעבן אַ מענטש, וואָס איז
באַקאַנט מיט זיין ענערגיע און וואָס איז דעריבער עפּעס מער,
ווי אַן אייגענער, מחמת אַ קרוב. דאָס וואָלט אָבער געווען אַ נדן,
וואָס זיי וואָלטן געקענט געבן נישט קיין רייכער קוזינע. מאשקאָ
האָט, אָפּמעסטנדיק די כּוחות זיינע, געגלייבט, אַז ער וואָלט געקענט
זיי אָנוואַרפן זיך און מיט דער צייט אויך באַהערשן. ער האָט גע-
ווּסט, אַז דער און יענער וועט פריער קומען זיך אַן עצה האַלטן,
אַזעלכע, וואָס מען קען פרעגן אין אַ שמועס מיט אַ באַקאַנטן, אָדער
מיט אַ ווייטן קרוב, וואָס קען זיך צופעליק אויף די זאַכן; שפּע-
טער, ווען די עצות וועלן זיך אויסווייזן פאַר גוטע, וועט ער קו-
מען אָפּטמאָל, ביז ער וועט לסוף זיך איינגאַנצן אָפּגעבן אין זיינע
הענט. אַזוי אַרום האָט ער, צוהעלפנדיק אַנדערע, געקענט אַרויס-
שווימען אויף ברייטע וואַסערן, מיט דער צייט אָפּרייניקן קושע-
מיען, קומען צו אַ באַדייטנד פאַרמעגן, אַוועקוואַרפן ענדלעך די
אַדוואָקאַטור, וואָס ער האָט נישט ליב געהאַט און וואָס ער האָט
געהאַלטן בלויז פאַר אַ מיטל צום ציל און ענדלעך זיך איינשטעלן
אין די הויכע געזעלשאַפטלעכע קרייזן, אַלס אַן אומאָפּהענגיקער
מענטש און דערביי אַלס פאָרשטייער פון גרעסערן פעסטן גיט-
באַזיצערישן שטאַנד.

דאָס אַלץ האָט ער פאָרויסגעזען, אויסגערעכנט און באַ-
חשבונט, איידער ער האָט באַשלאָסן זיך צו באַמיען וועגן פריילין
פלאַוויצקאַס האַנט.

ער האָט אָבער נישט פאַרגעסן איין זאַך, אַז ער וועט זיך אַזוי שטאַרק פאַרליבן, ווי ער האָט זיך פאַרליבט.

אַ ביסל האָט אים דאָס פאַרדראָסן, מחמת ער האָט געהאַלטן, אַז אַ צו שטאַרק געפיל האָט אין זיך עפּעס קעגנזעצלעכס צו דעם גלייכגעוויכט, וואָס אַ מענטש פון דער העכערער געזעלשאַפט דאַרף תמיד אָפּהיטן. דערדאָזיקער גלייכגעוויכט איז געווען איינס פון זיינע פאַלשע אילוזיעס. ווען ער זאָל אין דערדאָזיקער וועלט אַריין נישט דאַרפן זיך אַ־ייַנרייסן מיט כּוח, נאָר ווען ער זאָל געווען אין איר געבוירן ווערן, וואָלט ער זיך געווען דער־לויבט ליב האָבן, וויפיל זיין האַרץ גלוסט. נישט קוקנדיק אויף זיין גאַנצ ר געשיקטקייט, האָט ער נישט פאַרשטאַנען, אַז איינס פון די גרעסטע פּריווילעגיעס אויף דער וועלט, וואָס האַלט זיך פאַר פּריווילעגירט, איז פרייהייט. צוליב דעם איז ער נישט איינ־גאַנצן געווען צופרידן, ווען דאָס האַרץ פלעגט אים אין פריילין מאַריניאַס אָנוועזנהייט צעגיין. פון דער צווייטער זייט אָבער האָט דער ציל אַליין, צו וועלכן ער האָט געשטרעבט, זיך וואָס אַמאָל מער אידענטיפיצירט מיט דעם פּערזענלעכן גליק, וואָס האָט כּמעט געגרענעצט מיט פאַרשיכּורטקייט.

דאָס זענען געווען פאַר אים נייע זאַכן, אויף אַזוי פיל נייע, אַז די קלאָרקייט פון דידאָזיקע אומבאַוווסטע האַריזאָנטן האָט אים פאַרבלענדט. מאשקאָ האָט ביז דרייסיק יאָר נישט געוווסט, וואָס עס הייסט אַנטציקונג, איצט האָט ער פאַרשטאַנען, וויפיל רייך און גליק עס אַנטהאַלט אין זיך דאָס וואָרט, מחמת ער האָט מיט פריילין מאַריניאַן זיך אַנטציקט מיט דער גאַנצער נשמה. ווען עס פלעגט זיך מאַכן, אַז הער פלאַוויצקי האָט אים אויפגענומען בײַ זיך אין צימער און זי איז געווען אינם שכנותדיקן, איז מאַש־קאָ במחשבה געווען לעבן איר פּונקט אַזוי, אַז ער האָט קוים פאַרשטאַנען, וואָס הער פלאַוויצקי רעדט. ווען זי פלעגט אַריינגיין, האָבן זיך אין זיין האַרץ געעפנט אַזעלכע געפילן, וואָס ער האָט ביז אַהער נישט געקענט, אַזעלכע האַרציקע און ווייכע, וועלכע האָבן אים געמאַכט בעסער, ווי ער איז געווען ביז אַהער. זיינע בלויע אויגן האָבן געביטן דאַמאָלס זייער געוויינטלעכן שטאָלער־

נעם אין קאַלטן גלאַנץ אויף אַן אויסדרוק פון זיסקייט און צויבער, די פליעקן אויפן פּנים, וואָס האָבן דערמאָנט מיט זיך פּראָפעסאָר וואַסקאָווסקין, זענען געוואָרן נאָך שטאַרקער, די גאַנצע פיגור האָט פאַרלוירן דאָס אויסזען פון שטייפקייט, און ער האָט מיט די פינגער געפּלעגט זיינע טונקעלע באַקנבערד, נישט ווי אַן ענגלישער לאָרד, נאָר ווי אַ געוויינטלעכער פאַרליבטער בשר־ודם. ער האָט ענדלעך אויף אַזוי פיל זיך דערהויבן, אַז ער האָט נישט בלויז געוואָלט זיין טובה, נאָר אויך אירע, נישט פאַרשטייענדיק עס אַנדערש, ווי דורך זיך און אין זיך.

ער איז געווען אַזוי ווייט פאַרליבט, אַז אַן אָפּגעשטויסענער, וואָלט ער געקענט ווערן געפערלעך, בפרט נאָך זיין נישט אויסגעאיידלטע מאָראַל, באמת גרויסע ענערגיע און אַכזריות. ער האָט ביז אַהער קיינמאָל אַזוי נישט ליב געהאַט, און מאַריניאַ האָט די ערשטע דערוועקט אין אים אַלץ, וואָס איז מסוגל געווען ליב צו האָבן. זי איז נישט געווען קיין בילד־שיינהייט, זי האָט אָבער געהאַט אין זיך דעם גרעסטן פרויען־חן און אָט אָ די ווייבלעכקייט האָט גורם געווען, וואָס זי האָט דער עיקר צוגעצויגן צו זיך ענערגישע נאַטורן. אין אירע איידעלע ברוסטן איז געווען עפּעס פון אַ בליענדיק געוויקס; אַ פּנים האָט זי געהאַט אַ רויקס, אויגן דורכזיכטיקע און אַ ביסל תּאוהדיקע ליפּן — דאָס אַלץ צוזאַמען האָט אין דער ערשטער רגע נישט געמאַכט קיין גרויסן רושם, אָבער אין אַ ווילע אַרום האָט יעדער איינער, אַפילו דער גלייכגילטיקסטער מענטש, באַמערקט, אַז ס׳איז דאָ אין איר עפּעס אַזוינס, וואָס הייסט געדענקען, אַז דו האָסט פאַר זיך אַ פרוי, וועלכע וואָלט געקענט זיין געליבט.

איבעריקנס, אויב מאשקאָ האָט זיך נעפּילט און איז באמת געווען בעסער ווי אַלעמאָל אין דעם פּעריאָד פון זיין לעבן, איז מאַריניאַס גייסטיקער ניוואָ געוואָרן נידעריקער זינט די פּלאַוויצקיס האָבן זיך באַזעצט אין ווארשע. דאָס פאַרקויפן קזשעמיען — האָט בײַ איר צוגענומען איר אַרבעט און דעם מאָראַלישן יסוד פונעם לעבן. עס האָט איר אויסגעפּעלט אַ העכערער ציל. דערביי האָט דער גאַנג פון די געשעענישן אַנגעזאַמלט אין איר אַ סך עגמת־

נפש און ווידערווילן, וואָס וועלן תמיד זיצן אין הארץ. פרײַלין מאַריניאַ האָט עס אַליין אויסגעצייכנט געשפּילט און אין עטלעכע טעג אַרום, נאָך דעם אָונט, וואָס פּאַלאַניעצקי איז נישט געקומען, האָט זי די ערשטע אָנגעהויבן רעדן פון דעם מיט עמיליאַן, בשעת זיי זענען אין בין־השמשות־צייט געבליבן אויג אויף אויג אין זאַלעכל, וואָס האָט זיך געפונען אין שכנות מיט ליטקאַס צימער.

— איך זע דאָס — האָט זי געזאָגט — אַז מיר זענען נישט צווישן זיך אַזוי אויפריכטיק, ווי אַמאָל. כ׳האָב געוואָלט מיט דיר רעדן אָפן, כ׳האָב אָבער נישט געקענט זיך אַנטשליסן, ווייל עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך בין נישט ווערט דיין פריינטשאַפט.

פרוי עמיליאַ האָט אָבער צוגעלייגט איר זיס פּנים צו פרײַלין מאַריניאַס קאָפּ און אָנגעהויבן זי קושן אין שטערן:

— אַך, דו, מאַריניאַ, מאַריניאַ! וואָס רעדסטו? דו, וואָס ביסט אַזאַ באַרעכנטע און רויִקע?

— ווייל אין קושעמיען בין איך מער ווערט געווען, ווי אַצינד. ווייסט גאָרנישט, ווי צוגעבונדן איך בין געווען צו דעם ווינקל. איך בין גאַנצע טעג געווען פאַרנומען און געהאַט אין זיך עפּעס אַ מאָדנע האָפענונג, אַז מיט דער צייט וועט קומען עפּעס זייער אַ גליקלעכער. הייַנט איז דאָס אַלץ אַוועק, און כ׳קען זיך אַליין אין דעם וואַרשע נישט געפינען, און וואָס ערגער נאָך — מיין אַמאָליקע ערלעכקייט. כ׳האָב געזען, ווי דו האָסט זיך געחידושט, בשעת כ׳האָב זיך צוגעפּוצט צו הער מאַשקאָן. זאָג נישט, אַז דו האָסט עס נישט באַמערקט. מיינסט, אַז איך אַליין ווייס יאָ, פאַרוואָס כ׳האָב עס געטון? אפשר דערפאַר, וואָס כ׳בין ערגער, אפשר אויס כעס אויף זיך, אויף אים, אויף דער גאַנצער וועלט. כ׳האָב אים נישט ליב, כ׳וועל מיט אים נישט חתונה האָבן; כ׳טו עס דערפאַר נישט ערלעך און כ׳בין מיך מיט בושה מודה דעריגען, עס קומען אָבער מינוטן, ווען כ׳וואָלט עמעצן וועלן טון בכיוון אַן עוולה. דו דאַרפסט איבערייסן מיט מיר די אַמאָליקע

פריינטשאפט, ווייל איך בין באמת אַן אַנדערע, ווי איך בין גע־וועזן.

דאָ האָבן איבער מאַריניאַס פּנים זיך אָנגעהויבן קייקלען טרערן, צוליב וואָס פרוי עמיליאַ האָט זי נאָכמער געגומען שטאַרקן און באַרויקן; לסוף האָט זי אַ זאָג געטון:

— ס'איז קלאָר, אַז הער מאַשקאַ גיט זיך מי דיך צו האָבן און כ'מוז זיך מודה זיין, אַז כ'האָב געמיינט, דו האָסט בדעה אים אָנצונעמען. דיר וועל איך איצט זאָגן דעם אמת, אַז דאָס האָט מיר פאַרשאַפט עגמת־נפש, ווייל ער איז נישט פאַר דיר; ווייסנדיק אָבער, ווי ליב דו האָסט געהאַט קזשעמיען, האָב איך געמיינט, אַז דו ווילסט זיך אויף אַזאַ אופן אומקערן אַהין...

— אמת, תחילת יאָ! האָב איך געהאַט אַזאַ געדאַנק... כ'האָב זיך געוואָלט איינרעדן, אַז הער מאַשקאַ געפעלט מיר; איך האָב אים נישט געוואָלט אָפּשטויסן... גאַנגען איז מיר אין עפּעס אַנדערש, אָבער אויף אין קזשעמיען איז מיר געגאַנגען. דאָך האָב איך מיך נישט געקענט איבערצייגן. פאַר אַזאַ פּרייז וויל איך אפילו קזשעמיען אויך נישט, אָבער אין דעם טאַקע שטעקט די גאַנצע צרה. ווייל אויב אַזוי, וואָס־זשע פיר איך אַריין הער מאַשקאַן אין אַ טעות, וואָס נאַר איך אים? אויס פּשוטער אומ־ערלעכקייט...

— ס'איז נישט גוט, וואָס דו נאַרסט אים, אָבער דאַכט זיך, אַז איך ווייס פּינוואַנען דאָס נעמט זיך. פון אומווילן און פאַרדרוס אויף עמעצן אַנדערש — נישט אַזוי? טרייסט דיך אָבער מיט דעם, וואָס די צרה קען מען נאָך צוריקכאַפּן, מחמת דיין באַגיין זיך מיט מאַשקאַן קענסטו דאָך ענדערן פון מאָרגן אָן... מען דאַרף, מאַריניאַ, עס ענדערן, כּל־זמן ס'איז נאָך צייט, כּל־זמן ס'איז נאָך גאָרנישט צוגעזאָגט.

— איך ווייס, עמילקאַ, איך פאַרשטיי עס; זעסטו אָבער, ווען איך בין לעבן דיר און פיל, ווי פריער, ווי אַן ערלעך און אויפריכטיק מיידל, פאַרשטיי איך, אַז נישט בלויז אַ וואָרט, נאָר אויך אַ הצנדלונג איז מחייב...

— ווּעסטו אים זאָגן, אַז דו האָסט געוואָלט זיך אין אים

איבערצייגן און נישט געקענט, אַלנפֿאַלס איז דאָס דער איינציקער וועג...

ס'איז אַנטשטאַנען אַ ווײַלע פֿון שווייגן, מאַריניאַ אָבער און פֿרוי עמיליאַ האָבן געפֿילט, אַז זיי האָבן נאָך נישט אָנגעהויבן רעדן, וועגן דעם אין וועלכן, אויב נישט ביידע, איז עס לפּחות פֿרוי עמיליאַן געגאַנגען געוואָלטיק. געמענדיק עפּעס מאַריניאַן פֿאַר דער האַנט, האָט זי אַ זאָג געטון:

— איז, זיי זיך מודה, מאַריניאַ, אַז דו האָסט דיך צוגעפּוצט צו מאַשקאָן אויך אויס פֿאַרדרוס אויף הער סטאַניסלאַוון?

— אַזוי איז עס.

— הייסט עס דען נישט, אַז דער רושם פֿון זיין ערשטן מאָל קומען קיין קזשעמיען און פֿון אייערע ערשטע שמועסן זענען נאָך נישט אָפּגעמעקט געוואָרן?

— ס'וואָלט בעסער געווען, ווען ס'זאָל געווען זיך פֿאַרמעקן.

פֿרוי עמיליאַ האָט אָנגעהויבן איר גלעטן די טונקעלע האָר.

— ווערסט נישט גלייבן, סאַראַ גוטער, טיכטיקער און איידעלער מענטש דאָס איז. ער איז אונדזערס אַ שטיקל ידיד. ער האָט פֿון תּמיד אָן ליב געהאַט ליטקאָן, פֿאַרוואָס איך בין אים פֿון גאַנצן האַרץ דאַנקבאַר, ווייסט אָבער נישט, וואָסער הייס און וואַרעם געפֿיל אַפֿילו בלויז אַזאַ לייבלעכע פֿריינטשאַפֿט איז, אָבער אויך אין דעם פּרט איז ער אַן אויסנאַם. ווערסט גלייבן, אַז ווען ליטקאַ איז אין רייכנהאַל קראַנק געוואָרן, האָט ער אַראָפּגעבערענגט פֿון מינכן אַ באַרימטן דאָקטאָר, און נישט וועלנדיק אונדז אָנמאַכן קיין שרעק, האָט ער געזאָגט, אַז דער דאָקטאָר איז געקומען צו אַן אַנדערן קראַנקן און אַז מען דאַרף בלויז אויסנוצן די געלעגנהייט. דערמאָן זיך נאָר, סאַראַ זאָרגעוודיקייט און גוטסקייט. דאָס איז זייער אַ זיכערער מענטש, אויף וועלכן מען קען זיך שטיצן, אי אַן ענערגישער, אי אַן ערלעכער, ס'זענען פֿאַראַן אינטעליגענטע מענטשן, אָבער אָן ענערגיע; אַנדערע ווידער זענען ענערגיש, האָבן אָבער נישט קיין איידל האַרץ. ער פֿאַרמאָגט אין זיך אי דאָס ערשטע, אי דאָס צווייטע. כ'האָב דיר פֿאַרגעסן

צו זאָגן, אַז ווען מיט ליסקאַס פּאַרמעגן האָט געהאַלטן שמאָל און מיין מאַנס ברודער האָט זיך פאַרנומען עס מציל צו זיין, האָט ער די גרעסטע מיטהילף געפונען אין הער פּאָלאָניעצקין. ווען ליטקאַ זאָל זיין אַ דערוואַקסענע, וואָלט איך זי קיינעם אין דער וועלט מיט אַזאַ צוטרוי נישט אָפּגעגעבן, ווי אים. כ׳קען דיר ממש נישט אויסרעכענען, וויפיל גוטס ער האָט אונדז געטון.

— אויב אַזוי פיל, וויפיל מיר שלעכטס, איז עס זייער אַ סך.

— מאַריניאַ, ער האָט עס נישט געוואָלט. דו זאָלסט וויסן, וואָס ער ליידט צוליב זיין אומפאָרזיכטיקייט און ווי אויפריכטיק ער איז זיך מודה אין זיינע חטאים.

— ער האָט עס מיר אַליין געזאָגט — האָט געענטפערט מאַריניאַ — איך, עמילקאַ מיינע, האָב לאַנג וועגן דעם געטראַכט; דעם אמת גערעדט, האָב איך וועגן עפּעס אַנדערש נישט געטראַכט און כ׳האַלט, אַז ער האָט בנוגע מיר געזינדיקט. אין קושעמיען איז ער געווען צו מיר גוט, אַזוי ווייט גוט, אַז ס׳האָט זיך מיר געדאַכט... דיר אייבער וועל איך עס זאָגן, ווייל כ׳האָב עס דיר איבעריקנס שוין געשריבן, אַז דעם זונטיק אין אָוונט, וואָס ער האָט באַ אונדז פאַרבראַכט, האָב איך זיך געלייגט שלאָפן מיט אַן איבערפולטן קאָפּ און האַרץ, אַז ס׳איז מיר אַזש אַ בושה היינט צו רעדן פון דעם. און כ׳האָב געפילט, אַז נאָך אַ טאָג, נאָך אַ פריינטלעך וואָרט, און איך וועל אים ליב קריגן אויפן גאַנצן לעבן... ס׳האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ער האָט אויך... אויפצומאַרגנס איז ער אַוועקגעפאָרן אין כעס... שולדיק געווען איז אין דעם דער טאַטע, איך אויך, כ׳האָב עס פאַרשטאַנען, געדענקסט, וואָס פאַר אַ בריוו כ׳האָב דיר געשריבן קיין רייכנהאַל? זעסטו, דעמזעלבן צוטרוי, וואָס דו האָסט צו אים, האָב איך אויך... ער איז אַוועקגעפאָרן. כ׳ווייס אַליין נישט, פאַרוואָס כ׳האָב געמיינט, אַז ער וועט צוריקקומען אָדער שרייבן. נישט ער איז געקומען, נישט ער האָט געשריבן. עפּעס האָט מיר געזאָגט, אַז ער וועט קושעמיען נישט צונעמען באַ מיר — נישט צונעמען... און דערנאָך... איך ווייס, אַז מאַשקאַ האָט מיט אים גערעדט אָפן,

און ער האָט אים צוגעגעבן חשק און מבטיח געווען, אַז ער אַליין טראַכט וועגן גאָרנישט. . . אוי, מיין עמילקאַ. . . אויב דו ווילסט, האָט ער נישט געזינדיקט, אָבער וויפיל שלעכטס האָט ער מיר געטון! דורך אים האָב איך פאַרלוירן נישט בלויז דאָס באַליבטע ווינקל, וווּ איך האָב געאַרבעט, נאָר נאָך עפּעס אויך: די אמונה אין לעבן, אין מענטשן. . . אין דעם, אַז גוטע און איידעלע זאַכן געשעען אין לעבן די אויבערהאַנט איבער שלעכטע און פּלאַכע. . . און איך אַליין בין געוואָרן ערגער. איך זאָג דיר דעם אמת, אַז איך קען זיך נישט געפינען. ער האָט געהאַט רעכט אַזוי צו האַנדלען, ווי ער האָט געהאַנדלט? — גוט, איך זאָג עס אַליין און איך אָנערקען נישט די שולד. ער האָט אָבער, פאַרשטייסטו מיך, צעבראָכן אין מיר עפּעס אַ לעבנס־פּרוזשינע. און צו דעם איז קיין עצה נישטאָ, דאָס לאָזט זיך נישט פאַריכטן. וואָרים, ווי אַזוי דען? וואָס קומט מיר אַרויס פון דעם, וואָס שפּעטער איז אין אים פאָרגעקומען אַ שינוי, אַז ער באַדויערט דאָס, וואָס ער האָט אָפּגעטון. און אַז ער וואָלט אפילו גרייט געווען מיט מיר חתונה צו האָבן? וואָס קומט מיר אַרויס פון דעם, אַז איך, וואָס האָב אים כמעט ליב געהאַט, האָב איצט נישט נאָר אים נישט ליב, נאָר כ'מוז זיך פּשוט צופּיאָגן דעם עקל. דאָס איז ערגער, ווי כ'וואָלט געווען צו אים גלייכגילטיק. . . איך ווייס אין וואָס דיר גייט, אָבער דאָס לעבן קען מען דאָך בויען נאָר אויף ליבע, נישט אויף ווידערווילן. ווי קען איך אים געבן די האַנט מיט דעם פאַרדרוס אין דער נשמה און מיט דעם פאַריבל, וואָס דורך אים — יאָ שולדיק, נישט שולדיק — איז אַזוי פיל אַ תּל געוואָרן? דו מיינסט, אַז איך זע נישט זיינע מעלות, אָבער וואָס קען איך צו דעם טון, אַז וואָס מער איך זע, אַלץ מער שטויסט עס מיך אָפּ פון אים, און ווען כ'וואָלט באַדאַרפט קלייבן, וואָלט איך אויסגעקליבן הער מאשקאָן, כאָטש ער איז ווייניקער ווערט, ווי אַלץ, וואָס דו קענסט מיר וועגן אים זאָגן גוטס, בין איך מסכים, אויף אַלצדינג קען איך דיר אָבער ענטפערן: כ'האָב אים נישט ליב און וועל אים שוין קיינמאָל נישט ליב קריגן. . .

איצט זענען פרוי עמיליאַס אויגן פאַרלאָפן געוואָרן מיט טרערן.

— אָרימער הער סטאַך! — האָט זי אַ זאָג געטון, ווי צו זיך אַליין.

און אין אַ ווײַלע אַרום, האָט זי אַ פרעג געטון:

— און ער איז דיר גאָר קיין שאָד נישט?

— ער איז מיר אַ שאָד, בשעת איך טראַכט וועגן אַזעלכן, ווי ער איז געווען אין קזשעמיען, ער איז מיר אַ שאָד, בשעת איך זע אים נישט, אָבער מיט דער מינוט, וואָס איך דערזע אים, פיל איך צו אים בלויז... אַ מין אַנטיפּאַטיע.

— ווײַל דו ווייסט נישט, ווי אומגליקלעך ער איז שוין געווען אין רײַכנהאַל, און איצט איז ער נאָך אומגליקלעכער. ער האָט נישט קיינעם אין דער וועלט...

— ער האָט דײַן פרײַנטשאַפט און דאָס, וואָס ער האָט ליב ליטקאַן...

— מײַן מאַריניאַ, דאָס איז גאָר עפּעס אַנדערש. איך בין אים מיט דער גאַנצער נשמה דאַנקבאַר פאַר דער צוגעבונדנקייט צו ליטקאַן, אָבער דאָס איז גאָר עפּעס אַנדערש, דו פאַרשטייסט עס אַליין אויך, אַז ער האָט דיך ליב אַנדערש און הונדערט מאָל מערער פאַר ליטקאַן...

אין שטוב איז שוין געווען אינגאַנצן פינסטער, אָבער אין אַ ווײַלע אַרום האָט דער דינער אַרײַנגעברענגט דעם לאָמפּ און אַוועקשטעלנדיק אים אויפן טיש, איז ער אַרויס. בײַם דאַזיקן שײַן האָט פרוי עמיליאַ פלוצלינג באַמערקט עפּעס אַ ווײַסלעך געשטאַלט, וואָס איז געווען צונויפגעקנוילט אויף דער קושעטקע בײַ דער טיר, וואָס האָט געפירט אין קינדער-צימער אַרײַן.

— ווער איז עס דאָ? דו, ליטקאָ?

— איך, מאַמעשי.

אין איר שטים איז געווען עפּעס אומגעוויינטלעכס. פרוי עמיליאַ האָט זיך אויפגעהויבן און שנעל צוגעגאַנגען צו איר.

— ווען ביסטו אַרײַן אַהער? וואָס איז מיט דיר?

— עפּעס איז מיר טרויעריק און נישט גוט.

פרוי עמיליאַ האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף דער קושעטקע

און צוטולנדיק צו זיך דאָס מיידעלע, האָט זי באַמערקט טרערן אין אירע אויגן.

— ליטוש, וואָס וויינסטו עפּעס? וואָס איז דיר אַזוינס?

— עפּעס אַזוי טרויעריק, אַזוי טרויעריק!

און צוטוליענדיק דעם קאָפּ צו דער מוטערס אָרעם, האָט זי אָנגעהויבן וויינען. איר איז באמת געווען טרויעריק, מחמת זי האָט זיך דערוווסט, אַז „הער סטאַך" איז נאָך אומגליקלעכער, ווי אין רייכנהאַל און אַז ער האָט מאַריניאַן הונדערט מאָל ליבער פאַר איר.

דעמזעלבן אָוונט, ליגנדיק זיך שלאָפן, האָט זי זיך, שוין אינם בלויזן העמדל, אַרויסגעכאַפּט צו דער מוטערס אויער און אָנגעהויבן שעפּטשען:

— ווייל, מאַמעשי, איך האָב זייער אַ גרויסע עבירה אויפן געוויסן...

— מיין אָרימס געבע", וואָס קוועלט דיך אַזוי?

און זי האָט נאָך שטילער אַ שעפּטשע געטון:

— ווייל כ'האָב נישט ליב פריילין מאַריניאַן...

## XIII.

פרוי עמיליאַ מיט ליטקאַן, מאַריניאַ און צוזאַמען מיט דיי הער פלאַוויצקי, זענען געפאָרן צו די ביגעלס אויף מיטאָג אינם זומער-וווינונג, וואָס האָט זיך געפונען אין וואַלד, דריטהאַלבן שעה רייזע פון שטאָט. דער טאָג איז געווען אַ סעפּטעמבערדיקער, אַ לויטערער, פול מיט גלאַנציקע שפינוועבסן אין דער לופט און אויף די תבואה-פעלדער. אויף די ביימער האָט זיך נאָך געהאַלטן אַ גענוג פריש גרינס, ווי נישט ווי אָבער, צווישן די בלעטערדיקע יינג-וועלדלעך, האָט זיך אַרויסגעזען עפעס אַ מין פאָנטאַן אָדער געלע און רויטע בוקעטן. פריילין מאַריניאַ האָט דער בלאַסער און גאָלדענער האַרבסט דערמאָנט אָן די דאָרפס-אַרבעטן, אָן דעם ריח פון דער תבואה אויף די פליינען, אָן די פעלדער מיט שפע און דורכזעעוודיקע שטחים לאָנקע, וואָס זענען ערגעץ-ווייט פאַרענדיקט אויפן האָריזאָנט מיט פאַסן אָלכע. איר איז באַנגלעך געוואָרן נאָך דעם לעבן און רו, לגבי וועלכע די שטאָט, נישט-קוקנדיק אויף דער אַרבעט, וואָס זידט אין איר טאָג-טעגלעכן זיין,

אָבער וואָס מאַריניאַ איז נישט מסוגל געווען צו פילן, האָט זיך איר אויסגעוויזן פאַר אייטל און נישטיק.

זי האָט איצט געפילט, אַז דאָס לעבן, אין וועלכן זי האָט געפונען איר ווערט און איר פאַרדינסט, איז פאַר איר אויף אייביק פאַרלוירן, און ס'איז קיין שום אויסזיכט נישט געווען, וואָס זאָל עס קענען פאַרבייטן און דעקן דעם היזק. זי האָט אייגנטלעך זיך געקענט אומקערן, ווען זי זאָל ווערן פרוי מאשקאָ, אָבער שוין בײַ דעם געדאַנק אַליין האָט זיך דאָס האַרץ אירס פאַרגאָסן מיט עגמת-נפש און מאשקאָ מיט זיין גאַנצער וואַרשעווער זיכערקייט, מיט זיינע פלעקן און באַקנבערד, מיט זיין מאַלפּעווען אָן ענגלישן לאָרד, האָט בײַ איר אין די אויגן אויסגעזען עקל־האַפט. זי האָט קיינמאָל נישט געפילט קיין גרעסערע אַנטיפּאַטיע צו פּאָלאָניעצקין, וועלכער האָט בײַ איר צוגענומען קזשעמיען און איר אָנשטאָט דעם נאָך אונטערגערוקט מאשקאָן. מיט דעם האָט זי זיך אין דער רגע געמיאוסט — יענעם, האָט זיך איר געדאַכט, האָט זי פיינט.

זי האָט פאַר אירע אויגן געזען דאָס לעבן מיטן פאָטער צו־זאַמען אין וואַרשע, אָן אַ ציל, אָן אַרבעט, אָן אַן אידעאַל — מיט באַדויערן פאַרן עבר און מיט אַ פוסטקייט אין דער צוקונפט. צוליב דעם טאַקע, האָט דער לויטערער האַרבסטיקער טאָג, אַנ־שטאָט זי צו באַרויִקן, דורכגעדרונגען מיט טרויער און עגמת נפש איר נשמה.

דער וועג איז בכלל נישט געווען קיין פריילעכער, ליטקאַ איז געזעסן אָנגעכמורעט, ווייל „הער סטאַך” איז נישט געווען אין קאָטש. פרוי עמיליאַ ווידער האָט די גאַנצע איפּמערקזאַמקייט געווענדט אויף איר אויס מורא, צי איר מרה־שחורהדיקע שטי־מונג געפינט זיך נישט אין צוזאַמענהאַנג מיט איר געזונט-צושטאַנד. בלויז איין הער פּלאַוויצקי איז געווען אין אַ גוטער לוינע, דער־הויפּט אָנהייב וועג. פריִער, אין זיין פאַרקנעפּלטן סורדוט מיטן רויטן נאָגל־בלימל אין לעכל, אין זיין העלן פּאַלטאָ און מיט אָנ־געשפּיצטע ווי נאָדלען וואָנסעלעך, האָט ער זיך געפילט פּרעכטיק,

היות אָבער דער רעוומאַטיזם, וואָס פלעגט אים אַמאָל ווי טוּ-
זאַט אים איצט געלאָזט צורו צוליבן גוטן וועטער, איז ער אויך
געווען מונטער; שנית, איז אַנטקעגן איבער אים געזעסן אייגע פון
די שענסטע וואַרשעווער פרויען, וועלכע ער האָט געהאַלטן, אַז
זי וועט נישט בלייבן גלייכגילטיק צו אַזוי פיל שיינקייטן, לכל-
הפחות אויף אַזוי פיל, אַז זי וועט זיי באַמערקן און אָפּשאַצן. זי
זאָל ווייניקסטנס געווען זאָגן צו זיך: „אַ, סאַראַ באַריידעוודי-
קער מאַנספערשוין דאָס האָט אַמאָל געמוזט זיין!" — וואָלט זיך
הער פלאָוויצקי געווען באַנוגנט, אויפן ערגסטן פאַל, מיט אַזאַ
אָנערקענונג, וואָס איז חל אויפן עבר.

אין דער האָפנונג, איז ער באמת געווען לויבנסווערט, מחמת
איינס נאָכן אַנדערן, איז ער געווען דאָ פאַטעטיש און פאָטערלעך,
דאָ ווידער לצנותדיק; אַרויסגייענדיק פונם שטאַנדפונקט, אַז די
היינטיקע יוגנטלעכקייט קענען נישט זיין העפלעך בנוגע פרויען,
איז ער אין דער העפלעכקייט, וואָס ער האָט אָנגעווענדט לגבי
פרוי עמיליאַן, אַזש פאַרקראָכן צו מיטאָלאָגיע. וואָס איז אפילו אין
אַ געוויסער מאָס געווען באַרעכטיקט, מחמת ער האָט געקוקט אויף
איר, ווי אַ סאַטיר.

אָבער דאָס אַלץ איז אויפגענומען געוואָרן מיט אַ בלאַסן
שמייכל און מיט אַ צו קליינער אויפמערקזאַמקייט, האָט ער זיך
לסוף דערשראָקן און אָנגעהויבן רעדן וועגן עפּעס אַנדערש, דהיינו,
אַז, אַ דאַנק דער טאָכטערס פאַרבינדונגען, וועט ער זיך באַקענען
מיט דער „בורזשואַזיע", פון וואָס ער איז איבעריקנס געווען צו-
פרידן, מחמת ביז איצט האָט ער דערמאָנט מיט געזעלשאַפט גע-
זען בלויז אויף דער בינע, און אין לעבן מוז מען זיך דאָך צו-
גויפטרעפן מיט כל-המינים מענטשן, מחמת מען קען דאָך פון אַלע-
מען זיך עפּעס אָפּלערנען. ער האָט לסוף צוגעגעבן, אַז ס'איז דער
חוב פון אַ טייל קרייזן נישט אָפּצושטויסן פון זיך מענטשן, נאָר
פאַרקערט, צוטוליען זיי, כדי אויף אַזאַ אופן איינצופלאַנצן אין זיי
געזונטע פּרינציפּן, דעריבער וועט ער אויך, ווי ער האָט זיך תמיד
באַמיט צו דערפילן געזעלשאַפטלעכע חובות, נישט אָפּהאַלטן זיך
פונם דאָזיקן שליחות. דאָ האָט דער אייטעלער אויסדרוק פון זיין

געזיכט באַקומען אַן אויסזען פון אַ מין מרה־שחורה, און אַזוי איז מען צוגעפאָרן צו די ביגעלס ווילע.

זי איז געשטאַנען אין אַן אמתן סאָסנאָווע וואַלד, בשכנות מיט אַנדערע, צווישן אַלטע סאָסנעס, וואָס זענען ערטערווייז געווען אויסגעהאַקט, ערטערווייז געבליבן שטיין אין קופּקעלעך צו עטלעכע אָדער צענדליקער. ס׳האָט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן זיך חידושן, וואָס עס טוט צווישן זיי, צווישן דער אַמאָליקער וואַלד־שטילקייט, אַזאַ פריש הויז. זיי האָבן עס אָבער גאַסטפריינטלעך פאַרשטעלט פאַרן ווינט, און די שיינע טעג אָבער, האָבן זיי עס אַרומגערינגלט מיט באַלזאַם־לופט, וואָס איז דורכגעזאַפּט מיטן ריח פון נאָדלען און זשיוויצע.

די ביגעלס, צוזאַמען מיט דער טשערעדע קינדער, זענען אַרויס באַגעגענען די געסט. די פרוי ביגעל, וואָס האָט מאַריניאַן זייער ליב געהאַט, האָט זי באַגריסט מיט גרויס האַרציקייט, ווײַלנדיק זי אַ חוץ דעם מיט דעם איינגעמען פאַר פאַלאַניעצקיס וועגן. מחמת זי האָט די זאַך אויסגעטייטשט אַזוי, אַז וואָס מער פריילין מאַריניאַ וועט זען, ווי גוט עס וואָלט איר געקענט זיין צווישן זיי, אַלץ ווייניקער שווערקייטן וועט זי מאַכן. הער פּלאַוויצקי, וואָס האָט, בשעת דעם ערשטן מאָל זיין מיט מאַריניאַן אין וואַרשע, באַקענענדיק זיך מיט די ביגעלס בײַ פרוי עמיליאַ, זיך באַנוגנט בלויז מיט איבערלאָזן בײַ זיי וויזיטקאַרטן, האָט זיך איצט אַרויסגעוויזן פאַר אַ גנעדיקן פירשט, ווי עס האָט זיך געקענט אויסווייזן, נאָר זייער אַן עלעגאַנטן מאַן, וואָס דערפילט דאָס שליחות פון צוטוליען די „בורזשואַזיע". די פרוי ביגעל האָט ער אַ קוש געטון אין דער האַנט, ביגעלן ווידער האָט ער געזאָגט מיט גרויס מוטיקער גוטסקייט:

— הייַנטיקע צייטן איז יעדן איינעם אָנגענעם זיך צו געפינען אונטערן דאַך פון אַ מענטש, ווי איר זענט, און נאָכמער מיר, קוים איז מיין קוזין פאַלאַניעצקי אַוועק אויפן וועג פון מסחר און איז אייער שותף.

— פאַלאַניעצקי איז אַ וויכטיקער מענטש — האָט מיט

כּשטות אַ זאָג געטון ביגעל, ווריקנדיק הער פּלאַוויצקיס האַנט אין דער הענטשקע.

די דאַמען זענען אויף אַ ווײַלע אַרײַן אין הויז אַראָפּצונעמען די הוטן, און דערנאָך, היות ס׳איז געווען אײַנגאַנצן וואַרעם, זענען זיי צוריק אַרויס אויף דער וואַרענדע.

— און הער פּאַלאָניעצקי איז נאָך נישטאָ? — האָט אַ פרעג געטון פרוי עמיליאַ.

— הער סטאַניסלאַוו איז דאָ פון דער פרי אָן. — האָט געענטפערט די פרוי ביגעל — אָבער ער איז אַוועק באַזוכן פרוי קרעסלאָווסקאַ, ס׳איז דאָ גאָלד דערלעבן — האָט זי צוגעגעבן, ווענדנדיק זיך צו מאַריניאַן — ס׳איז אַפילו קיין האַלבע וויאָרסט נישט... דאָ איז אומעטום פול מיט זומערוווינונגען, און די דאַמען זענען אונדזערע אינטימסטע שכנים.

— איך געדענק פריילין טערקאַ קרעסלאָווסקאַ פון קאַרנאַוואַל — האָט געענטפערט מאַריניאַ — זי איז שטענדיק געווען זייער אַ בלאַסע.

— אָ, זי איז זייער אָנעמיש. דעם פאָריקן ווינטער האָט זי פאַרברענגט אין פּאַריז.

בינו־לבינו האָבן די קלײנע ביגעלעך, וואָס האָבן ליטקאַן ליב געהאַט דאָס לעבן, אַרויסגעשלעפּט זי פון הויז זיך שפּילן. די מיידלעך האָבן איר געוויזן זייערע גערטלעך, וואָס זיי האָבן זיך געמאַכט אויפן זאַמד צווישן די סאָסנעס, און וועלכע ס׳האָט אָבער גאָרנישט געוואָלט וואַקסן. דאָס באַקוקן איז אַלע רגע איבערגעריסן געוואָרן מצד די מיידלעך דורך שטעלן זיך אויף די פינגער און קושן ליטקאַס בעקלעך, וועלכע האָט, אײַנבייגנדיק איר בלאָנד־שיין קעפּל, מיט גרויס האַרציקייט זיי צוריקגעקושט.

די ייִנגלעך האָבן אָבער אויך געוואָלט האָבן אַ חלק. האָבן זיי קודם־כּל אַ תּל געמאַכט פון די געאָרגינעס, וואָס זענען געוואַקסן אונטערן הויז, אויסגעקליבן פאַר ליטקאַן די שענסטע, דערנאָך האָבן זיי זיך געקריגט וועגן דעם, אין וואָס ליטקאַ האָט צום ליבסטן זיך צו שפּילן און זענען אַוועק זיך לאָדן צו פרוי

עמיליאַן. עדושיאַ, וואָס האָט געהאַט אַ טבע צו רעדן זייער הויך, און דערביי פאַרמאַכן די אויגן, האָט אָנגעהויבן שרייען:

— איך זאָג, מאַדאַם, אַז זי האָט צומייסטן ליב סערסאָ, מיר ווייסן אָבער נישט, צי איר וועט דערלויבן סערסאָ.

— אַבי זי זאָל נישט לויפן, ווייל דאָס שאַדט איר.

— ניין, מאַדאַם. מיר וועלן אַזוי וואַרפן, אַז אַלע רעדעלעך זאָלן גלייך קומען צו איר, וועט זי דאַמאָלס גאָרנישט לויפן, און אויב יוזשאָ קען נישט, זאָל ער וואַרפן צו עמיצן אַנדערש.

— איך וויל צו איר — האָט יאָמערדיק געענטפערט יוזשאָ.

און בײַ דעם געדאַנק, אַז מען וויל בײַ אים אָפּנעמען זיין פאַרגעניגן, האָבן זיינע ליפן באַקומען דאָס אויסזען פון פאָרקוועלעך און אָנגעהויבן ציטערן. ליטקאַ אָבער איז פאַרלאָפן פאָרויס דעם אויסברוך פון באַקלאָגן זיך, זאָגנדיק:

— און איך, יוזשאָ, וועל וואַרפן צו דיר, איך וועל זייער אָפט צו דיר וואַרפן.

און יוזשאָס פייכטע אויגן האָבן תיכף אָנגעהויבן צו שמייכלען.

— זיי וועלן איר נישט טון קיין עוולה — האָט אַ זאָג געטון ביגעל צו פרוי עמיליאַ. — אַ מאָדנע זאַך: די יונגען זענען לאָבוזעס, אַז ס'איז אַ שרעק, און מיט איר זענען זיי געוואַלטיק פאָרזיכטיק! דאָס האָט פּאַלאַניעצקי אין זיי איינגעפלאַנצט דעם קולט צו איר.

— אַזעלכע ליבע קינדער, אַז ס'איז צו זוכן! — האָט געענטפערט פרוי עמיליאַ.

די קינדער האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אין אַ קופּקעלע, כדי פונאַנדערצוטיילן צווישן זיך די רעדלעך און שטעקלעך. אינדערמיט קופּקעלע איז געשטאַנען ליטקאַ, די עלטסטע און די העכסטע פון אַלע, און הגם די ביגעלעך זענען לעולם געווען שיין, האָט זי אָבער מיט איר זיס און פּאַטעטיש פּנימל, מיט כמעט צו איידעלע שטריכן, אויסגעזען צווישן די אָנגעבלאָזענע און האַרטע

פנימלעך, ווי עפּעס אַ וועזן פון גאָר אַן אַנדערן פּלאַנעט. די ערשטע האָט פרוי ביגעל געמאַכט דערויף אויפמערקזאַם.

— זעט נאָר — האָט זי אַ זאָג געטון — איז עס נישט אַן אמתע פּרינצעסין? באמת, כ'קען מיך קיינמאָל נישט זאַט אָנקוקן זי.

— ס'איז עפּעס אַזאַ איידלס — האָט צוגעגעבן ביגעל.

און פרוי עמיליאַ האָט געקוקט אויף איר בת-יחידהלע מיט אַ בליק, אין וועלכן ס'איז געווען מער ווי ליבע. די קינדער זענען זיך איצט צעלאָפן און צעשטעלט זיך אין אַ גרויס ראָד' מאַכנדיק אויפן גרויען פאָן פון די נאָדלען פלעריי קאַלירן-פלעקן און האָבן אונטער די ריזיקע סאָסנעס אויסגעזען אַזוי קליין, ווי קאָלירטע שוואָמען.

פריילין מאַריניאַ איז אַראָפּגעגאַנגען פון דער וואַרענדע און זיך אַנידערגעשטעלט לעבן ליטקאַן, כדי איר צוצוהעלפן כאַפּן די רעדעלעך, אונטער וועלכע מען האָט געמוזט אַרונטערלויפן, און אַזוי אַרום זי אָפּהיטן פון פאַרמאַטערן זיך.

די אותו-רגע האָט אויפן ברייטן וואַלד-וועג, וואָס פירט צו דער ווילע, זיך באַוויזן פּאַלאַניעצקי. די קינדער האָבן אים בשעת-מעשה נישט באַמערקט, ער האָט אָבער אַרומגעכאַפּט מיט אַ בליק די וואַרענדע, דעם הויף, און דערזעענדיק מאַריניאַס העל קלייד אונטער דער סאָסנע, האָט ער אָנגעהויבן גיין שנעלער. ליטקאַ, וואָס האָט געוווסט, אַז די מוטער באַאומרויקט זיך וועגן איר יעדער באַוועגונג, האָט, נישט וועלנדיק פאַר קיין זאַך אין דער וועלט אָנטון דער מוטער קיין עגמת-נפש, זיך געשטעלט מיט די קני באַזאַמען, נישט רירנדיק זיך כמעט פון אָרט און כאַפּנדיק אויפן שטעקעלע בלויז די רעדעלעך, וואָס זענען גלייך אַרויפגעפאַלן אויף איר, פריילין מאַריניאַ ווידער איז געלאָפן כאַפּן אַלע איבעריקע. צוליב דעם לויפן האָבן די האָר אירע פון מינוט צו מינוט אַלץ מער זיך צעלאָזן, אַז זי האָט געמוזט זיי פאַריכטן כסדר, און בשעת פּאַלאַניעצקי איז אַריין אין טויער, איז זי גראָד געשטאַנען אַ ביסל אַרונטערגעבויגן אויף צוריק, מיט אויפגעהויבענע הענט צום קאָפּ.

ער האָט נישט פון איר אַראָפּגעלאָזט קיין אויג און האָט בלויז זי איינגעזען: זי האָט אויף דער ברייטער טעראַסע אויסגעוויזן אים יינגער און קלענער ווי אַלעמאָל, און דערביי אַזוי מיידליש, אַזוי אומגעהייער צוציענדיק, אַזוי באַשאַפן צו דעם, מען זאָל זי אַרומנעמען מיט די הענט און צודריקן צו דער ברוסט, ווי אַ פרוי און ווי דאָס טייערסטע באַשעפעניש אין דער וועלט, אַז ער האָט קיינמאָל נאָך ביז אַהער נישט געפילט אַזוי שטאַרק, ווי ליב ער האָט זי שוין.

דערזעענדיק אים, האָבן די קינדער אַוועקגעוואָרפן די רעדעלעך און די שטעקעלעך און זיך אַ לאָז געטאָן מיט קולות אים אַנטקעגן. דאָס שפּיל האָט זיך איבערגעריסן. ליזקאַ איז די ערשטע רגע אַפילו צו אים צוגעשפּרונגען, אָבער פלוצלינג זיך אָפּגעהאַלטן און מיט גרויסע אויגן אָנגעהויבן קוקן דאָ אויף פּאָלאָניעצקין, דאָ אויף מאַריניאַן.

— און דו לויפסט גאָרנישט באַגריסן הער פּאָלאָניעצקי? — האָט אַ פרעג געטון פריילין מאַריניאַ.

— ניין...

— פאַרוואָס, ליטוש?

— ווייל...

און אירע בעקלעך זענען אַ ביסל רויט געוואָרן, הגם דאָס קינד, נעבעך, האָט נישט געקענט, אָדער נישט געוואַגט אַרויסצוזאָגן דעם געדאַנק, וואָס עס וואָלט געקענט זיך אויסדריקן אין אָט די ווערטער:

— ווייל ער האָט נישט מיך צומייניסטן ליב, נאָר דיך, און קוקט נאָר אויף דיר.

ער ווידער האָט זיך דערבינטערט, אָפּיאָגנדיק זיך פון די קינדער און חזרנדיק פאַר זיי:

— הענגט איך נישט אָן, שנעקעס, ווייל כ'וועל אייך אומוואַרפן!

און ער האָט אויסגעצויגן זיין האַנט צו מאַריניאַן, קוקנדיק איר אין די אויגן אַריין מיט בקשה, זי זאָל טון אַ פריינטלעכן שמייכל, זי זאָל כאָטש אַ האָר ווייניקער גלייכגילטיק ווי אַלעמאָל

אים באַגריסן — דערנאָך ערשט האָט ער זיך געווענדעט צו ליט-קאָן:

— איז דאָס טייערע קעצעלע געזונט?

זי ווידער, פאַרגעסנדיק אין זיין אַנוועזנהייט און אונטער דער ווירקונג פון זיין שטים וועגן די אַלע יסורים פון איר קליין הערצעלע, האָט אים דערלאַנגט ביידע הענט און אַ זאָג גע-טאָן:

— יאָ, געזונט, נעכטן איז הער סטאַך נישט געקומען צו אינדז, איז געווען אומעטיק, איצט וועל איך אייך אַריינפירן צו דער מאַמען אויף אַ משפּט.

און אין אַ ווײַלע אַרום האָבן זיך אַלע שוין געפונען אויף דער וואַרענדע.

— וואָס מאַכן די קרעסלאַווסקיס? — האָט אַ פרעג געטון פ״וי עמיליאַ.

— זיי זענען געזונט און קלויבן זיך נאָכמיטאָג אַהערצו-קומען — האָט געענטפערט פּאָלאַניעצקי.

הארט פאַרן מיטאָג איז געקומען צו פאַרן פּראָפעסאָר וואַס-קאָווסקי און מיטגעברענגט מיט זיך בוקאַצקין, וואָס איז אַ טאָג פריער געהאַט געקומען פון וואַרשע. זיינע באַגעגענישן מיט די ביגעלס האָבן אים דערלויבט צוריקצוקומען נישט פאַרבעטענער-הייט און פרוי עמיליאַס אַנוועזנהייט דערצו איז פאַר אים געווען אַ צו גרויסער נסיון, אַז ער זאָל אים קענען ביישטיין. איבעריקנס, האָט ער זיך באַגריסט מיט איר אָן אַ שפּור פון סענטימענט, אויף אַ שפּאַסיקן אופן, ווי תמיד; זי ווידער האָט אים גערן געזען, ווייל ער פלעגט זי ווײַלן מיטן אָריגינעלן און מאָדנעם אופן פון אויס-דריקן זיינע געדאַנקען.

— איר האָט געוואָלט פאַרן קיין מינכן און קיין איטאַ-ליע? — האָט זי אים אַ פרעג געטון, ווען זיי האָבן זיך געזעצט צום טיש.

— יאָ, מאַדאַם — האָט ער געענטפערט — איך האָב אָבער פאַרגעסן אין וואַרשע דאָס מעסערל, כדי צו שניידן בלעטלעך אין וועג, בין איך נאָכדעם צוריקגעקומען.

— אָ, דאָס איז זייער אַ וויכטיקער טעם.

— ס'האָט מיך אַלעמאָל געאַרט, וואָס מענטשן טון אַלץ אויס וויכטיקע טעמים. וואָס פאַר אַ פּריוו̇ילעגיע האָבן עס וויכ־טיקע טעמים דען, אַז יעדער איינער זאָל זיך מוזן צו זיי צו־פּאַסן? איבעריקנס, האָב איך נישטווילנדיק אָפּגעטון מיט איינעם, אַ פּריינט מיינעם, אַ חסד־של־אמת, מחמת כ'בין נעכטן תּיכף געווען אויף ליסאָוויטשעס לוויה.

— דאָס איז דער, אַזאַ קליינער, דאַרער ספּאָרטמאַן? — האָט אַ פרעג געטון ביגעל.

— דער — האָט געענטפערט בוקאָצקי — שמעלט אייך פּאָר, אַז כ'קען ביז איצט זיך נישט אָנחידושן, ווי אַ מענטש, וואָס האָט אַ גאַנץ לעבן געטריבן לצנות, האָט געקענט זיך פּאַרגינען אַזאַ זאַך, ווי שטאַרבן. כ'דערקען ממש נישט מיין ליסאָוויטשן! אויף טריט און שריט אַנטוישט זיך אַ מענטש.

— אָבער — האָט אַ זאָג געטון פּאַלאַניעצקי — די קרעס־לאָווסקיס האָבן מיר דערציילט, אַז פּלאַשאָווסקי, דער, אין וועלכן אַלע פרויען אין וואַרשע האָבן זיך איינגעליבט, האָט זיך געשאָסן אין סיים.

— ס'איז מיינס אַ קרוב — האָט געענטפערט הער פּלאַ־וויצקי.

די ידיעה האָט אָבער דער עיקר אויפגערעגט פרוי עמי־ליאַן. פּלאַשאָווסקין אַליין האָט זי כמעט נישט געקענט, זי האָט אָבער עטלעכע מאָל אין לעבן געזען איר מומען, וואָס איר מאַנס עלטערער ברודער איז, נאָכן פּאַרלירן זיין גאַנץ גרויס אייגנס, גע־וואָרן בײַ איר פּלעניפּאָטענט. זי האָט אויך געוווסט וועגן דער בלינדער צוגעבונדנקייט פון דער מומען צו איר ברודערס זון.

— מיין גאָט, סאַר אַן אומגליק! — האָט זי אַ זאָג געטון — צי איז עס גאָר אמת? אַ יונגער מענטש, אַזאַ פעיקער, אַזאַ רייכער... אָרימע פריילין פּלאַשאָווסקאַ נעבעך.

— און סאַראַ גרויס פּאַרמעגן עס פּאַרבלייבט אָן אַ יורש — האָט געענטפערט ביגעל, — איך קען דאָרט די ענינים, ווייל ס'איז

לעבן וואַרשע. די אַלטע פריילין פּלאַשאַווסקאַ האָט געהאַט צוויי קרובים: פרוי קראַמיצקאַן — כאָטש זי איז געווען אַ ווייטערע — און לעאָן פּלאַשאַווסקין, וואָס איז געווען דער באַנטסטער. איצט זענען זיי שוין ביידע טויט.

דידאַזיקע ווערטער האָבן ווידער געריררט הער פּלאַוויצקין. ער איז טאַקע געווען פריילין פּלאַשאַווסקאַס עפּעס אַ ווייטער קרוב און האָט זי אפילו געהאַט געזען אַמאָל צוויי, צי דריי אין לעבן, ס'איז אים אָבער פאַרבליבן נאָך איר בלויז אַ געפיל עפּעס פון פּחד, מחמת זי האָט יעדער מאָל אַרויסגעזאָגט אים דעם גאַנצן ביטערן אמת, אָדער פּשוט גערעדט, יעדעס מאָל אים אויסגעזידלט, וויפיל ס'איז אין אים באַר אַריין, צוליב דעם האָט ער אין זיין ווייטערדיק לעבן אויסגעמיטן זי אַלעמאָל, ווי ווייט מעגלעך, און אַלע באַציִונגען צווישן זיי זענען איבערגעריסן געוואָרן, הגם ער האָט ליב געהאַט פאַר דער וועלט באַ אַ געלעגנהייט אַרייגצוּוואַרפן אַ וואָרט וועגן זיין קרובהשאַפט מיט אַזאַ באַוווסטער און רייכער משפּחה. ער האָט אָנגעקערט צו דער גרויסער צאָל באַ אונדז קאַטעגאָריע מענטשן, וועלכע זענען איבערצייגט, אַז דער אייבער־שטער האָט פאַר זיי בכיוון געשאַפן דעם לייכטן וועג, צו דערגרייכן אַ פאַרמעגן דורך ירושה, און וועלכע האַלטן יעדע האָפנונג אין דעם פּרט פאַר אַ זיכערע זאַך. ער האָט דעריבער פייערלעך אַ קוק געטון אויף דער פאַרזאַמלונג און אַ זאָג געטון:

— אפשר איז טאַקע פון הימל באַשערט, אַז דאָס פאַרמעגן זאָל אַריבערגיין צו אַנדערע, וואָס וועלן עס בעסער קענען פאַר־ווענדן.

און פּאַלאַניעצקי האָט אַ זאָג געטון:

— איך האָב פּלאַשאַווסקין דאָס ערשטע מאָל געטראָפן אין אויסלאַנד און ער האָט געמאַכט אויף מיר אַן איינדרוק פון גאָר־נישט קיין פּשוטן מענטש, איך דערמאַן זיך אָן אים אויסגע־צייכנט.

— ער זאָל האָבן געווען אַזאַ ווילער און סימפּאַטישער — האָט צוגעגעבן פרוי ביגעל.

— זאָל דער אייבערשטער טון מיט אים חסד — האָט אַ

זאָג געטון פּראָפעסאָר וואַסקאָווסקי — איך האָב אים אויך נישט געקענט; דאָס איז געווען אַן אמתער אַריער!

— אַן אָזאָריער — האָט זיך אָפּגערופן הער פּלאַוויצ-קי.

— אַן אַריער — האָט איבערגעחזרט דער פּראָפעסאָר.

— אַן אָזאָריער... — האָט אים פאַריכט און מיט ווירדע אונטערגעשטראָכן הער פּלאַוויצקי.

ביידע עלטערע לייט האָבן אָנגעהויבן קוקן אויף זיך מיט פאַרווונדערונג, נישט וויסנדיק, וואָס זיי ווילן איינער פונעם אַנדערן, צו בוקאַצקיס גרויס פרייד, וואָס האָט אָנגעטון דעם מאָנאָקל זיי-נעם און אַ זאָג געטון:

— ווי אַזוי-זשע: אַן אַריער, צי אַן אָזאָריער?

אַ סוף צו דעם מיספאַרשטענדניש האָט געמאַכט פּאַלאָניעצקי, וואָס האָט דערקלערט, אַז אָזאָריע איז דער נאָמען פון דער משפּחה פּלאַשאַווסקיס הערב און מען קען דעריבער זיין גלייכ-צייטיק אַן אַריער און אַן אָזאָריער, מיט וואָס הער פּלאַוויצקי האָט נישט געקענט מסכּים געווען, מאַכנדיק דורך-אגב אַ באַמערקונג, אַז ווער עס האָט אַ פיינע פאַמיליע, דער דאַרף זיך נישט שעמען מיט איר, אָדער זי איבערדרייען.

בוקאַצקי ווידער האָט, זיך ווענדנדיק צו פרוי עמיליאַן, אָנגעהויבן רעדן מיט זיין געוויינטלעכן קאַלטן טאָן:

— אַן אייבאונאייבציקן זעלבסטמאָרד האַלט איך פאַר באַ-רעכטיקט, דאָס איז אַ זעלבסטמאָרד אויס ליבע, און זיך רעד זיך אַן צו דעם שוין פון עטלעכע יאָר אַן — אָבער אַלץ אומ-זיסט.

— מען זאָגט, אַז זעלבסטמאָרד, דאָס איז פּחדנות — האָט אַרייַנגעוואָרפן מאַריניאַ.

— נעם איך זיך טאַקע נישט דעריבער דאָס לעבן אויס צו-פיל דרייסטקייט.

ביגעל אָבער האָט זיך אָפּגערופן:

— לאָמיר רעדן בעסער וועגן לעבן, נישט וועגן טויט און

הענן דעם, וואָס עס איז דאָס בעסטע דערינען, כ׳מיין דאָס געזונט.
פאַר פרוי עמיליאַס געזונט!

— און ליטקאַס! — האָט צוגעגעבן פּאָלאַניעצקי.

דערנאָך האָט ער זיך געווענדעט צו פרייליין מאַרינִיאַ:

— פאַרן געזונט פון אַלע אַנדערע געמיינזאַמע פריינ־דינס!

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן. — האָט געענטפערט פרייליין מאַריניאַ.

ער ווידער האָט נידעריקער געמאַכט די שטים און ווייטער גערעדט:

— זעט איר, איך האַלט זיי נישט נאָר פאַר מיינע פריינ־דינס, נאָר אויך... ווי זאָל איך עס זאָגן? פאַר די קעמפּפעריגס. ליטקאַ איז נאָך אַ קינד, אָבער פרוי עמיליאַ ווייסט דאָך, ווענען צו שענקען איר פריינטשאַפט. ווען עמעץ זאָל האָבן דעריבער צו מיר אַ פאָראורטייל, מעג עס זיין אַ גערעכטער, ווען כ׳זאָל זיך מיט אים באַגיין, נישט ווי כ׳האָב באַדאַרפט, נאָר פשוט שלעכט — און ווען יעגער זאָל זען, אַז איך פייניק זיך דערוועגן, וואָלט מען זיך באַדאַרפט אַ טראַכט טון, אַז איך בין פאָרט נישט דאָס פּסולת פון אַלע מענטשן, קוים איז פרוי עמיליאַ צו מיר אַזוי ווויל געניגט.

פרייליין מאַריניאַ האָט זיך צעמישט, אָבער ער איז איר תּיכּף אַ שאָד געוואָרן; ער ווידער האָט נאָך שטילער געענט־פערט:

— און איך פייניק זיך טאַקע באמת! מיר גייט דערינען זייער, זייער שטאַרק.

איידער זי האָט געענטפערט, האָט הער פּלאַוויצקי אַ גע־שריי געטון „פאַר פרוי ביגעלס געזונט“ און געהאַלטן דערביי אַ גאַנצע דרשה, וואָס דער אינהאַלט אירער איז געווען, אַז די קע־ניגין פון אַלע באַשעפעניש איז אייגנטלעך די פרוי, דעריבער דאַרפן פאַר דער פרוי אַלס קעניגין זיך בייגן אַלע קעפּ, און צו־ליב דעם האָט ער דער ערשטער זיין גאַנץ לעבן געבויגן דעם

קאָפּ פאַר אַלע פרויען בכלל, און איצט ביִיגט ער אים פאַר פרוי ביגעל בפרט.

פּאַלאַניעצקי האָט אים אין האַרצן געוואונטשן, ער זאָל זיך דערוועגן, מחמת ער האָט געפילט, אַז ער וואָלט געוועזן געקענט האָבן עפּעס אַ גוט וואָרט פון פריילין מאַריניאַ, דיזאָזיקע מינוט איז אָבער פאַרביי, גראָד איז מאַריניאַ צוגעגאַנגען אַרומצונעמען פרוי ביגעל און צוריקקומענדיק, האָט זי מער נישט אָנגעהויבן דעם פריערדיקן שמועס, ער ווידער האָט נישט געוואָגט זי צו פרעגן גלייך אַ תשובה.

תיכּף באַלד נאָכן פאַרענדיקן דאָס מיטאָג זענען געקומען צו פאָרן די קרעסלאָווסקיס: די מוטער, אַ פרוי פון אַ יאָר פופציק, אַ לע־בעדיקע, האָפּערדיקע, רעדעוודיקע, און אַ מיידל, דער היפּך פון די מוטער, אַ שטייפע, טרוקענע, קאַלטע, וואָס האָט אַרויסגערעדט „יע" אַנשטאָט „יאָ" אָבער דערביי מיט אַ גאַנץ שיין געזיכט, הגם אַ בלאַס, וואָס האָט דערמאָנט אַ ביסל די פּנימער פון די האָל־ביינישע מאַדאָנעס.

פּאַלאַניעצקי האָט פול מיט כּעס זי אָנגעהויבן צו ווייזן. קוקנדיק אָבער פון צייט-צו-צייט אויף מאַריניאַס פריש געזיכט און בלויע אויגן, האָט ער זיך אין האַרץ געזאָגט: „זאָלסט עס כאָטש איין גוט וואָרט געבן! דו... דו אומבּרחמנותדיקע"...

און ער איז וואָס אַמאָל מער אין כּעס געוואָרן. און ווען פריילין קרעסלאָווסקאַ האָט אַרויסגעזאָגט איינמאָל: „מעמע" אַנשטאָט „מאַמע" האָט ער זי שאַרף אַ פרעג געטון:

— ווער אַזוינס?

„מעמע" אָבער האָט אָנגעהויבן אַרויסצולייגן דאָס גאַנצע פּנקל ידיעות, אָדער ריכטיקער, השערות, וואָס זי האָט פאַרמאָגט וועגן פּלאַשאָווסקיס זעלבסטמאָרד.

— מאָלט אייך — האָט זי געזאָגט מיט היץ — אַז מיר איז איצט געקומען אין קאָפּ אַריין, אַז ער האָט זיך דערשאָסן, צוליב דער קראַמיצקאַס טויט. רבונו של עולם, איז דאָס געווען, אַ שטילן גן-עדן זאָל זי האָבן, אַ קאָקעטקע — כ'האָב זי קיינמאָל נישט איבעריקנס ליב געהאַט. זי האָט מיט אים אַזוי קאָקעטירט,

אַז כ'האָב מורא געהאַט טירקאַן צו פירן אַהין, וווּ זיי פלעגן ביי-דע זיין, ווייל פאַר אַזאַ יונג מיידל איז עס פשוט אַ שלעכטער ביישפּיל. וואָס אמת, איז אמת! . . . רבונו של עולם, אַ ליכטיקן גן-עדן זאָל זי האָבן. . . טירקאַ האָט זי אויך נישט זייער ליב געהאַט.

— אַך, מאַדאַם — האָט זיך אָפּגערופן פרוי עמיליאַ — איך האָב תּמיד געהערט, אַז זי איז געווען אַ מלאך.

און בוקאַצקי, וואָס האָט קיינמאָל נישט קיין לעבן אפילו געזען די פרוי קראַמיצקאַ, האָט זיך געווענדט צו פרוי קרעס-לאָווסקאַ און פלעגמאַטיש אַ זאָג געטון:

— מאַדאַם, זשע ווי דאָן מאַ פּאַראָל דהאָנער, אַז דאָס איז ממש געווען אַ כּרוב.

פרוי קרעסלאָווסקאַ איז אַ ווילדע אַנטשוויגן געוואָרן, נישט ווּיסנדיק, וואָס צו ענטפערן, דערנאָך וואָלט זי, אָנברוגזנדיק זיך, געווען אפשר געענטפערט עפּעס אַ שאַרף וואָרט, ווען נישט דאָס, וואָס בוקאַצקי, אַלס אַ מענטש אַ תּקיף, האָט געקענט זיין אַ גוטער שידוך פאַר פריילין טירקאָס וועגן. דאָסזעלבע חשיבות האָט באַזיר אין די אויגן געהאַט אויך פּאָלאַניעצקי — און בלויז צוליב זיי האָט זי זומער-צייט זיך גוט פאַרהאַלטן מיט די ביגעלס, וועל-כע זי האָט איבעריקנס, ווען ס'האָט זיך איר נאָר געלוינט נישט געפלעגט אין גאַס דערקענען.

— באַ איך מאַנסלייט — האָט זי אַ זאָג געטון — איז יעדע שיינע פרוי תּיכּף אַ מלאך אָדער אַ כּרוב. איך האָב עס אפילו דאַמאָלס נישט ליב, ווען מען זאָגט עס מיר וועגן טירקאַן. פרוי קראַמיצקאַ האָט זיך געקענט זיין אַ גוט מענטש, זי האָט אָבער נישט געהאַט אין זיך קיין געניג טאַקט, און פּטור!

אַזוי אַרום האָט זיך דער שמועס וועגן פּלאַשאָווסקין אי-בערגעריסן, בפרט נאָך, אַז פרוי קרעסלאָווסקאַ באַמערקונג איז געווענדט געווען אויסשליסלעך צו פּאָלאַניעצקין, וואָס האָט גע-ווילט פריילין טירקאַן. געווילט האָט ער זי אַ ביסל זיך צו-להכעיס, אַ ביסל פריילין מאַריניאַן צולהכעיס, און האָט זיך באַ-מיט זיך אַליין איינצורעדן, אַז ס'איז אים גוט לעבן איר. ער האָט

זיך באַמט אַפילו צו געפינען חן אין איר און אַנטדעקט, אַז זי האָט א צו דינעם האַלדז און אויגן, ווי אויסגעלאָשענע. וואָס ווערן לע־בעדיק און ווענדן זיך צו אים מיט אַ פראַגע דאַמאָלס נאָר, ווען עס קען גאָרנישט זיין קיין רייד וועגן עפּעס אַ שאלה... ער האָט אויך באַמערקט, אַז זי האָט אויך געקענט זיין אַ קליינע דעספּאָ־טין, מחמת ווען די מוטער האָט אָנגעהויבן רעדן צו הויך, האָט פרייליין טירקאַ צוגעלייגט די לאָרגנעטע צו די אויגן און אויפ־מערקזאַם געקוקט אויף איר. די מוטער ווידער האָט, אונטער דער ווירקונג פונם בליק, נידעריקער געמאַכט די שטים אָדער איז אינ־גאַנצן אַנטשוויגן געוואָרן. בכלל האָט פרייליין טירקאַ זיך געוואַל־טיק געלאַנגווייליקט און אויב ער האָט מיט איר זיך מער אינטע־רעסירט, ווי ווען עס איז, האָט ער עס געטון נאָר אַלס פּרעפּאַ־ראַט, כדי צו דערוועקן אין פרייליין מאַריניאַן כאָטש אַ שאָטן פון אייפערזוכט. מענטשן, אפילו אינגאַנצן מיט שכל, כאַפּן זיך צו אַזעלכע שלעכטע מיטלען, ווען זייער געפיל-צרה דריקט זיי שויך צו שטאַרק. איבעריקנס רופן זיי אַרויס פּונקט אַ פאַרקערטן רע־זולטאַט, מחמת פון איין זייט מאַכן זיי שווער שפּעטער די דערנעענטערונג און דאָס אויפוויקלען פון די מיספאַרשטענדע־נישן, פון דער צווייטער זייט פאַרשטאַרקן זיי דאָס געפיל אינם האַרץ פון דעם, וואָס באַנוצט זיך מיט זיי. פּאָלאָניעצקי איז לסוף געווען אַזוי פאַרבענקט נאָך מאַריניאַן, אַז ער וואָלט מסכים געווען צו הערן פון איר מויל אַ נישט אָנגענעם וואָרט אפילו, אַבי נענטער צו ווערן מיט איר אין שמועס, דערווייל האָט זיך עס אים איצט אויסגעוויזן שווערער, ווי מיט אַ שעה צוריק.

ער האָט טיף אָפּגעאָטעמט, ווען דער אָוונט האָט זיך געענ־דיקט און די געסט האָבן זיך גענומען קלייבן אין וועג אַריין. פאַר דעם אָבער איז ליטקאַ צוגעגאַנגען צו דער מוטער און, אַרומ־גענומען זיך מיט די הענט אַרום איר האַלדז, אָנגעהויבן איינרעד־מען עפּעס. פרוי עמיליאַ האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, דערנאָך זיך דערנענטערט צו אים און אַ זאָג געטון:

— הער סטאַניסלאַוו, אויב איר האָט נישט בדעה צו בלייבן

נעכטיקן, פאָרט מיט אונדז. איך מיט מאַריניאַן וועלן זי נעמען אינמיטן אַריין, וועט זיין געוווּנג אָרט.

— גוט. איך קען נישט נעכטיקן און כ׳דאַנק אייך זייער — האָט געענטפערט פּאָלאָניעצקי.

און זייענדיק זיך לייכט משער, ווער עס איז געווען דער מחבר פונם פּראָיעקט, האָט ער זיך געווענדט צו ליטקאַן און אַזוי געזאָגט:

— דו, טייערסט קעצל מיינס, דו!...

זי ווידער, האַלטנדיק זיך פאַר דער מוטערס קליידל. האָט איפּגעהויבן צו אים אירע אויגן, האַלב טרויעריקע, האַלב דער־פרייטע, פרעגנדיק שטילערהייט:

— גוט, הער סטאַך?

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט מען זיך געלאָזט אין וועג אַריין. נאָך דעם שיינעם טאָג איז אָנגעקומען נאָך א שענערע נאַכט, א ביסל א קילע, אָבער אינגאַנצן א צעשטראַלטע און זיל־בערנע פון דער לבנה. פּאָלאָניעצקי, וואָס דער טאָג איז אים דורך שלעכט און שווער, האָט איצט מיט דער פולער ברוסט אָפּ־געאָטעמט און זיך געפילט כמעט גליקלעך, האָבנדיק פאַר זיך צוויי ווענזנס, וואָס ער האָט זייער שטאַרק ליב געהאַט, און איינס, וואָס ער האָט ליב געהאַט מער פון אַלץ אין דער וועלט. באַם שיין פון דער לבנה, האָט ער איצט געזען איר געזיכט, וואָס האָט זיך אים אויסגעוויזן רויִק און מילד. ער האָט א טראַכט גע־טון, אַז מאַריניאַס געפילן מוזן זיין אין דער רגע אויך די זעל־בע און אַז איר ווידערווילן צו אים פאַרבאָרגט זי צווישן דער אַלגעמיינער רו.

ליטקאַ האָט זיך אַריינגערוקט אין דער טיף פונם געזעס און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז זי שלאָפט. פּאָלאָניעצקי האָט פאַר־וואָרפן דעם שאַל, וואָס ער האָט גענומען באַ פרוי עמיליאַ אויף אירע פּיסלעך, און זיי זענען א צייט געפאָרן און געשוויגן.

דערנאָך האָט פרוי עמיליאַ אָנגעהויבן רעדן וועגן פּלאַ־שאָווסקין, מחמת די ידיעה וועגן זיין טויט האָט געמאַכט אויף איר א שטאַרקן איינדרוק.

— עס שטעקט באמת אין דעם אַלעם עפּעס זייער אַ טרויע־ריקע דראַמע — האָט אַ זאָג געטון פּאָלאָניעצקי — און פרוי קרעסלאָווסקאַ קען זיין אַ ביסל גערעכט, האַלטנדיק, אַז צווישן טויטן האָבן זיך עפּעס אַ שייכות.

אויף דעם האָט פרײַלין מאַריניאַ געענטפערט:

— אינם זעלבסטמאָרד איז דאָס שרעקלעך, וואָס מען מוז אים פאַראורטיילן, און פאַרמשפּטנדיק, דאַכט זיך, ווי מען וואָלט נישט געהאַט קיין שום מיטלייד מיטן אומגליקלעכן.

פּאָלאָניעצקי ווידער האָט זיך אָפּגערופן.

— מיטלייד דאַרף מען האָבן מיט די, וואָס בלײַבן נאָך, און אַזוי אַרום נאָר מיט לעבעדיקע.

דער שמועס האָט זיך איבערגעריסן, און זיי זענען אַ צייט ווידער געפאָרן און געשוויגן. אין אַ ווײַלע אַרום האָט פּאָלאָניעצקי אָנגעוויזן אויף די באַלייכטע פענסטער פונם הויז, וואָס איז געשטאַנען אין דער טיף פונם וואַלד־פּאַרק, און אַ זאָג געטון:

— דאָס איז פרוי קרעסלאָווסקאַס ווילע.

— איך קען איר דאָס נישט שענקען — האָט אַ זאָג געטון פרוי עמיליאַ — וואָס זי האָט געזאָגט וועגן דער אומגליקלעכער פרוי קראַמיצקאַ.

— דאָס איז ממש אַן אַכזריותדיקע פרוי— האָט געענטפערט פּאָלאָניעצקי — ווייסט איר, צוליב וואָס? צוליב איר טאָכטער. די גאַנצע וועלט האָלט זי פאַר אַ פּאַן, וואָס זי וואָלט וועלן מאַכן ווי צום שוואַרצסטן, כדי פרײַלין טירקאַ זאָל אויף אים אויסזעצן וואָס העלער. ס׳קען זיין, אַז די מוטער האָט געצילט אַמאָל אויף פּלאַשאָווסקין — ס׳קען זיין, אַז זי האָט געהאַלטן די פרוי קראַמיצקאַ פאַר אַ שטערונג, און פון דאַנען נעמט זיך צו איר די שנאה.

— זי איז אַ שיין מיידל — האָט אַ זאָג געטון מאַריניאַ.

— פאַראַן ברואים, וואָס פאַר זיי איז, אַ חוץ דער וועלט פון געזעלשאַפטלעכע פאָרמען, נאָך פאַראַן אַנדערע, אַ סך ברייטערע — פאַר איר הייבט עס זיך גאָרנישט אָן, — אָדער ריכטיקער, עס ענדיקט זיך אַלץ. דאָס איז אינגאַנצן אַן אויטאָמאַט, אין

וועלכן דאָס האַרץ הייבט דאַמאָלס ערשט אָן צו קלאַפּן, ווען די מוטער דרייט עס אָן מיטן שליסל. איבעריקנס, איז פאַרהאַן אַ סך אַזעלכע מינים מיידלעך אויף דער וועלט, און די אפילו, וואָס אין פלוג דאַכט זיך, אַז זיי זענען אַנדערש, זענען דווקא באַר אַזעלכע... ס'איז די אייביקע מעשה מיט גאַלאַטעען... איר וועט גלייבן, אַז אין דער ליאַלקע, אין דעם פאַרלאָשענעם ליכטל, האָט זיך מיט עטלעכע יאָר צוריק פאַרליבט, ביז פאַרגעסן זיך, איינער א יונגער דאָקטאָר, מיינס אַ באַקאַנטער. ער האָט זיך צוויי־מאָל איר דערקלערט אין ליבע און צוויי מאָל באַקומען אַן אָפּזאָג, ווייל די דאַמען האָבן געקוקט העכער. ער איז שפּעטער אַריין אין דער האָלענדישער אַרמיי: — און איז מסתמא געשטאָרבן ערגעץ־דאָרט פון קדחת, ווייל תחילת האָט ער צו מיר געשריבן, באַקלאָגנדיק זיך אויף זיין אויטאָמאַט, און שפּעטער האָבן די בריוו אויפגעהערט אָנצוקומען.

— ווייסט זי דערפון?

— זי ווייסט, ווייל וויפיל מאָל איך זע זיי, אַזוי פיל מאָל רעדן מיר פון אים. כאַראַקטעריסטיש איז דאָס, וואָס זיין געדע־כעניש רירט נישט אויף קיין רגע איר רויִקייט. זי רעדט וועגן אים, ווי וועגן יעדן איינעם. אויב ער האָט זיך געריכט פון איר כאָטש באַדויערט צו ווערן נאָכן טויט, האָט ער אין דעם אויך אַ טעות געהאַט... איך מוז אייך אַמאָל ווייזן זיינס אַ בריוו. איך האָב אים געפּרוווט דערקלערן דאָס געפיל, ער האָט מיר אָבער געענטפערט: „איך משפט וועגן איר ניכטערן, כ'קען אָבער די נשמה פון איר נישט אָפּרייסן"... איבעריקנס, איז דאָס געווען אַ סקעפּטישער, אַ פּאָזיטיווער מענטש — אַ קינד פון דער לעצטער צייט... עס ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז דאָס געפיל לאַכט זיך אויס פון אַלע פילאָזאָפיעס, פון אַלע שטרעמונגען... אַלץ גייט פאַרביי, אָבער דאָס איז געווען, איז און וועט זיין... דערביי האָט יענער מיר געזאָגט אַמאָל אַזוי: „כ'וואָלט ליבער געוואָלט זיין אומגליק־לעך מיט איר, ווי גליקלעך מיט אַן אַנדערע"... וואָס איז דאָ לאַנג צו רעדן: אַ מענטש קוקט ניכטערן, און קען די נשמה נישט אָפּרייסן — און פּטור!

דער שמועס האָט זיך געענדיקט. זיי זענען אַרייַנגעפאָרן אויפן וועג, וואָס אי: געווען פאַרזעצט מיט קאַשטן-ביימער, וואָס זייערע צווייגן האָבן רעז געפינקלט אינם שיין פון די לאַמטערן באַ די עק פאַזשן.

— אַז ס׳איז עמעצן שלעכט, מוז ער ליידן! — האָט צום סוף אַרייַנגעוואָרפן פאָלאַניעצקי, נאָכגייענדיק משמעות זיינע אייגענע רעיונות.

דערווייל האָט פרוי עמיליאַ זיך איינגעבויגן איבער ליטקאַן:

— דו שלאָפסט, קינדלעבן? — האָט זי אַ פרעג געטון.

— ניין, מאַמעשי — האָט געענטפערט ליטקאַ.

## XIV.

— נאָך קיין עשירות האָב איך מיך קיינמאָל נישט געיאָגט — האָט אַ זאָג געטון הער פלאַוויצקי — אויב אָבער פון הימל האָט מען, אין די פאַרבאָרגענע גזר-דינים געפסקנט, אַז אַ טייל כאָטש פון דעם גרויסן פאַרמעגן זאָל אָנקומען אויף אונדזער חלק אויך, מילא, וויל איך דעם וועג נישט פאַרשטעלן... מיר וועט שוין אַ סך פון דעם נישט אָנקומען, איך וועל אינגיכן שוין דאַרפן האָבן פיר ברעטער און אַ שטילע טרער פונם קינד, פאַר וועלכן איך האָב געלעבט, אָבער אָט גייט וועגן מאַריניאַן.

— איך מאַך אייך אויפמערקזאַם — האָט אַ זאָג געטון קאָלט מאשקאָ — אַז ראשית, זענען די אויסזיכטן זייער נישט קיין זיכערע...

— פאַסט דען זיי נישט צו נעמען אין אַכט?

— שנית, לעבט נאָך פרוי פלאַשאָווסקאַ?

— פון דער אַלטער שיטן זיך אָבער שוין די טראָטשינעס... אַלט, ווי אַ שוואָם....

— שלישית, קען זי אַפּשרייבן דאָס פאַרמעגן אויף צדקה־זאַכן...

— קען מען נישט קעגן דעם אַרויסטרעטן?

— רביעית, איז אייער קרובהשאַפט זייער אַ ווייטע. אויף אַזאַ אופן זענען אין פוילן אַלע מענטשן צווישן זיך קרובים.

— ס'איז דאָך אָבער קיין נעענטערע קרובים נישטאָ.

— פּאָלאָניעצקי איז דאָך אויך אייערס אַ קרוב?

— קיין קרוב נישט! באמנות, קיין קרוב נישט! ער איז מיין ערשט ווייבס אַ קרוב, נישט מיינס!

— און בוקאַצקי?

— לאָזט שוין צורו. בוקאַצקי איז מיין שוואָגערס ווייבס אַ קוזין.

— קיין אַנדערע קרובים האָט איר נישט?

— ס'האָבן זיך מיט אונדז געיחוסט די גאַנטאָווסקיס פון יאַבלאָזשיקאָוו. איר ווייסט דאָך... מענטשן רעדן, וואָס זיי בע־פעלט... איבעריקנס, מיט גאַנטאָווסקין דאַרף איך זיך נישט רעכענען.

מאשקאָ האָט בכיוון פאַרגעשטעלט שוועריקייטן, כדי צו ווייזן דערנאָך אַ ברעקל האָפענונג. ער האָט אַ זאָג געטון:

— בּאַ אונדז זענען מענטשן גייציק נאָך ירושות — און זאָל זיך נאָר באַווייזן עפּעס אַ ירושה — קומען זיי פון אַלע זייטן אָנצופליען, ווי שפּערלען אויפן ווייץ... דער עיקר איז אין אַזעלכע פאַלן, ווער עס קומט פריער, מיט וואָס ער קומט און לסוף דורך וועמען ער קומט... געדענקט, אַז אַ רעדעווודיקער מענטש, וואָס קען זיך אויף די זאַכן, קען מאַכן אַ יש מאין, פאַר־קערט ווידער, אַ מענטש אָן ענערגיע און וואָס קען זיך נישט אויף די זאַכן, אויב ער האָט אפילו אַ זיכערן יסוד, קען קיין שום זאַך נישט אויפטון...

— דאָס ווייס איך פון פּראַקטיק. כ'האָב דאָס גאַנצע לעבן געהאַט אַזעלכע עסקים.

דאָ האָט הער פּלאַוויצקי אַ פיר געטון מיט דער האַנט אי־בערן האַלדז, מאשקאָ ווידער האָט צוגעגעבן:

— אַ חוץ דעם קענט איר ווערן אַ שפּילעכל אין די הענט פֿון די אַדוואָקאַטן און אויסגענוצט ווערן אָן אַ גבול.

— כ'וואָלט דאַמאָלס געהאָפּט אויף אייער פֿאַרזענלעכע פּריוואַט־שאַפֿט מיט זיי...

— און איר וואָלט קיין טעות נישט געהאַט — האָט מיט ווירדע געענטפֿערט מאשקאָ — איך בין אייך און פֿרייַלין מאַריניאַ אַזאַ גוטער פֿריינט, ווי איר וואָלט אָנגעקערט צו מיין משפּחה.

— אין נאָמען פֿון דער יתומה דאַנק איך אייך — האָט געענטפֿערט הער פּלאַוויצקי.

און זיין גערירטקייט האָט אים נישט דערלויבט מער צו רעדן.

מאשקאָ ווידער איז געוואָרן ערנסט און האָט אַ זאָג געטאָן:

— אויב איר ווילט זיכער, אַז איך זאָל פֿאַרטיידיקן אייערע רעכט אויך אין דעם פֿאַל, וואָס קען זיך אויסווייזן, ווי כ'האָב שוין געזאָגט, פֿאַר אַן אילוזיע — און אויב אַנדערש — גיט־זשע מיר די דאָזיקע רעכט...

דאָ האָט דער יינגער אַדוואָקאַט אָנגעכאַפּט הער פּלאַוויצקין פֿאַר דער האַנט.

— געערטער הער — האָט ער געזאָגט — איר זענט אייך אוודאי משער וועגן וואָס איך וויל רעדן, זייט־זשע מוחל און הערט מיך אויס ביזן סוף.

דער־נאָך האָט ער נידעריקער געמאַכט זיין שטים און, הגם קיינער איז אין צימער נישט געווען, האָט ער כמעט שטיל אָנגעהויבן רעדן. ער האָט גערעדט מיט קראַפֿט, מיט ווירדע, און דערייבער מיט גרויס טאַקט. ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ מענטש, וואָס פֿאַרגעסט קיינמאָל נישט ווער ער איז און וואָס ער שטעלט מיט זיך פֿאָר. הער פּלאַוויצקי האָט מינוטנווייז פֿאַרמאַכט די אויגן, מינוטנווייז געדריקט מאשקאָס האַנט, לסוף האָט ער נאָך דער פֿאַרענדיקטער באַראַטונג אַ זאָג געטאָן:

— גייט אַרויס אין זאַל, איך וועל אַהין צושיקן מאַרי־

גיאָן. כ׳ווייס נישט, וואָס זי וועט אייך אויף דעם ענטפערן, אַלנפּאַלס, זאָל געשען דאָס, וואָס דער אייבערשטער וויל... איך האָב אייך אַלעמאָל געקענט שעצן, איצט שעץ איך אייך נאָך מער — און פּטור!

הער פּלאַוויצקיס אָרעמס האָבן זיך ברייט געעפנט — און מאַשקאָ האָט זיך צו זיי איינגעבויגן, איבערחזרנדיק נישט אָן אויפרעגונג, הגם אַלעמאָל מיט גרויס ווירדע:

— אַ דאַנק, אַ דאַנק!

און אין אַ ווײַלע אַרום האָבן זיי זיך געפונען אין זאַל.

פרייַלין מאַריניאַ איז אַרויס מיט אַ שטאַרק בלאַס געוואָרן פּנים, אָבער אַ רויִקע. מאַשקאָ האָט איר צוגערוקט אַ שטול, אַליין זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ צווייטע און אָנגעהויבן רעדן:

— איך בין דאָ לויטן כּוח־הרשאה פונם טאַטן. מיינע ווערטער וועלן אייך שוין נישט זאָגן מער פון דעם, וואָס עס האָט פריִער נישט אַרויסגעזאָגט דאָס שווייגן, וואָס איר האָט אויך פאַרשטאַנען. היות אָבער ס׳איז געקומען די ערשטע רגע, ווען כ׳דאַרף צורופן מיינע געפילן מיטן רעכטן נאָמען, טו איך עס מיטן גאַנצן צוטרוי צו אייער האַרץ און כאַראַקטער. איך בין דער מענטש, וואָס האָב אייך ליב, אויף וואָס מען קען זיך שיצן, גיב איך דעריבער אין אייער האַנט מיין לעבן — און בעט פון טיפקייט פונם האַרץ, אַז איר זאָלט מסכּים זיין מיט מיר צו גיין צוזאַמען.

פרייַלין מאַריניאַ האָט אַ רגע געשוויגן, ווי זי וואָלט זוכן ווערטער, דערנאָך האָט זי אַ זאָג געטון:

— כ׳מוז אייך קלאָר און אויפריכטיק ענטפערן; מיין ווידוי וועט זיין פאַר מיר אַ שווערע, זייער אַ שווערע, אָבער כ׳וויל נישט, אַז אַזאַ מענטש ווי איר, זאָל זיך נאַרן! כ׳האָב אייך נישט ליב געהאַט, כ׳האָב נישט ליב און וועל קיינמאָל אייער ווייב נישט זיין, עס זאָל מיר אפילו אויסקומען נישט צו זיין שוין קיינעמס.

דאָ האָט אָנגעהויבן הערשן נאָך אַ לענגערע שווייגן. די פלעקן

אויף מאַשקאָס פּנים האָבן נאָך שטאַרקער אָנגעהויבן פלאַמען, און זײַנע אויגן האָבן אָנגעהויבן וואַרפן קאַלטע שטאָלערנע אָפּשײַנען.

— די תשובה איז פונקט אַזוי פעסט — האָט ער אַ זאָג געטאָן — ווי זי איז פאַר מיר ווײַטיקלעך און אומגעריכט. וואָלט איר אָבער נישט געוואָלט, אָנשטאָט מיך צעפּצושטויסן אין דער מינוט, זיך נעמען עטלעכע טעג אויף אַ ישוב הדעת?

— איר אַליין האָט געזאָגט, אַז איך האָב פאַרשטאַנען אײַער ציל, האָב איך געהאַט גענוג צײַט זיך מישב צו זײַן, און דעריבער גיב איך די תשובה מײַנע שוין נאָך אַ פולקאָמען ישוב-הדעת.

מאַשקאָס שטים איז געוואָרן איצט טרוקן און שאַרף:

— האַלט איר באַ דעם, אַז אויפן גרונט פון אײַער אויפפירן זיך מיט מיר, האָב איך נישט געהאַט דאָס רעכט זיך צו ווענדן מיט דער בקשה, מיט וועלכער איך האָב זיך געווענדט?

ער איז זיכער געווען אין דער מינוט, אַז פרײַלין מאַרינקאַ וועט אים ענטפערן, אַז ער האָט דאָס אויפפירן זיך שלעכט פאַרשטאַנען, אַז ס'איז גאָרנישט געווען דעריבער אַזוינס, וואָס זאָל אים האָבן געקענט געבן אַ כוח-הרשאה צו האָבן וועלכע ס'איז האָפנונג, מיט איין וואָרט, אַז זי וועט זיך אַרײַנלאָזן אין דרײדלעך, ווי עס טוען געוויינטלעך קאָקעטקעס, וואָס מוזן זייער קאָקעטישקייט אויסלייזן מיט ליגנס. — זי האָט אָבער אויפגעהויבן צו אים די אויגן און געזאָגט:

— מײַן באַגיין זיך מיט אײַך איז צײַטנווײַז נישט געווען אַזוי, ווי עס באַדאַרף צו זײַן; איך בין זיך מודה אין מײַן חטא און אַנטשולדיק זיך פון גאַנצן האַרצן.

מאַשקאַ איז אַנטשוויגן געוואָרן. אַ פרוי, וואָס דרייט זיך אַרויס, וועקט צו זיך פאַראַכטונג; אַ פרוי, וואָס איז זיך מודה אין אירע חטאים, שלאָגט אַרויס באַ יעדן קעגנער דאָס כלי-זין פון דער האַנט, אויב אין זײַן נאַטור אָדער לכל הפחות אין זײַן דערציִונג, איז פאַראַן אַ פונק ריטערלעכע געפילן. אַ חוץ דעם, איז דאָס איינציקע לעצטע מיטל צו רירן דאָס האַרץ פון אַ פרוי

אין דעם פאַל: גרויסמוטיק נישט אָנערקענען איר עבירה. מאַש־קאָ, הגם ער האָט געזען פאַר זיך אַן אָפּגרונט, האָט דאָס פאַר־שטאַנען — און באַשלאָסן אַלץ צו שטעלן אין קאָן.

יעדער נערוו האָט אין אים געציטערט פון באַסט און באַ־לײדיקטער אײגנליבע, דאָך האָט ער זיך באַהערשט, געגעבן דעם הוט, און דערנענטערנדיק זיך צו פרײלין מאַריניאַ, — אויפגעהויבן איר האַנט צו די ליפּן.

— כ׳האָב געוווּסט, אַז איר האָט ליב קושעמיען — האָט ער זיך אָנגערופן — האָב איך עס געקויפט נאָר צוליב דעם, כּדי עס אַנידערצולײגן פאַר אײַערע פיס. איך זע, אַז כ׳בין געגאַנגען מיט אַ פאַלשן וועג און ציִ זיך צוריק, הגם איך טו דאָס מיט האַרץ־קלעמעניש אָן אַ גבול. כ׳בעט באַ אײַך אַנטשולדיקונג. אויף אײַער זײַט איז קײן שולד נישט געווען און איז נישטאָ לחלוטין, אײַער רו איז מיר טײַערער פון מײַן אײגן גליק, דעריבער בעט איך אײַך אײן טובה, איר זאָלט אײַך קײן פאָרוואורף נישט מאַכן און איצט געזעגן איך זיך.

און ער איז אַוועק.

זי ווידער איז אַ לאַנגע צײַט געזעסן אַ פאַרשטײנערטע מיט אַ בלאַס געזיכט און מיט אַ געפיל פון מידעקײט אין דער נשמה. זי האָט זיך נישט געריכט צו געפינען אין אים אַזוי פיל אײדע־לע געפילן. דערבײַ איז איר געקומען אין קאָפּ אַרײַן אָט דער געדאַנק: „יענער האָט מיר צוגענומען קושעמיען, כּדי מציל צו זײַן זײַנס — דער האָט עס געקויפט, כּדי עס מיר צוריקצוגעבן!“ און פּאָלאַניעצקי איז קײנמאָל נישט געווען אַזוי פאַרלוירן אין אי־רע געדאַנקען, ווי איצט. זי האָט די מינוט נישט געדענקט, אַז מאַשקאָ האָט אָפּגעקויפט קושעמיען נישט באַ פּאָלאַניעצקין, נאָר באַ איר פאָטער, שנית, אַז ער האָט עס אָפּגעקויפט פאַר גוטע באַדינגונגען, שלישית, אַז ער האָט עס טאַקע געוואָלט איר אָפּ־געבן, אָבער פאַר דעם עס באַקומען צוריק צוזאַמען מיט איר האַנט, באַפרײַענדיק זיך דערבײַ פון די צאָלונגען, וואָס ער האָט געהאַט אויף זיך, און לסוף, אַז לעולם, האָט קושעמיען באַ איר נישט אַרויסגעריסן נישט פּאָלאַניעצקי און נישט עמעץ אַנדערש, נאָר הער

פלאַוויצקי האָט עס מיטן גוטן ווילן פאַרקויפט, מחמת ער האָט גע־פונען אַ קונה. זי אָבער האָט געקוקט אין דער רגע אויף דעם ענין ווי אַ פרוי און האָט אַקעגנגעשטעלט מאשקאַן אַקעגן פּאָלאָניעצקין, אויפהייבנדיק איבער דער מאָס דעם לעצטן און אַראָפּזעצנדיק ני־דעריקער פון זיין שולד דעם ערשטן. מאשקאָס האַנדלונג האָט זי אַזוי ווייט גערירט, אַז ווען זי זאָל נישט געווען פילן צו אים פשוט קיין אָפּשיי, וואָלט זי אים געווען צוריקגערופן. ס'האָט זיך איר אַ ווײַלע אפילו אויסגעוויזן, אַז זי איז עס מחויב צו טון — ס'האָט איר אָבער אויסגעפעלט כוח.

זי האָט אויך נישט געוווסט, אַז מאשקאָ איז אַראָפּ פון די טרעפּ מלא־כעס און מיט פאַרצווייפלונג אין דער נשמה. ס'האָט זיך באמת פאַר אים געעפנט אַ תהום.

ער האָט געהאַט אַ טעות אין אַלע זיינע חשבונות: די פרוי, וואָס ער האָט באמת ליב געהאַט, האָט אים נישט געוואָלט און אָפּגעשטויסן — און הגם זי האָט זיך באַמיט אים צו שויבען מיט ווערטער, האָט ער זיך דאָך געפילט דערנידעריקט, ווי נאָך קיין מאָל נישט אין לעבן. וואָס ער האָט ביז אַהער נישט געטון אין לעבן, האָט ער עס שטענדיק געטון מיט אַ געפיל פון אייגענער קראַפט און אייגענעם שכל, מיט פולער זיכערקייט, אַז דאָס וועט זיך אים איינגעבן. מאַריניאַס אָפּזאָג האָט באַ אים אָפּגענומען די דאָזיקע זיכערקייט. דאָס ערשטע מאָל האָט ער אָנגעהויבן צו צווייפלען אין זיך, דאָס ערשטע מאָל האָט ער געפילט, אַז זיין שטערן הייבט אָן בלאַס צו ווערן און אַז עס קען זיך אָנהייבן פאַר אים אַ פעריאָד פון מפּלות אויף אַלע געביטן, אויף וועלכע ער האָט ביז איצט געאַרבעט. דערדאָזיקער פעריאָד האָט זיך שוין אָנגעהויבן אפילו. מאשקאָ האָט געקויפט קושעמיען פאַר זייער גוטע באַדינגונגען, ס'איז אָבער לגבי זיינע מיטלען געווען אַ צו גרויס גיט. ווען מאַריניאַ זאָל אים נישט געווען אָפּשטויסן, וואָלט ער זיך געווען אַן עצה געגעבן, מחמת אין דעם פאַל וואָלט ער נישט באַדאַרפט טראַכטן נישט וועגן דער לעבנס־רענטע פאַר הער פלאַוויצקין, נישט וועגן אָפּצאָלן די סומע, וואָס עס קומט לויטן אָפּמאַך מאַריניאַן פאַר מאַגערוועק. איצט האָט ער געהאַט אָפּצו־

צאָלן מאַרינאַן, פּאַלאַניעצקין און די חובות אויף קזשעמיען, וואָס מען האָט באַדאַרפט וואָס גיכער דעקן, מחמת זיי זײַנען, צוליב די ליקווידאַציע-פּראָצענטער, געוואַקסן פון טאָג צו טאָג און געדראָט אײַנגאַנצן אַ תּל צו מאַכן פון אים. אויף דעם אַלעם איז געווען בלויז דער קרעדיט, — וואָס האָט טאַקע ביז אַהער זיך נישט געוואַקלט, איז אָבער געווען אָנגעצויגן ווי אַ סטרונע. מאַשקאָ ווידער האָט געפּילט, אַז ווען די סטרונע זאָל געווען ווען עס איז פּלאַצן, וואָלט ער אויף אייביק געווען פאַרלוירן.

דעריבער האָט, מינוטווײַז, צוזאַמען מיט האַרצקלעמעניש וועגן מאַרינאַן, צוזאַמען מיטן ווייטיק, וואָס עס פילט אַ מענטש, ווען ער פאַרלירט דאָס גליק, אים אַ ריס געטאָן כמעט אַ ווילדער כעס אָן אַ גבול — און אַ נישט אײַנגעהאַלטענער חשק זיך נוקם צו זײַן. דאָס איז געווען אַ מענטש מיט אַן ענערגישער נשמה, וואָס אין זײַן נאַטור איז געלעגן דער ווילן צו באַצאָלן מיט אַ רעה פאַר אַן עוולה. דעריבער האָט ער, אַרײַנגייענדיק צו זיך, געמורמלט דורך די פאַרהאַקטע ציין:

— אויב דו וועסט נישט ווערן מײַן ווייב, וועל איך דיר נישט שענקען דאָס, וואָס דו האָסט מיר געטאָן; אויב דו וועסט יאָ ווערן — וועל איך דיר דאָס אויך נישט מוחל זײַן.

דערווײַל איז פּלאַוויצקי אַרײַן אין צימער, אין וועלכן ס׳איז געזעסן מאַרינאַ, און האָט אַ זאָג געטאָן:

— האָסט אים אָפּגעזאָגט, אַ נישט וואָלט ער דאָך, אוועקגייענדיק, געווען אַרײַן צו מיר.

— יאָ, טאַטע.

— האָסט אים נישט געגעבן קיין שום האָפענונג אויף להבא?

— ניין, טאַטע... כ׳שעץ אים, ווי קיינעם נישט אין דער וועלט, אָבער קיין האָפענונג האָב איך אים נישט געגעבן.

— וואָס האָט ער דיר געענטפערט?

— אַלץ וואָס עס האָט געקענט ענטפערן אַזאַ איידעלער מענטש.

— אַ ניי אומגליק — האָט ער אַ זאָג געטון — און ווער ווייסט, צי האָסטו באַ מיר נישט אָפּגענומען אויף דער עלטער דאָס שטיקל ברויט... כ'האָב אָבער געוווסט, אַז דו וועסט זיך מיט דעם נישט רעכענען. . .

— כ'האָב נישט געקענט, נישט געקענט זיך אַנדערש באַגיין.

— כ'וויל דיך נישט בייטן, און מיין עגמת-נפש גיי איך ברענגען פאַר אַ קרבן דאָרט, ווו יעדער טרער פונם אַלטן וועט גענומען ווערן אין חשבון.

און ער איז אַוועק צו לירסן, צוקוקן ווי מען שפּילט אין ביליאַרד. ער וואָלט מכּים געווען אויף מאשקאָן, אָבער אין תוך גענומען האָט ער עס נישט געהאַלטן פאַר קיין איבעריק גלענצענדן שידוך, און האַלטנדיק, אַז מאַריניאַן האָט זיך געקענט טרעפן אַ בעסערער, האָט ער קיין צופיל עגמת-נפש זיך נישט געמאַכט פון דעם.

מאַריניאַ ווידער איז אין אַ האַלבע שעה אַרום אַריינגעפאַלן צו פרוי עמיליאַ:

— איין משא איז מיר כאָטש אַראָפּ פון האַרץ — האָט זי אָנגעהויבן — כ'האָב היינט קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט הער מאשקאָן.

פרוי עמיליאַ האָט זי שווייגנדיק צו זיך צוגעדריקט.

מאַריניאַ ווידער האָט ווייטער גערעדט:

— ער איז מיר אַ שאָד. . . ער איז זיך מיט מיר באַגאַנגען אַזוי איידל און דעליקאַט, ווי עס קען זיך נאָר באַגיין אַזאַ מענטש, און ווען כ'זאָל פילן צו אים כאָטש אַ פונק ליבע, וואָלט איך נאָך היינט אים אומגעקערט.

דאָ האָט זי איבערגעחזרט פאַר פרוי עמיליאַן דעם גאַנצן שמועס אירן מיט מאשקאָן. מען האָט באמת איר גאָרנישט געקענט פאָרוואַרפן, און פרוי עמיליאַ האָט נישט געקענט זיך אַ ביסל נישט חידושן, מחמת זי האָט געהאַלטן מאשקאָן פאַר אַ ברויזנדיקן כאַראַקטער און האָט זיך נישט גערעכט, אַז ער זאָל אין אַזאַ שווערער מינוט מסוגל זיין זיך צו האַלטן אַזוי אין דער מאָס

אין זיין אַזוי איידל. פריילין מאַריניאַ ווידער האָט אַ זאָג געטון:

— מיין עמילקאַ, איך קען דיין פריינטשאַפט צו הער פּאַ־לאַניעצקין, משפּט אָבער דיביידע מענטשן לויט זייערע מעשים, נישט לויט די ווערטער, און פאַרגלייך זיי אייבעם צום אַנ־דערן.

— איך וועל זיי קיינמאָל נישט פאַרגלייכן — האָט געענט־פערט פרוי עמיליאַ. — דאָ קען מען נישט מאַכן קיין שום פאַר־גלייכן. הער סטאַניסלאַוו איז פאַר מיר אַ הונדערט מאָל העכערע באַטור פאַר מאשקאָן, דו ווידער משפּטסט אים נישט גערעכט, מאַריניאַ, האָסט נישט קיין רעכט צו זאָגן: „איינער האָט באַ מיר צוגענומען קושעמיען, און דער צווייטער האָט עס מיר געוואָלט צוריקגעבן". ס'איז אַזוי נישט געווען. הער פּאָלאַניעצקי האָט עס באַ דיר נישט צוגענומען, און איצט, ווען ער זאָל קענען, וואָלט ער עס דיר צוריקגעגעבן פון גאַנצן האַרץ. דאָס רעדט פון דיר בלויז דער פאָראורטייל.

— נישט קיין פאָראורטייל, נאָר די ווירקלעכקייט, וואָס קיין שום זאַך קען זי שוין נישט ענדערן.

און פרוי עמיליאַ האָט זי אַוועקגעזעצט קעגנאיבער זיך און אַ זאָג געטון:

— יאָ, מאַריניאַ: דער פאָראורטייל, און כ'וועל דיר זאָגן פאַרוואָס. דו ביסט ביז איצט צו אים נישט גלייכגילטיק.

פריילין מאַריניאַ האָט אַ ציטער געטון, ווי עמעץ וואָלט איר אָנגערירט אַ קראַנקע וווּנד, און האָט אין אַ רגע אַרום איר אָפּגעענטפערט מיט אַ געענדערטער שטים:

— איך בין צו הער פּאָלאַניעצקין נישט גלייכגילטיק...

ביסט גערעכט... אַלץ, וואָס האָט געקענט זיין באַ מיר סימפּאַ־טיע פאַר זייבעטווענן, האָט זיך געביטן אויף אומווילן — און הער, עמילקאַ, וואָס איך וועל דיר זאָגן: ווען איך זאָל האָבן אַן אויסוואַל צווישן די ביידע מענטשן, וואָלט איך, נישט פאַרטראַכטנ־דיק זיך, אויסדערוויילט מאַשקאָן.

פרוי עמיליאַ האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ — אין אַ ווייל

לע צרום האָבן פֿריילין מאַריניאַס הענט אַרומגעכלאָכטן איר האַלדז.

— וואָס פֿאַר אַן עגמת־נפֿש איך האָב פֿון דעם, וואָס איך פֿאַרשאַף דיר אומאַנגענעמלעכקייטן, כ'מוז אָבער זאָגן דעם אמת, איך ווייס, אַז סוף־כּל־סוף וועסטו מיך אויך אויפֿהערן ליב צו האָבן און כ'וועל בלייבן עלנט אויף דער גאַנצער וועלט.

און ס'האָט באמת אָנגעהויבן ווערן עפּעס אַזויגס. ביידע יונגע פֿרויען האָבן זיך צעשיידט מיט קושן און האַלדזן און דאָך, ווען זיי האָבן זיך געפֿונען איינע לעבן דער אַנדערער, האָבן זיי גלייכצייטיק דערפֿילט, אַז עפּעס האָט זיך צווישן זיי אָפּגעריסן און אַז די ביז איצטיקע באַציִונג צווישן זיי וועט שוין נישט זיין מער אַזוי האַרציק, ווי ביז אַהער.

פֿרוי עמיליאַ האָט אין משך פֿון עטלעכע טעג זיך געוואַקלט, צי זי זאָל פֿאָלאָניעצקין איבערגעבן מאַריניאַס רייד. ער אָבער האָט געבעטן בײַ איר, זי זאָל אים זאָגן דעם גאַנצן אמת, אַז זי האָט לסוף אַ טראַכט געטון, אַז מען דאַרף און בעסער איז אויסצוזאָגן. ער ווידער האָט, אויסהערנדיק אַלץ, אַ זאָג געטון:

— אַ דאַנק אייך. אויב פֿריילין פּלאַוויצקאַ פֿאַראַכט מיך, מוז איך מיט דעם שלום ווערן, איך קען אָבער נישט מסכּים זיין, אַז איך זאָל זיך אַליין פֿאַראַכטן. כ'בין שוין אַזוי אויך צו ווייט פֿאַרפֿאָרן. איר ווייסט, מיין טייערע, אַז אויב כ'האָב קעגן איר געזינדיקט, האָב איך זיך באַמיט עס צו פֿאַריכטן, און זי איבערצובעטן. קיין ווייטערדיקע פֿליכטן פֿיל איך נישט. איך וועל האָבן שווערע מינוטן, דאָס פֿאַרבאָרג איך נישט, כ'בין אָבער קיין שלימזל נישט געווען, און בין נישט, און וועל נישט מסוגל זיין אַלץ, וואָס איך פֿיל צו פֿריילין פּלאַוויצקאַ, אַרויסצוואַרפֿן דורכן פֿענסטער, ווי אַן אומנוצלעכע זאַך פֿון שטוב. דאָס זאָג איך אייך דײַליק צו!

— איך גלייב אייך. מען ליידט אָבער בײַ דעם שטאַרק.

ער האָט איבער כּמעט פֿריילעך געענטפֿערט:

— ווייס איך וואָס ! אַז עס וועט מיר שטאַרק ווי טון דער ברי, וועל איך אייך בעטן מיר מאַכן אַ באַנדאַזש, און איך ווייס, אַז ווען אַזעלכע ערלעכע הענט וועלן עס מאַכן, וועט עס מיר זיין צו רפואה. ליטוש וועט אייך העלפן, און כ׳וועל אפילו נישט קיין פיפס טון.

דערנאָך איז ער אַוועק צו זיך, פול מיט אינערלעכן געפיל פון ווילן און ענערגיע. ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער וועט מסוגל זיין דאָס געפיל צו נעמען און צעברעכן, ווי מען צעברעכט אַ ברעט אויף דער קני, מיטן דאַזיקן אימפעט האָט ער געלעבט עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד. ער האָט זיך אין משך פון דער צייט אין ערגעץ נישט געוויזן, אַ חוץ אין ביוראָ, ווו ער האָט גערעדט מיט ביגעלן אויסשליסלעך וועגן געשעפט. ער האָט געאַרבעט פון דער פרי ביז אין אָוונט און האָט באַטאָג זיך אפילו נישט דערלויבט צו טראַכטן וועגן מאַריניאַן.

ער האָט אָבער נישט געקענט זיך אָפּזאָגן פון דעם, בשעת די שלאָפּלאָזע נעכט. דאַמאָלס האָט אים באַהערשט אַ געפיל, אַז מאַריניאַ וואָלט אים געקענט ליב האָבן, וואָלט געקענט זיין דאָס בעסטע ווייב זיינס, אַז ער וואָלט געקענט זיין גליקלעך מיט איר, ווי מיט קיינעם שוין נישט מער, און אַז ער וואָלט זי ליב געהאַט, ווי זיין העכסט אייגנס.

דער צער, וואָס איז געבוירן געוואָרן פון די רעיונות, איז אַריינגעדרונגען אין זיין גאַנץ וועזן אין האָט אים מער נישט פאַרלאָזט, היות אָבער דער צער פרעסט אויף די נשמה מיטן געזונט, ווי זשאַווער — אייזן, האָט פון פּאָלאָניעצקיס אויסזען אָנגעהויבן אַ תל ווערן. ער האָט באַמערקט, אַז ברעכן אַ געפיל פירט צום רעזולטאַט: צעברעכן דאָס גליק. ער האָט קיינמאָל נישט געפילט עס מיט אַזאַ קראַפט, אַז קיין שום אַנדערע זאַך וועט אים שוין נישט אָנפילן. ער האָט אויך באַמערקט, אַז מען קען אַ פרוי ליב האָבן נישט אַזוי, ווי זי איז, נאָר אַזוי, ווי זי וואָלט געקענט זיין. ענגדלעך האָט ער געבעבעקט אָן אַ שיעור.

האָבנדיק אָבער איבער זיך גרויס מאַכט, האָט ער אויסגעמיטן מאַריניאַן. ער האָט תמיד געוווּסט, ווען זי דאַרף זיין באַ

פרוי עמיליאַן און פֿלעגט דאַמאָלס זיך אָפּשליסן בײַ זיך אינדער־היים.

ערשט, װען ליטקאַ איז קראַנק געװאָרן, האָט ער אָנגעהױבן קומען צו פרוי עמיליאַן טאָג־טעגלעך, אָפּזיצן בײַ איר גאַנצע טעג און פאַרברענגען לעבן קראַנקן קינד צוזאַמען מיט מאַריניאַן גאַנצע שעהן.

# XV.

ליטקאַ געבעך האָט נאָכן פרישן אָנפאַל, וואָס איז געווען געפער־לעכער ווי פריִער, נישט געקענט שוין מער קומען צו זיך. זי האָט איצט פאַרברענגט די טעג, ליגנדיק אויף דער סאָפע אין זאַלעכל, מחמת די דאָקטוירים און פרוי עמיליאַ האָבן איר צוליב געטון און מסכים געווען, זי נישט צו האַלטן אַ גאַנצן טאָג אין בעט. זי האָט אויך ליב געהאַט, אַז פאַלאַניעצקי זאָל זיצן לעבן איר און זי זאָל רעדן מיט אים און מיט דער מוטער וועגן אַלץ, וואָס ס'איז איר נאָר געקומען אין קאָפּ אַריין. מיט מאַריניאַן האָט זי געוויינטלעך גע־שוויגן. צייטנווייז פלעגט זי אָבער לאַנג זיך איינקוקן אין איר, דער־נאָך אויפהייבן די אויגן צום סופית, ווי זי וואָלט עפּעס באַטראַכטן, ווי זי וואָלט וועלן עפּעס פאַרשטיין און זיך אָפּגעבן וועגן עפּעס אַ דין־וחשבון. טיילמאָל האָבן זיך מיט איר דידאָזיקע פאַרטראַכטונגען אויך געטראָפן דאַמאָלס, ווען זי פלעגט בלייבן מיט די מוטער אויג אויף אויג, און איינמאָל נאָכמיטאָג האָט זי זיך ווי פון שלאָף, אויפגעכאַפּט, און ווענדנדיק זיך צו דער מוטער, האָט זי אַ זאָג געטון:

— מאַמעשי, זאָל די מאַמעשי זיך זעצן לעבן מיר, דאָ, אויף דער סאָפע.

פרוי עמיליאַ האָט זיך אַנידערגעזעצט; דאָס קינד האָט אַרומגענומען מיט דער האַנט איר האַלדז, און אָנלענענדיק דעם קאָפּ אויף איר אָרעם, האָט עס אָנגעהויבן רעדן מיט אַ צעפּיעש־טשעטער אָפּגעשוואַכטער שטים:

— ווייל כ׳האָב געוואָלט די מאַמעשי פרעגן איין זאַך, כ׳ווייס אָבער נישט, ווי אַזוי עס צו זאָגן.

— אין וואָס גייט דיר, קינדלעבן?

ליטקאַ האָט אַ ווײַלע געשוויגן, צונויפנעמענדיק די געדאַנקען, דערנאָך האָט זי אַ פרעג געטון:

— אַז מען האָט, מאַמעשי, עמעצן ליב, איז וואָס?

— אויב מען האָט עמעצן ליב, ליטוש?

פרוי עמיליאַ האָט איבערגעחזרט די פראַגע, נישט פאַרשטייענדיק בשעת־מעשה, וועגן וואָס דאָס מיידעלע פרעגט זי. יענע ווידער האָט פינקטלעכער נישט געקענט פרעגן.

— איז וואָס, מאַמעשי?

— וואָלט מען וועלן, אַז דער עמעצער זאָל זיין געזונט, פונקט ווי איך וויל, אַז דו זאָלסט זיין געזונט.

— און וואָס נאָך?

— און עס וואָלט זיך וועלן, אַז ער זאָל זיין גליקלעך, אַז עס זאָל אים גוט זיין אויף דער וועלט, און אויב עס וועט זיך מיט אים טרעפן עפּעס שלעכטס, וואָלט זיך וועלן בעסער אַליין ליידן פאַר יענעם.

— און וואָס נאָך?

— און עס וואָלט זיך וועלן אים האָבן תמיד לעבן זיך — און עס וואָלט זיך וועלן, אַז ער זאָל אַזוי ליב האָבן, ווי דו האָסט מיך ליב.

— איצט פאַרשטיי איך — האָט אַ זאָג געטון ליטקאַ נאָך אַ רגע טראַכטן — איך האָב אַליין אויך געמיינט, אַז עס איז אַזוי.

— יאָ, קעצעלע.

— ווייל, זעט די מאַמעשי, נאָך אין רייכנהאַל, געדענקט די מאַמעשי? אין טומזע האָב איך געהערט, אַז הער סטאָך האָט ליב פרײלין מאַריניאַ, און איצט ווייס איך, אַז ער מוז זיין אומגליקלעך, כאָטש ער רעדט וועגן דעם קיינמאָל נישט.

פרוי עמיליאַ, מורא האָבנדיק ליטקאַ זאָל זיך נישט אויפרעגן, האָט זי אַ זאָג געטון:

— דער שמועס פאַרמאַטערט דיך נישט, קעצל?

— אָ, אויף קיין האָר נישט! איצט פאַרשטיי איך שוין. ער וואָלט געוואָלט, אַז זי זאָל אים ליב האָבן, און זי האָט אים נישט ליב, און ער וואָלט תמיד וועלן זיין מיט איר, און זי ווינטש מיטן פאָטער און וויל נישט פאַר אים ווערן קיין ווייב.

— מיט אים חתונה האָבן...

— מיט אים חתונה האָבן. ער האָט פון דעם עגמת-נפש, מאַמעשי? אמת?

— אַוודאי, קינד מיינס.

— ווייל איך ווייס עס אַלץ. און ווען זי זאָל מיט אים חתונה האָבן, וואָלט זי אים ליב געהאַט?

— אַוודאי, קעצעלע, ער איז אַזאַ גוטער מענטש.

— איצט ווייס איך שוין.

דאָס מיידעלע האָט פאַרמאַכט די אויגן און פרוי עמיליאַ האָט אַ ווײַלע געמיינט, אַז זי שלאָפט איין, אָבער אין אַ קורצע צייט אַרום האָט זי ווידער אָנגעהויבן זיך פרעגן:

— און ווען ער זאָל נעמען מאַריניאַן פאַר אַ ווייב, וואָלט ער אונדז אויפגעהערט ליב האָבן?

— ניין, ליטוש. ער וואָלט אונדז שטענדיק דאָס זעלבע ליב געהאַט.

— אָבער מאַריניאַן מער?

— מאַריניאַ וואָלט אים דאַמאָלס געווען נענטער, ווי מיר. צו וואָס פרעגסטו זיך, קעצעלע, וועגן דעם באַך?

— דאָס איז נישט גוט?

— ניין: קיין שלעכטס איז אין דעם נישטאָ, קיין האָר

נישט אפילו! כ'האָב אָבער מורא, אַז דו וועסט זיך פֿאַרמאַטערן.

— אָ, ניין! איך טראַכט אַזוי אויך כּסדר וועגן הער סטאַך. אָבער זאָל די מאַמעשי נישט זאָגן דערפֿון מאַריבּיאַן.

מיט דעם האָט זיך געענדיקט דער שמועס, נאָך וועלכן ליטקאַ איז אין משך פֿון עטלעכע טעג געווען שווייגעוודיק, אָבער גאַנץ זיכער האָט די אויסשטענדיקע פֿאַרעקשנט ווי פֿריִער זיך איינגעקוקט אין מאַריבּיאַן. צייטנווייז פֿלעגט זי זי צונעמען פֿאַר דער האַנט און קוקן אויף איר, ווי זי וואָלט וועלן זי עפּעס פֿרעגן, צייטנווייז, ווען זי איז געווען צוזאַמען מיט פּאָלאָניעצקין לעבן איר, האָט זי כּסדר אײַבערגעטראָגן דעם בליק פֿון איינעם אויפֿן אַנדערן און דערנאָך פֿאַרמאַכט די וויִעס. זיי ווידער זענען אָפֿט געקומען, טאָג־טעגלעך, צייטנווייז אויך עטלעכע מאָל אין טאָג, וועלנדיק מיט דעם לייכטער מאַכן פֿרוי עמיליאַן, וואָס האָט נישט דערלויבט קיינעם צו פֿאַרבּייטן זי בּאַנאַכט לעבן ליטקאַן און פֿאַרבּראַכט שוין אַ וואָך צייט שלאָפֿלאָז, כאַפּנדיק בלויז אַ דרימל בּאַטאָג, בשעת ליטקאַ אַליין פֿלעגט דאָס אויסבעטן. פֿרוי עמיליאַ האָט זיך דאָך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון פֿון דער גאַנצער סכּנה, וואָס האָט דער קליינער געדראָט, מחמת דער דאָקטער, נישט וויסנדיק וואָסער ווענדונג דער פּעריאָד פֿון דער קראַנקהייט וועט אָננעמען, צי עס וועט זײַן אַ שריט פֿאָרויס, צי דער סוף, האָט בּאַרויִקט די מוטער גאָכמער קאַטעגאָריש דערפֿאַר, ווײַל פּאָלאָניעצקי האָט אים שטאַרק דערוועגן געבעטן.

זי האָט אָבער געהאַט אַ פֿאָרגעפֿיל, אַז דער מצב פֿונם קינד איז נישט קיין גוטער, און נישט קוקנדיק אויף די בּאַרויִקונגען פֿונם דאָקטאָר, איז אין איר דאָס האַרץ אָפּגעשטאָרבן פֿון פּחד. ליטקאַ פֿלעגט אַפֿילו צײַטמאָל מאַכן אַ פֿריילעך און שמייכלענדיק פּנים, דאָסזעלבע אויך פּאָלאָניעצקי און פֿרײַלין מאַריבּיאַ, אָבער דאָס מיידעלע האָט זיך אויסגעלערנט אַלץ אויפֿנעמען אַזוי, און אָפֿט, אַז ווי גוט די מוטער האָט נישט בּאַהאַלטן איר אומרויִקייט, האָט זי עס געפֿלעגט בּאַמערקן.

דעריבער, איינמאָל אינדערפרי, ווען פּאָלאָניעצקי איז פאַר־בליבן מיט איר איינער אַליין און איז פאַרנומען געווען מיטן אָנבלאָזן פאַר איר אַ גרויסן גלאָבוס פון זיידענעם טאַפט, וואָס ער האָט איר געבראַכט אַ מתנה, האָט דאָס מיידעלע אַ זאָג געטון:

— הער סטאַך, איך זע צייטנווייז, אַז די מאַמעשי האָט גרויס עגמת־נפש, וואָס איך בין קראַנק.

פּאָלאָניעצקי האָט אויפגעהערט אָנצובלאָזן דעם באַלאָן און האָט געענטפערט:

— עס חלומט זיך איר אפילו נישט! וואָס אונטער דער טשופּריבע פאַלט דאָרט איין! איבעריקנס, פאַרשטייט זיך, אַז זי האָט עגמת־נפש, ווייל זי וואָלט ליבערשט וועלן, זאָלסט זיין גע־זונט...

— פאַרוואָס זענען עס דען אַלע אַנדערע קינדער געזונט, נאָר איך איינע בין כסדר קראַנק?

— שיין געזונט! און די ביגעלעך זענען נישט קראַנק גע־ווען, איינס נאָך איינס אויף קאָקלוש? אין משך פון עטלעכע חדשים איז דאָס גאַנצע הויז געווען, ווי אַ שעפּסן־שטאַל. און יוזשאָ האָט נישט געהאַט קיין מאָזלען? אַלע קינדער זענען תמיד קראַנק און דאָס איז דער גאַנצער נחת פון זיי.

— דאָס רעדט איר נאָר אַזוי, ווייל זיי זענען קראַנק און דערנאָך ווערן זיי געזונט...

דאָ האָט זי אָנגעהויבן שאָקלען מיטן קעפּל.

— ניין, דאָס איז עפּעס אַנדערש, און איצט מוז איך כסדר ליגן, ווייל תיכף הייבט מיר אָן דאָס האַרץ צו קלאַפּן, און אַזוי ווי איירנעכטן האָט מען אָנגעהויבן זינגען אויף דער גאַס, און די מאַמעשי איז נישט געווען אין שטוב, בין איך צוגעגאַנגען אַ ביסל צום פענסטער און האָב געזען אַ לוויה — האָב איך אַ טראַכט געטון, אַז איך וועל אויך מסתמא שטאַרבן.

— ליטקאָ רעדט נאַרישקייטן! — האָט אויסגעשריגן פּאָ־לאָניעצקי.

און האָט ווידער אָנגעהויבן אָנבלאָזן דעם גלאָבוס, כדי צו

פאַרדעקן די אויפרעגונג און אגב צו באַווייזן דעם מיידעלע, ווי ווייט אירע ווערטער האָבן קיין ווערט נישט.

דאָס קינד אָבער איז זיך ווייטער נאָכגעגאַנגען איר געדאַנק.

— ס'איז מיר צייטנווייז אַזוי דושנע און דאָס האַרץ קלאַפּט מיר אַזוי עפּעס... די מאַמעשי האָט מיר געזאָגט, אַז איך זאָל דאַמאָלס זאָגן: „אונטער דיין שוץ" — און איך זאָג עס, ווייל כ'האָב שרעקלעך מורא צו שטאַרבן! איך ווייס, אַז אין הימל איז גוט, אָבער איך וואָלט נישט געוועין מער צוזאַמען מיט דער מאַמעשי, נאָר אַליין אויפן בית־עולם... יאָ, און באַנאַכט...

פּאָלאַניעצקי האָט פּלוצלינג אָוועקגעלייגט דעם גלאָבוס, זיך אָוועקגעזעצט לעבן דער סאָפע, און נעמענדיק ליטקאַן פאַר דער האַנט, האָט ער אַ זאָג געטון:

— מיין ליטוש, אויב דו האָסט ליב די מאַמען, אויב דו האָסט ליב מיך, קלער נישט וועגן אַזעלכע זאַכן. דיר וועט גאָר נישט זיין, אָבער די מאַמעשי וואָלט ערשט דאַמאָלס געהאַט עגמת־נפש, ווען זי זאָל וויסן, אַז דאָס קינד פאַרדרייט זיך דעם קאָפּ! ווייל געדענק, אַז דו ברענגסט זיך מיט דעם שאָדן...

און ליטקאָ האָט פאַרלייגט די הענטלעך:

— מיין הער סטאַך, נאָך איינס וועל איך פרעגן, נאָך איינס בלויז — נישט מער!

ער האָט צוגעבויגן צו איר דעם קאָפּ.

— נו, פרעג, קאַץ, אַבי נאָר עפּעס קלוגס.

— הער סטאַך וועט מיך שטאַרק באַדויערן?

— זעסטו, ווי נישט ערלעך דו ביסט!

— מיין הער סטאַך!.. זאָגן!..

— איך? סאַראַ שלעכט קינד! ליטוש, ווייסט, ווי איך האָב ליב... געוואַלטיק ליב! זאָל גאָט היטן... איך וואָלט קיינעם אויף דער וועלט אַזוי נישט באַדויערט... וועסט מיר שטיל זיין אַמאָל, דו, פאַרטרויערטע פליג איינע! דו... מיין ליבסטע, טייער ראַשעפּעניש.

און דאָס מיידעלע האָט געווענדט צו אים אירע צע־שטראַלטע בליקן.

— איך וועל שוין זיין שטיל... אָ, גוטער הער סטאַך!

און אין דער מינוט, וואָס פרוי עמיליאַ איז אַריין, און ער האָט זיך געקליבן אַוועקצוגיין, האָט זי נאָך אַ פרעג געטון:

— אָבער הער סטאַך איז אויף מיר נישט אין כעס?

— ניין, ליטוש! — האָט געענטפערט פּאָלאָניעצקי.

אַרויסגייענדיק אין פּאָדערצימער, האָט ער דערהערט אַ לייכט קלאַפּן אין דער טיר, מחמת פרוי עמיליאַ האָט געהייסן אַראָפּנעמען די גלעקלעך, ער האָט געעפנט און באַמערקט מאַריגיאַן, וואָס איז געווינט געווען צו קומען אינאָוונט. באַגריסנדיק זיך מיט אים, האָט זי אַ פרעג געטון:

— ווי איז היינט ליטקאַ?

— ווי אַלעמאָל.

— דער דאָקטאָר איז געווען?

— געווען. קיין נייעס נישט געפונען, איר וועט דערלויבן אייך העלפן?

זאָגנדיק דאָס, האָט ער געוואָלט אַראָפּנעמען איר דעם פּאַלטאָ, זי האָט אָבער אָפּגעזאָגט, נישט וועלנדיק צונעמען זיינע דינסטן. דאַמאָלס, איז ער, האָבנדיק אַ פול האַרץ פון זיין פריערדיקן שמועס מיט ליטקאַן, אויף איר אומגעריכט אַ פאַל אַרויף געטון:

— דאָס איז אַ פשוטע העפלעכקייט און נישט מער, און ווען אפילו עס זאָל זיין עפּעס מער, וואָלט איר געמעגט איבערלאָזן אייער ווידערווילן צו מיר אונטער דער שוועל, ווייל דאָרט איז דאָ אַ קראַנק קינד, וואָס נישט בלויז איך, נאָר איר האָט אויך ליב. אין דעם איז פשוט נישטאָ נישט בלויז קיין גוטס, נאָר אפילו קיין טאַקט. איך וואָלט דאָך פונקט אַזוי אַראָפּגענומען דעם פּאַלטאָ בײַ יעדער אַנדערער פרוי און נישט וויסן, אַז איך טראַכט איצט וועגן ליטקאַן און מער וועגן קיין זאַך נישט.

ער האָט עס געזאָגט מיט גרויס היץ, אַזוי, אַז פריילין מאַריניאַ, אויף וועלכער ס'איז געקומען פּלוצלינג, האָט זיך באמת אַביסל איבערגעשראָקן, אַביסל פאַרלוירן דעם קאָפּ, אַזוי, אַז זי האָט מיט הכנעה דערלויבט אַראָפּצונעמען פון זיך דעם פּאַלטאָ

און נישט בלויז נישט געפונען אין זיך קיין קראַפט זיך צו באַליידיקן, נאָר דערפילט, אַז אַזוי קען רעדן אַ מענטש, וואָס איז אמתדיק און טיף געריִרט פון דער אומרויִקייט און עגמת-נפש, אַלזאָ אַ מענטש, וואָס פילט אמתדיק און איז בעצם אַ גוטער.

אפשר ענדלעך האָט זיין אומגעריכטע ענערגיע אַ רעד געטון צו איר ווייבערישער נאַטור, ס'איז גענוג, אַז פּאָלאַניעצקי האָט זי איצט, אין דער מינוט, מער גענומען, ווי ווען עס איז, זינט זיי האָבן זיך געזען אין קזשעמיען, און ער האָט ביז איצט קיינמאָל נישט דערמאָנט אַזוי שטאַרק דעם טיכטיקן ייִנגנמאַן, וואָס האָט זי אַרומגעפירט אַמאָל איבערן קזשעמיעניצער גאָרטן, ס'איז באמת געווען אַ פאַרבייגייענדיקער איינדרוק, וואָס האָט נישט געקענט באַשליסן וועגן זייערע קעגנזייטיקע באַציִונגען, זי האָט אָבער דערווייל אויפגעהויבן אויף אים אַ ביסל פאַרחידושטע אויגן, אָבער נישט קיין בייזע, און האָט אַ זאָג געטון:

— איך בעט אייך איבער...

ער ווידער האָט אין משך פון דער צייט זיך געכאַפּט און זיך פאַרשעמט.

— דאָס בעט איך אייך איבער, ליטקאַ האָט היינט גערעדט פון איר טויט, בין איך אַזוי צעטומלט, אַז איך קען זיך קיין עצה נישט געבן!... איר דאַרפט דאָס פאַרשטיין און מיר מוחל זיין.

זאָגנדיק דאָס, האָט ער איר שטאַרק אַ דריק געטון די האַנט און איז אַוועק.

## XVI.

אויפצומאָרגנס האָט מאַריניאַ פאָרגעלייגט פרוי עמיליאַן צו בלייבן וווינען באַ איר, ביז ליטקאַ וועט אינגאַנצן געזונט ווערן. ליטקאַ ווידער האָט אונטערגעשטיצט איר בקשה, אויף וואָס פרוי עמיליאַ האָט נאָך אַ קורצן ווידערשטאַנד געמוזט מסכים זיין. זי איז באמת געפאַלן פון די פיס פאַר מידעקייט. די קראַנקהייט האָט געפאָדערט אַן אומאויפהערלעכע און אומגעוויינטלעכע וואַכזאַמקייט, מחמת אַ נייער אָנפאַל האָט געקענט קומען אַ ליאַדע רגע. שווער איז געווען זיך צו פאַרלאָזן, אַז די געטרייסטע דינסט אפילו זאָל נישט איינדרימלען גראָד אין אַזאַ מינוט, ווען גיכע הילף האָט געקענט באַשליסן וועגן קינדס לעבן — דעריבער איז מאַריניאַס אָנוועזנהייט געווען אַן אמתע הילף און באַרויִקונג פאַר דער פאַרדאגהטער מוטער.

וואָס שייך הער פלאַוויצקין, האָט ער ליבערשט געגעסן אין רעסטאָראַן, ווי אינדערהיים, און האָט דעריבער קיין שוועריקייטן נישט געמאַכט. איבעריקנס, איז מאַריניאַ יעדן טאָג אַריינגעפאַלן זיך דערוויסן, וואָס ער מאַכט, און ברענגען אין אָרדנונג די שטוב-

חשבונות, דערנאָך זיך אומגעקערט צו פרוי עמיליאַן, כדי אָפּצוזיצן אַ האַלבע נאַכט לעבן דער קליינער.

אַזוי אַרום האָט פּאַלאַניעצקי, וואָס האָט אַלע זיינע פרייע מינוטן פאַרבראַכט באַ פרוי עמיליאַ און אויפגענומען, אָדער ריכטיקער, אָפּגעשאַפּט מיט אַ דאַנק די אַלע, וואָס פלעגן קומען זיך דערוויסן וועגן דעם מיידלס געזונט, יעדן טאָג געזען מאַריניאַן.

און ער האָט זי באמת באַוווּנדערט. פרוי עמיליאַ אַליין האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין גרעסערע זאָרגעוודיקייט פאַר דער קראַנקער און האָט בעסער נישט געקענט אַרום איר אומגיין. אין אַ וואָך אַרום איז מאַריניאַס געזיכט געוואָרן בלאַסער פון נישט אויסרוען זיך און שרעק, די אויגן האָבן באַקומען טונקעלע רעדער, אָבער די קראַפט און ענערגיע אירע, האָט זיך געדאַכט, וואַקסט פון מינוט צו מינוט. זי האָט דערביי געהאַט אין זיך אַזוי פיל זיסקייט און גוטסקייט, עפּעס אַזאַ שטילס און איידלס איז געווען אין די מינוטן, וואָס זי האָט אָפּגעגעבן ליטקאָן, אַז דעם מיידעלע, נישט קוקנדיק אויף איר פאַרדרוס, וואָס זי האָט געפּילט צו מאַריניאַן אין איר קליין נשמהלע, האָט אָנגעהויבן ווערן גוט מיט איר. און ווען זי פלעגט אַוועקגיין אויף עטלעכע שעה צום פאָטער, האָט די חולנית געפלעגט זי אויסקוקן מיט בענקשאַפט.

בכלל האָט דער קליינערס געזונט די לעצטע צייט זיך אַ ביסל פאַריכט. דער דאָקטאָר האָט דערלויבט איר זיך אויפצוהייבן, זיך איבערצוגיין איבערן צימער און זיך זעצן אין פאָטעל, וואָס מען האָט אין זוניקע טעג צוגערוקט צו דער טיר פון באַלקאָן, כדי זי זאָל קענען קוקן אין גאַס אַריין און זיך ווײַלן מיט דער באַוועגונג פון מענטשן און עקיפּאַזשן.

פּאַלאַניעצקי, פרוי עמיליאַ און פריילין מאַריניאַ האָבן זי דאַמאָלס געפלעגט אָפט אַרומרינגלען און דער אָביעקט פון זייערע שמועסן איז געווען דאָס, וואָס עס טוט זיך אויף דער גאַס. צייטנווייז פלעגט דאָס קינד מיד און פאַרטראַכט ווערן, צייטנווייז האָט אָבער גענומען די אויבערהאַנט איר קינדישע נאַטור און ס'האָט זי אַלץ געפלעגט ווײַלן, אפילו די אָקטאָבער-זון, וואָס האָט פאַרגאָסן די דעכער, ווענט און שויבן פון די געוועלבער

מיט בלאַס גאָלד, די טואַלעטן פון די פאַרבייגייער און די אויס־געשרייען פון די פאַרקויפער. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז די מעכטי־קע עלעמענטן פון לעבן, וואָס קלאַפן אינם געווירבל פון דער שטאָט, גייען אַריין אין קינד און לעבן עס אויף. צייטנווייז פלעגן איר אויך קומען אין קאָפּ אַריין מאָדנע געדאַנקען, און איינמאָל, ווען עס האָט זיך לעבן דעם באַלקאָן דורכגערוקט אַ שווערער וואָגן, וואָס האָט געפירט ציפּ־יסן־ביימער און דאָני־צעס, וועלכע האָבן זיך באַגעשאַקלט נאָכן וואָגן, כאָטש זיי זענען געווען צוגעבונדן מיט קייטן, האָט די קליינע אַ זאָג גע־טון:

— עס קלאַפּט אין זיי דאָס האַרץ.

דערנאָך האָט זי אויפגעהויבן די אויגן אויף פּאָלאָניעצקין און אַ פרעג געטון:

— הער סטאַך, ביימער לעבן לאַנג?

— זייער לאַנג, אַ טייל לעבן טויזנטער יאָרן.

— אָ, כ'וואָלט וועלן זיין אַ בוים. וואָסערע האָט די מאַמע־שי מער פון אַלץ ליב?

— בעריאָזעס.

— וואָלט איך וועלן זיין אַ קליין בעריאָזקעלע, די מאַמע־שי וואָלט געווען אַ גרויסע און מיר וואָלטן צוזאַמען געוואַקסן. און הער סטאַך וואָלט אויך וועלן זיין אַ בעריאָזע?

— אַבי כ'זאָל ערגעץ וואַקסן, נישט ווייט פון דעם קליינעם בעריאָזעלע.

ליטקאַ ווידער האָט אויף אים אַ קוק געטון, און שאָקלענדיק אַ ביסל טרויעריק מיטן קעפּל, האָט זי אַ זאָג געטון:

— אָ, ניין! איך ווייס איצט אַלץ. איך ווייס לעבן ווען הער סטאַך וואָלט וועלן וואַקסן.

פריילין מאַריניאַ האָט זיך צעטומלט און אַראָפּגעלאָזט די אויגן אויף דער אַרבעט, פּאָלאָניעצקי ווידער האָט אָנגעהויבן לייכט גלעטן מיט דער האַנט איר בלאָנד קעפּל און געחזרט:

— מיין ליב קעצעלע, מיין טייערס! מיין, מיין!...

ליטקאַ איז אַנטשוויגן געוואָרן; דערנאָך האָבן פון אונטער

ירע לאַנגע ווײַסע אַראָפּגעטריפט צוויי טרערן און זיך אַראָפּגע־קײַקלט שטיל איבער אירע בעקלעך.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי אָבער אויפגעהויבן איר זיס פּנימל, וואָס האָט געשײַנט מיט אַ שמייכל.

— איך האָב זייער ליב די מאַמעשי — האָט זי אַ זאָג געטון — כ׳האָב ליב הער סטאַכן און כ׳האָב ליב מאַריניאַן.

# XVII.

פראָפעסאָר וואַסקאָווסקי האָט יעדן טאָג זיך געפלעגט נאָכפרעגן, וואָס די קליינע מאַכט. און הגם מען האָט אים על־פּי־רוב נישט אויפגעגעבן מען, האָט ער איר געשיקט בלומען. פּאָלאָניעצקי האָט איינמאָל, באַגעגנדיק אים אויף מיטאָג, אָנגעהויבן דאַנקען אין פרוי עמיליאַס נאָמען.

— אסטרעס, נאָר אסטרעס! — האָט געענטפערט דער פראָפעסאָר — וואָס מאַכט זי עפּעס היינט?

— היינט, נישקשה. בכלל אָבער, נישט גוט. ערגער, ווי אין רייכנהאַל, עס שרעקט תמיד דער מאָרגן, אָך, ווען מען דערמאַנט זיך, אַז דאָס קינד קען חלילה פעלן!...

דאָ האָט פּאָלאָניעצקי אָפּגעריסן, מחמת ס'האָט אים אויסגעפעלט ווערטער אין האַלדז; ענדלעך, וועלנדיק זיך אַליין איבערשלאָגן, האָט ער גענומען שעלטן.

— וואָס האָט מען דאָ צו קוקן אויף עפּעס אַ חסד. ס'איז דאָ בלויז לאָגיק, וואָס זאָגט, אַז עמעץ האָט אַ קראַנק האַרץ, מוז ער שטאַרבן — זאָל דער רוח נעמען אַזאַ לעבן!

באותו-הרגע איז אָנגעקומען בוקאַצקי, וועלכער איז, דער־ווייסנדיק זיך אין וואָס עס גייט, אויך אָנגעפאַלן אויפן פּראָפעסאָר וואַסקאָווסקי, מחמת ער האָט אויך שטאַרק ליב געהאַט ליטקאַן און אין האַרצן בײַ זיך דעריבער זיך געבונטעוועט באַם געדאַנק, אַז עס דראָט זי דער טויט.

— ווי קען מען עס זיך אַליין ווען נאָ־ן יאָרן לאַנג און אַרויסזאָגן געדאַנקען, פון וואָס דער בלינדער גורל מאַכט אַש און רויך.

דער אַלטער מאַן האָט אָבער מילד געענטפערט:

— ווי קענט איר, מיינע ליבע, מעסטן מיט אייער אייגענע מאָס גאָטס חכמה און חסד? דעם, וואָס איז אַראָפּ אונטער דער ערד, רינגלט אַרום דאָס חשכות, אָבער ער האָט נאָך נישט קיין רעכט צו לייקענען, אַז איבערן געוועלב איז פאַראַן אַ הימל און אַ זון און וואַרעמקייט...

— אַ שיין נחת — האָט פּאָלאָניעצקי איבערגעריסן — אַ פליג קען בײַ דער פילאָזאָפיע נישט בלייבן לעבן, בפרט נאָך אַ מוטער, בײַ וועלכער עס שטאַרבט אָפּ דאָס אייציקע און געליבטע קינד.

אָבער דעם פּראָפעסאָרס קליינע אויגן זענען שוין כמעט געווען אויף יענער זייט וועלט; ער האָט אַ רגע עקשנותדיק געקוקט פאַר זיך, דערנאָך האָט ער זיך צוגערופן, ווי אַ מענטש, וועלכער זעט עפּעס און איז אָבער נישט זיכער, צי ער זעט גוט.

— און מיר דאַכט זיך, אַז דאָס קינד האָט זיך שוין צופיל איינגעפרעסט אין מענטשלעכן האַרץ, אַז מען זאָל סתם אַזוי קענען פאַרבייגיין און עס איבערלאָזן אָן שום שפור. ס'איז עפּעס פאַראַן אין דעם, עס איז גיר געווען באַשערט עפּעס, זי מוז פאַרן טויט עפּעס מתקן זיין.

— דאָס איז מיסטיציזם. — האָט אַ זאָג געטון בוקאַצקי.

פּאָלאָניעצקי האָט אים אָבער איבערגעשלאָגן:

— הלוואי ס'זאָל אַזוי זיין: יאָ מיסטיציזם, נישט מיסטיציזם, הלוואי וואָלט עס אָבער אַזוי געווען! אַ מענטש כאַפּט זיך אָן אין

אַן עת־צרה אפילו אָן אַ שאָטן פון האָפנונג. מיר איז אויך קיינמאָל אויפן רעיון נישט געקומען, אַז זי זאָל שטאַרבן.

און דער פּראָפעסאָר האָט צוגעגעבן:

— ווער ווייסט, אפשר וועט זי אונדז נאָך אַלע איבער־לעבן!

פּאָלאָניעצקי האָט זיך געפונען אין דער פּאָזע פון סקעפּטי־ציזם, ווען אַ מענטש איז אין קיין זאַך נישט זיכער, ער האַלט אָבער אַלץ פאַר מעגלעך, בפרט נאָך דאָס אַלץ, וואָס זיין הארץ פאַרלאַנגט אין דעם פאַל. ער האָט דעריבער אַביסל לייכטער אָפּ־געאָטעמט און זיך אָנגענומען מיט האָפנונג.

— זאָל דער אייבערשטער רחמנות האָבן אויף איר און אויף פרוי עמיליאַ — האָט ער אַ זאָג געטון — כ'וואָלט געגעבן אויף הונדערט תפילות אָפּצוריכטן, ווען כ'זאָל וויסן, אַז דאָס וועט איר העלפן.

— גיב אויף אייגער, אַבי מיט אַן ערלעכער כוונה.

— כ'וועל געבן! כ'וועל געבן! וואָס שייך דער ער־לעכקייט פון דער כוונה, וואָלט איך ערלעכער נישט געווען, ווען עס זאָל גיין אין מיין פעל.

וואַסקאָווסקי האָט אַ שמייכל געטון און געזאָגט:

— דו ביסט אויף אַ גוטן וועג, ווייל דו קענסט ליב האָבן.

און אַלעמען איז עפּעס לייכטער געוואָרן. בוקאַצקי, אויב ער האָט באַ זיך אין הארץ געמיינט עפּעס אַנדערש, ווי דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט וואַסקאָווסקין, האָט נישט געוואָגט דערפון זיך אָפּצורופן, מחמת דער סקעפּטיציזם זיינער, אפילו אַן איינגעע־וואָרצלטער, טוט אַן אַ שלייער אויפן קאָפּ נישט בלויז פחדנים, נאָר אויך אַנדערע, וואָס זוכן זיך מציל צו זיין פון אמתן אומגליק דורך גלייבן, אָבער באַ זיך אַליין זעט ער אויס נישטיק און קליין.

ביגעל, וואָס איז גראָד די רגע אָנגעקומען, האָט דערזען פריילעכע פנימער און האָט אַ זאָג געטון:

— כ'זע נאָך איין זאַך, — אַז דער קלײנער איז נישט ערגער.

— ניין, ניין! — האָט אַ זאָג געטון פּאָלאָניעצקי — דער פּראָפעסאָר האָט אונדז געזאָגט אַזעלכע תמימותדיקע זאַכן, אַז גאָר צו אַ מכּה אים צוצולייגן.

— געלויבט צו גאָט. מיין ווייב האָט היינט מנדר געווען אויף אַ תּפילה, און נאָכדעם אַוועק צו פּרוי עמיליאַן. היינט וועל איך עסן מיט אייך, ווייל כ'האָב אורלויב, און אויב ליטקאַן איז בעסער, וועל איך אייך זאָגן אַ צווייטע גוטע בשורה.

— וואָס אַזוינס?

— כ'האָב אָקאָרשט געטראָפן מאַשקאַן, וואָס וועט אגב באַלד אַהערקומען, און אַז ער וועט קומען, זאָלט איר אים אָפּגעבן מזל־טוב, ווייל ער האָט חתונה.

— מיט וועמען? האָט אַ פרעג געטון פּאָלאָניעצקי.

— מיט מיין שכנה.

— מיט פרײלין קרעסלאָווסקאַ?

— יאָ.

— כ'פאַרשטיי, — האָט אַ זאָג געטון בוקאַצקי — ער האָט די דאַמען אויף שטויב צעריבן מיט זיין גדלות, מיט זיין שטאַם און עשירות און פון דעם שטויב האָט ער זיך צונויפגעקלעבט אַ ווייב מיט אַ שוויגער.

— גיט מיר צו פאַרשטיין איין זאַך — האָט אַ זאָג געטון פּראָפעסאָר וואַסקאָווסקי — מאַשקאָ איז אַ רעליגיעזער מענטש...

— אַלס קאָנסערוואַטיסט — האָט איבערגעריסן בוקאַצקי — לשם פיינקייט.

— און די דאַמען אויך — האָט ווייטער גערעדט וואַסקאָווסקי.

— אויס רגילות...

— פאַרוואָס־זשע פאַרטראַכטן זיי זיך קיינמאָל נישט וועגן קומענדיקן לעבן?

— מאַשקאָ! פאַרוואָס פאַרטראַכסטו זיך נישט וועגן קומענ־

דיקן לעבן קיינמאָל! — האָט אויסגעשריגן בוקאָצקי, ווענדנדיק זיך צום אדוואָקאט, וואָס איז באותו-הרגע אַריינגעקומען.

מאשקאָ האָט זיך דערגענטערט צו זיי און האָט אַ פרעג געטון:

— וואָס זאָגסטו?

— איך זאָג: מאשקאָ, גיבע!

דאַמאָלס האָבן אים אַלע אָנגעהויבן ווינטשן, ער ווידער האָט עס אָנגענומען מיט גרויס ווירדע, און לסוף האָט ער אַזוי געזאָגט:

— מיינע טייערע, איך דאַנק אייך פון גאַנצן הארץ, היות איר קענט אַלע מיין כלה, בין איך נישט מסופק אין דער אויפריכטיקייט פון אייערע ווונטשן.

— דערלויבט זיך עס נישט! — האָט אַ זאָג געטון בוקאָצקי.

און פאַלאַניעצקי האָט צוגעגעבן:

— קזשעמיען איז דיר געקומען צו דער רעכטער צייט.

קזשעמיען איז אים באמת געהאַט געקומען צו דער רעכטער צייט, מחמת אָן דעם וואָלט ער אפשר נישט געוואָרן אָנגענומען. אָבער דווקא פאַר דעם איז דידאָזיקע באַמערקונג אים נישט געווען אָנגענעם, דעריבער האָט ער זיך אַ קרום געטון און געזאָגט:

— האָסט מיר לייכט געמאַכט די קניה און כ'בין דיר צייטנוויז דאַנקבאַר פאַר דעם, צייטנוויז אָבער פאַרשעלט איך דיך.

— פאַרוואָס?

— ווייל דיין פעטער פלאַוויצקי איז דאָס לאַנגווייליקסטע און אומדערטרעגלעכסטע נפש אויף דער וועלט, כ'רעד שוין נישט פון דיין קרובה, וועלכע איז זייער אַ ליב מיידל, אָבער זי בייגט אויף אַלע זיבן בייגפאַלן פון דער פרי ביז אין אָוונט איר אומפאַרגעסלעך קזשעמיען און גיט באַ יעדן מאָל צו אַ טרער. צו קומען זעלטן ווען אַהין, אָבער גלייב מיר, אַז דאָס איז אויך גאַנץ לאַנגווייליק.

און פּאָלאָניעצקי האָט אים אָנגעהויבן קוקן אין די אויגן אַריין און האָט געענטפערט:

— הער, מאשקאָ. איך האָב אויסגערעדט אויף מיין פעטער אסור-לדבר, אָבער דאָס הייסט נישט, אַז איך דאַרף געדולדיק אויסהערן, ווי עמעץ רעדט אויף אים אויס, בפרט נאָך אַזאַ אייִנער, וואָס האָט געמאַכט אים בײַ אַ גוט געשעפט. וואָס שייך פריילין מאַריאַ, ווייס איך, אַז קושעמיען איז איר אַ שאָד, אָבער דאָס דערווייזט בלויז, אַז זי איז נישט קיין פּוסטע ליאַלקע, נישט קיין מאַנעקין, נאָר אַ פרוי מיט האַרץ, פאַרשטייסט!

ס'איז אַנטשטאַנען אַ מינוט פון שווייגן. מאשקאָ האָט אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען, וועמען פּאָלאָניעצקי האָט אין זין, בשעת ער האָט גערעדט וועגן אַ פּוסטער ליאַלקע און מאַנעקין, דעריבער האָבן זיינע פלעקן אויף די באַקן באַקומען אַ ציגל-קאָליר און די ליפּן האָבן אָנגעהויבן ציטערן. ער האָט זיך אָבער איינגעהאַלטן. ער איז נישט געווען גאָר קיין פחדן, אָבער דער דרייסטסטער מענטש אפילו האָט געוויינטלעך עמעצן, מיט וועמען ער וואָלט ליבערשט וועלן נישט אייַנרייסן, און פאַר מאשקאָן גראָד איז דערדאָזיקער עמעץ געווען פּאָלאָניעצקי.

אַ ציק טוענדיק מיט די אַקסלען, האָט ער אַ זאָג געטון:

— וואָס ביסטו אַזוי אין כעס? אויב דאָס פאַרשאַפט דיר עגמת-נפש...

פּאָלאָניעצקי אָבער האָט אים איבערגעשלאָגן די רייד:

— איך בין נישט אין כעס, איך ראָט דיר בלויז צו געדענקען מיינע ווערטער.

און ער האָט אים ווייטער געקוקט אין די אויגן אַריין, מאשקאָ ווידער האָט אַ טראַכט געטון: „אויב דו ווילסט דווקא אַ סקאַנדאַל, קענסטו עס האָבן".

— דיינע ווערטער — האָט ער געענטפערט — קען איך געדענקען, אָבער נעם דו אויך אָן מיין עצה: דערלויב זיך נישט צו רעדן מיט מיר אין אַזאַ טאָן, אַז איך זאָל אים אויך קענען מיר נעמען אין זין אַריין און רופן דיך זיך רעכענען.

— וואָס איז דאָס, צו אַלדי רוחות! — האָט אָנגעהויבן בו־קאָצקי — וואָס איז עס מיט אייך!

פּאָלאָניעצקי אָבער, וואָס האָט אויף מאַשקאַן געהאַט שוין אַ האַרץ פון לאַנג אָן, וואָלט זיכער געוועזן די זאַך אַ רוק געטון ביזן לעצטן גבול, ווען נישט דאָס, וואָס אין דער מינוט איז אין קאַבינעט אַריינגעפאַלן פרוי עמיליאַס דינער.

— הער! — האָט ער אַ זאָג געטון אַ פאַרסאַפּעטער — דאָס פריילין שטאַרבט!

פּאָלאָניעצקי איז בלאַס געוואָרן, און אַ כאַפּ־טועניק דעם הוט, איז ער אַ שפרונג צו געטון צו דער טיר. ס'איז אָנטשטאַנען אַ טויב, לאַנג שווייגן, וואָס מאַשקאָ האָט ענדלעך איבערגעריסן:

— כ'האָב פאַרגעסן — האָט ער געזאָגט — אַז אים מוז מען איצט אַלץ מוחל זיין.

און וואַסקאָווסקי האָט, פאַרדעקנדיק די אויגן מיט די הענט, אָנגעהויבן מתפלל זיין.

ענדלעך האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זיך אָנגע־רופן:

— איין גאָט האָט איינגעצוימט דעם טויט און ער איז בכוח אים איינצוהאַלטן.

אין אַ פערטל שעה אַרום האָט ביגעל טאַקע באַקומען פון זוויב אַ בריוול מיט די ווערטער:

„דער אָנפאַל איז אַריבער".

## XVIII.

פאָלאָניעצקי האָט זיך געאײַלט צו פרוי עמיליאַן אין איין שרעק, צי ער וועט נאָך דערווישן ליטקאַן, מחמת דער באַדינער האָט אים אויפן וועג געזאָגט, אַז דאָס מיידעלע האָט אויפן וועג געקריגן קאָנוווּלסיעס און האָט געגוסט. בשעת אָבער ער איז אָנגעקומען אויפן אָרט, איז פרוי עמיליאַ אים אַנטקעגן געלאָפן און מיט איין אָטעם, פון דער טיפער ברוסט, אַ וואָרף געטון אים די ווערטער:

— בעסער! בעסער!

— דער דאָקטאָר איז דאָ? — האָט אַ פרעג געטון פאָלאָניעצקי.

— דאָ.

— און די קליינע?

— שלאָפט.

אויף פרוי עמיליאַס געזיכט האָט דאָס רעשט ביסל שרעק געקעמפט מיט דער האָפנונג און פרייד. פאָלאָניעצקי האָט באַ-

מערקט, אַז די ליפּן אירע זענען געווען כמעט ווייס, די אויגן טרוקן און פאַרויטלט און דאָס פּנים מיט פלעקן. זי איז געווען טויט-מיד, ווייל זי איז אַ מעת לעת נישט געהאַט געשלאָפן.

דער דאָקטאָר אָבער, אַ יונגער און ענערגישער מענטש האָט געהאַלטן, אַז די סכנה איז דערווייל פאַרביי. פרוי עמיליאַן האָט דער עיקר געשטאַרקט דאָס, וואָס ער האָט איר געזאָגט אין פּאָ-לאַניעצקיס געגנוואַרט:

— מיר טאָרן נישט דערלאָזן צו קיין צווייטן אָנפאַל און מיר וועלן נישט דערלאָזן.

אין די ווערטער איז טאַקע געווען האָפענונג משמעות, אַז דער דאָקטאָר האָט געהאַלטן דאָס נישט דערלאָזן צו אַ צווייטן אָנפאַל פאַר אַ מעגלעכע זאַך, ס'איז אָבער אויך געווען אַ התראה, אַז דער צווייטער וואָלט געקענט זיין אַ שטערבלעכער. פרוי עמי-ליאַ האָט אָבער איצט זיך אָנגעכאַפּט אָן יעדער האָפענונג, ווי אַ מענטש, וואָס פאַלט אין אַן אָפּגרונט, כאַפּט זיך אָן אָן צווייגן פוןביימער, וואָס וואַקסן איבערן ראַנד זייגעם.

— מיר וועלן נישט דערלאָזן! מיר וועלן נישט דער-לאָזן! — האָט זי איבערגעחזרט, דריקנדיק פיבערדיק דעם דאָק-טאָרס האַנט.

פּאָלאַניעצקי האָט אים קוים אַ קוק געטון אין די אויגן אַריין, ווי ער וואָלט וועלן אין זיי אויסלייענען, צי ער זאָגט עס לשם באַרויקונג פאַר דער מוטער, אָדער אויפן גרונט פון זיין דאָקטאָרשער איבערצייגונג, דערנאָך האָט ער אויף אַ פרווו אַ פרעג געטון:

— איר ווייסט היינט פון איר נישט אָפּטרעטן?

— כ'זע נישט די קלענסטע באַדערפעניש אין דעם — האָט געענטפערט דער דאָקטאָר — דאָס קינד איז אויסגעשעפּט און וועט מכתּמא לאַנג און שטאַרק שלאָפן. מאָרגן וועל איך קו-מען, אָבער היינט קען איך מיר גאַנץ רויק אַהיימגיין.

באַלדעם האָט ער זיך געווענדט צו פרוי עמיליאַן.

— איר דאַרפט זיך אויסרוען. יעדע סכנה איז פאַרביי, מען דאַרף אָבער, אַז די קראַנקע זאָל נישט באַמערקן אויף אייער

פנים נישט קיין אומרו, נישט קיין מידקייט, מחמת זי קען פון דעם אַליין ווערן אומרויק, און אויף דעם איז זי צו שוואַך.

— איך וואָלט נישט געקענט איינשלאָפן — האָט געענטפערט פרוי עמיליאַ.

דער דאָקטאָר אָבער האָט אויף איר אַ קוק געטון מיט זייַנע בלויע-בלויע אויגן און איינקוקנדיק זיך אין איר ווי מיט אַ געוויסער אָנשטרענגונג, האָט ער פּאַמעלעך אַ זאָג געטון:

— אין אַ שעה אַרום וועט איר אייך לייגן און וועט תיכּף אַנטשלאָפן ווערן. זעקס-אַכט שעה וועט איר כּסדר שלאָפן... מאָרגן וועט איר זיך פילן שטאַרק און אויסגערוט. און איצט, אַ גוטע נאַכט.

— און טראַפּנס, אויב די קליינע וועט זיך וועקן?

— טראַפּנס וועט עמעץ אַנדערש איר איינגעבן. איר וועט שלאָפן, אַ גוטע נאַכט.

און ער האָט זיך געגומען געזעגענען. פּאָלאַניעצקי, האָט אים געוואָלט נאָכגיין, כּדי צווישן פיר אויגן אים אויסצופרעגן וועגן ליטקאַן, ער האָט אָבער אַ טראַכט געטון, אַז אַזאַ מין לעבעדיקער שמועס וואָלט געקענט באַאומרויקן פרוי עמיליאַן, האָט ער ליבערשט זיך מיאש געווען פון דעם, אָפּמאַכנדיק מיט זיך, אויפצומאָרגנס צוצוגיין צום דאָקטאָר אַ היים און דאָרט זיך מיט אים דורכשמועסן.

אין אַ ווײַלע אַרום, ווען ער איז געבליבן אויג אויף אויג מיט פרוי עמיליאַן, האָט ער אַ זאָג געטון:

— גוט, ווי דער דאָקטאָר הייסט. מען דאַרף זיך אויסרוען. איך זאָג אייך פאָרויס, אַז איך גיי איצט צו ליטקאַן אין צימער אַרײַן און כ׳וועל זיך פון דאָרט אַ גאַנצע נאַכט נישט אַוועקרירן.

אירע אַלע רעיונות אָבער זענען געווען לעבן דער קליינער, דעריבער האָט זי אָנשטאָט צו ענטפערן פּשוט, אַ זאָג געטון:

— ווייסט איר, אַז נאָכן אָנפאַל, איידער זי איז איינגעשלאָפן געוואָרן, האָט זי עטלעכע מאָל אויף אייך געפרעגט...

און אויף מאַריניאַן אויך... זי איז איינגעשלאָפן מיט דער פראַגע: „ווו איז הער סטאַך?"

— מיין טייערס, נעבעך. איך וואָלט סיי ווי סיי געווען געקומען תּיכּף נאָכמיטאָג. כ'בין אַהערגעלאָפן קוים אַ לעבעדיקער. ווען האָט זיך דער אָנפאַל אָנגעהויבן?

— פאַרמיטאָג-צייט. פונדערפרי אָן איז זי געווען טרויעריק, ווי זי וואָלט עפּעס פאַרפילן. איר ווייסט, אַז זי פאַרזיכערט מיר אַלעמאָל, אַז זי איז געזונט, זי האָט אָבער זיך געמוזט שלעכט פילן, ווייל פאַרן אָנפאַל האָט זי זיך געזעצט לעבן מיר און געבעטן, כ'זאָל זי האַלטן פאַרן ה נטל. נעכטן נאָך — כ'האָב אייך פאַרגעסן צו זאָגן! — האָט זי מיר געשטעלט אַזעלכע מאָדנע פראַגן: צי איז אמת, אַז ווען אַ קראַנק קינד בעט עפּעס, זאָגט מען עס קיינמאָל נישט אָפּ? איך האָב איר געזאָגט, אַז יאָ, סיידן עס זאָל בעטן זאַכן, וואָס ס'איז אוממעגלעך אויסצופירן. ס'האָט זיך איר מסתּמא עפּעס געדרייט אין קעפּל, ווייל אין אָוונט, ווען מאַריניאַ איז אויף אַ ווײַלע אַריין, האָט זי אונדז ווידער געשטעלט דיזעלבע פראַגן. זי איז אַוועק שלאָפן אַ פריילעכע, היינט אינדערפרי אָבער האָט זי זיך באַקלאָגט, אַז עס איז איר דושנע. אַ מערכה כ'האָב געהאַט געשיקט נאָכן דאָקטאָר פונקט פאַרן אָנפאַל און ער איז תּיכּף געקומען.

— די גרעסטע מערכה איז דאָס, וואָס ער איז אַוועק אַזוי זיכער, אַז דער אָנפאַל וועט זיך נישט איבערחזרן. איך בין זיכער, אַז ער איז אין דעם איבערצייגט.

פרוי עמיליאַ האָט אויפגעהויבן די אויגן אינדערהייך:

— דער אייבערשטער איז אַ בעל-רחמים! אַזאַ גוטער! אַז...

אין נישט קוקנדיק אויף אַלע באַמיִונגען, האָט זי אָנגעהויבן כליפּען, מחמת דער געשטיקטער פּחד און יאוש זענען אין איר פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פרייד און געפונען אַן אויסגאַנג דורך טרערן. אין דער איידעלער און גייסטרייכער נאַטור, האָט די איינגעבוירענע עקזאַלטאַציע אַלעמאָל אַ תּל געמאַכט פונם ניכטערנעם שכל-הישר, צוליב וואָס פרוי עמיליאַ האָט זיך פון קיין זאַך קיין

חשבון נישט אָפּגעגעבן וועגן דעם אמתן מצב-הענינים און האָט איצט למשל נישט געהאַט דעם קלענסטן ספק, אַז ליטקאַס קראַנקהייט האָט זיך איינמאָל פאַר אַלעמאָל געענדיקט מיטן לעצטן אָנפאַל און, אַז פון היינט אָן וועט זיך פאַר איר אָנהייבן אַ פעריאָד פון פולקים געזונט זיין.

פּאָלאַניעצקי ווידער האָט נישט געהאַט נישט קיין חשק, נישט קיין האַרץ, אָנצווייזן איר דעם מיטלוועג צווישן יאוש און שמחה. זיין האַרץ איז איבערפולט געווען פאַר איר מיט גרויס רחמנות און ס'איז געקומען אויף אים איינע פון די רגעס, ווען ער האָט קלאָר, ווי אַלעמאָל, געפילט, ווי טיף, הגם אָן פניות, ער איז צוגעבונדן צו דער עקזאַלטירטער און אידעאַלער פרוי ווען זי זאָל געווען זיין שוועסטער, וואָלט ער זי אַרומגענומען און צוגעדריקט צו דער ברוסט, דערווייל האָט ער איר אַ קוש געטון אין אירע איידעלע, אויסגעדאַרטע הענט און האָט אַ זאָג געטון:

— געלויבט איז גאָט, געלויבט איז גאָט! גיט, טייערע מאַדאַם, איצט אַ טראַכט וועגן זיך, און איך גיי צו דער קליינער און וועל זיך נישט אַוועקרירן, כּל-זמן זי וועט זיך נישט אויפכאַפּן.

און ער איז אַוועק. אין ליטקאַס צימער האָט געהערשט אַ חשכות, ווייל די זשאַלוזיעס זענען געווען אַראָפּגעלאָזט, און אינדרויסן איז די זון שוין אונטערגעגאַנגען, אַז בלויז דורך די שפּאַרעס צווישן די בלעטלעך האָבן זיך דורכגעריסן אַ ביסל רויטלעכע שטראַלן, וואָס האָבן נישט גענוג באַלויכטן דאָס צימער און, וואָס זענען איינגיכן פאַרשוואונדן, מחמת דער הימל האָט אָנגעהויבן ווערן כמורנע. ליטקאַ איז געשלאָפן געשמאַק. פּאָלאַניעצקי האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן איר, צוגעהויבן זיך איינקוקן אין איר איינגעשלאָפן געזיכט און די ערשטע רגע האָט אים דאָס האַרץ פאַרקלעמט פונם ווייטיקלעכן געפיל. ליטקאַ איז געלעגן מיטן פנים אַרויף, מיטן קעפּל געווענדט צום סופיט; די אָרימע, דינע הענטלעך אירע זענען אָנמעכטיק געלעגן אויף דער קאָלדרע, די אויגן זענען געווען פאַרמאַכט, און אונטער די אויגן האָט זי געהאַט טי-

פּע שאָטנס פון די וויעס. איר בלאַסקייט, וואָס האָט אינם דאָזיקן רויטן האַלב-פינסטערניש אויסגעזען, ווי אַ וואַקסענע, דאָס אָפענע מויל, און ענדלעך דער טיפער שלאָף, האָבן איר פנים געגעבן דעם איינדרוק פון אַזאַ רו, וואָס עס האָבן בלויז געשטאָרבענע. די באַוועגונג אָבער פון די שליאַרקעס מיט וועלכע, עס איז געווען אַרומגעבייט איר נאַרטיש קאַפּטאַנעקל, האָט עדות געזאָגט, אַז דאָס קינד לעבט און אָטעמט. דער אָטעם איז אפילו געווען רויק און זייער אַ נאָרמאַלער.

פּאָלאַניעצקי האָט אַ לאַנגע צייט זיך איינגעקוקט אין דעם קראַנקן געזיכט און נאָכאַמאָל מיט גאַנצן כוח דערפילט דאָס, וואָס ער פלעגט אָפט פילן, ווען ער פלעגט טראַכטן וועגן זיך: דהיינו, אַז די נאַטור האָט אים באַשאַפן צו זיין אַ פאָטער, אַז לעבן דער אויסדערוויילטער פרוי, וואָלטן די קינדער זיינע געקענט זיין די אומגעהייערסטע ליבע פון זיין לעבן, זיין עיקר-ציל און די סיבה פון זיין עקזיסטענץ. ער האָט דאָס פאַרשטאַנען אויס רחמנות און ליבע, וואָס ער האָט באותו-רגע געפילט צו ליטקאַן, וועלכע, הגם אַ פרעמדע, איז לויט איר אָפּשטאַמונג, געווען אים איצט אַזוי טייער, ווי אַן אייגן קינד. „ווען מען זאָל זי מיר אָוועקשענקען" — האָט ער אַ טראַכט געטאָן — „ווען איר זאָל חלילה פעלן די מו-טער, וואָלט איך זי אויף אייביק גענומען און וואָלט געהאַלטן, אַז כ'האָב צוליב וואָס צו לעבן."

ער האָט אויך געפילט, אַז ווען מען זאָל זיך קענען דינגען מיטן טויט, וואָלט ער זיך אָפּגעגעבן אָן לאַנגע שהיות, אַבי אויס-צולייזן „דאָס קעצל", וואָס דער טויט האָט זיך דאָרט געשוועבט איבער דעם, ווי אַ רויב-פויגל איבער אַ טויב. ס'האָט אים אַזאַ האַר-ציקייט אַרומגענומען, וואָס ער האָט ביז איצט נישט געפילט, און דער מענטש, וואָס איז בטבע געווען אַ שאַרפער און אַ גיכער, איז גרייט געווען צו קושן דעם קינדס הענט און קעפּל, אַזוי האַר-ציק, ווי עס וואָלט עס אַפילו נישט געקענט טון יעדעס פרויען-האַרץ.

דערווייל איז פינסטער געוואָרן. און אַ ווײַלע אַרום איז

אַריין פרוי עמיליאַ, פאַרשטעלנדיק מיט דער האַנט דאָס בלויע נאַכט-לעמפל.

— זי שלאָפט? — האָט זי שטיל אַ פרעג געטון, אַוועק־שטעלנדיק דאָס לעמפל אויפן טישל צוקאָפּנס בײַ ליטקאַן.

— זי שלאָפט. — האָט אויך שטיל געענטפערט פּאַלאַניעצקי.

פרוי עמיליאַ האָט זיך אײַנגעקוקט אין דער שלאָפנדי־קער.

— זעט איר — האָט ווײַטער אַ שעפּטשע געטון פּאַלאַניעצ־קי — ווי זי אָטעמט רויק און נאָרמאַל. מאָרגן וועט זי זײַן גע־זונטער און שטאַרקער.

— יאָ! — האָט זי געענטפערט מיט אַ שמייכל.

— איצט איז דער מאַמעס ריי. שלאָפן! שלאָפן! אַנישט וועל איך אָנהייבן זיך שרעקלעך צו בייזערן.

אירע אויגן האָבן כּסדר מיט דאַנקבאַרקייט געלאַכט צו אים. אין דעם מילדן, בלויען שײַן פונם נאַכטלעמפּל האָט זי אויסגעזען ווי אַ וויזיע. איר פּנים איז געווען אײַנגעצן, ווי בײַ אַ מלאך און פּאַלאַניעצקי האָט נישט־ווילנדיק אַ טראַכט געטון, אַז אַזוי זי, אַזוי ליטקאַ, זעען טאַקע אויס, ווי נישט ערדישע וועזנס עפּעס, וועלכע האָבן בלויז על־פּי מקרה פאַרבלאָנדזשעט אויף דער וועלט.

— יאָ — האָט זי געענטפערט — איצט וועל איך זיך אָפּ־רוען. מאַריניאַ פּלאַוויצקאַ און פּראָפעסאָר וואַסקאָווסקי זענען גע־קומען. מאַריניאַ וויל דורכויס בלייבן.

— אין אוודאי גוט. זי גייט אַזוי גוט אום אַרום דער קליי־נער. אַ גוטע נאַכט אײַך. — —

— אַ גוטע נאַכט.

פּאַלאַניעצקי איז ווידער פאַרבליבן איינער אַליין און האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן פרײַלין מאַריניאַן. בלויז פון דער ידיעה אַז ער וועט זי אין אַ ווײַלע אַרום זען, האָט ער שוין וועגן קיין אַנדערע זאַך נישט געקענט טראַכטן און ער האָט איצט זיך גע־שטעלט די פראַגע אין וואָס שטעקט דאָס דער מאָדנער סוד פון

דער באַטור, וואָס ער האָט לכּשל נישט ליב געקריגן פרוי עמיליאַ, וועלכע איז אָן שום ספק געווען שענער פון מאַריניאַן, — מסתמא בעסער, זיסער, פעיִקער ליב צו האָבן — נאָר יענץ מיידל, וועלכע ער האָט אַ סך ווייניקער געקענט און אַנטוישט, צי נישט, ווייניקער געאַכט. און דאָך האָבן זיך אין אים בײַ יעדער דערנענטערונג מיט מאַריניאַ, זיך תּיכּף אויפגעוועקט די אַלע אויפברויזן, וואָס אַ מאַנסביל דערפילט, ווען ער דערזעט זײַן אויסדערוויילטע פרוי, בשעת אַזאַ אמת ווײַבלעך געשטאַלט, ווי פרוי עמיליאַס, האָט נישט געמאַכט אויף אים קיין אַנדערן אײַנדרוק, ווי ווען זי זאָל זײַן אַ געמעל אָדער אַ סטאַטוע... פאַרוואָס איז עס אַזוי און פאַרוואָס — וואָס מער זײַנע נערוון זענען אויסגעאיידלט און די פילנדיקייט גרעסער, אַלץ אַ גרעסערן חילוק מאַכט ער צווישן איין פרוי און דער אַנדערער? פּאָלאַניעצקי האָט אויף דעם קיין אַנדערע תּשובֿה נישט געהאַט, ווי די, וואָס עס האָט געגעבן דער דאָקטאָר, וועלכער איז געווען פאַרליבט אין פרײַלין קרעסלאָווסקאַ: „איך קוק אויף איר ניכטערן, נאָר כ'קען פון איר די נשמה נישט אָפּרײַסן". דאָס איז גיכער געווען אַ באַשטעטיקונג פון דער דערשײַנונג, ווי אַ תּשובֿה, אויף וואָס ער האָט אָבער קיין צײַט נישט געהאַט, מחמת דיזעלבע רגע האָט פרײַלין מאַריניאַ זיך אַרײַנגערוקט אין צימער אַרײַן.

זיי האָבן ביידע אַ שאָקל געטון מיט די קעפּ, נאָכדעם האָט ער אויפגעהויבן אַ שטול און זי שטיל אַוועקגעשטעלט בײַ ליטקאַס בעטל, בשעת וואָס מאַריניאַן אויפן ווונק זיך צו זעצן, זי האָט די ערשטע אָנגעהויבן רעדן, אָדער ריכטיקער שעפּטשען:

— גייט איצט טרינקען טיי. פּראָפעסאָר וואַסקאָווסקי איז דאָרט.

— און פרוי עמיליאַ?

— זי האָט שוין נישט געקענט אײַנזיצן. זי האָט געזאָגט, אַז עס איז איר אַליין מאָדנע, אָבער זי מוז גיין שלאָפן.

— איך ווייס, פאַרוואָס דער דאָקטאָר האָט זי פאַרהיפּ-

באַטיזירס און האָט גוט געטון, דער קליינער איז טאַקע בעסער.

פרייַלין מאַריניאַ האָט אים אַ קוק געטון אין די אויגן אַריין, אָבער ער האָט איבערגעחזרט:

— טאַקע בעסער... אויב דער אָנפאַל וועט זיך נישט אומקערן. און אַ האָפנונג, ער זאָל זיך נישט אומקערן איז דאָ.

— אַך! געלויבט צו גאָט. גייט איצט אויף טיי.

אים איז אָבער ליבער געווען נאָענט און מיט פאַרטרויען צו שעפּטשען צו איר, און ער האָט אָפּגעענטפערט:

— גוט, גוט, ליבער שפּעטער. לאָמיר אַזוי אָפּמאַכן, אַז איר זאָלט אייך קענען אויסרוען. כ׳האָב געהערט, אַז דער פאָטער אייערער איז קראַנק געווען. איר זענט אוודאי בײַ אים אויך אַרומגעגאַנגען.

— דער טאַטע איז שוין געזונט און איך וויל דורכויס פאַרטרעטן עמילקאַן. זי האָט איר געזאָגט, אַז איר דינערשאַפט איז אויך נישט געשלאָפן אַ גאַנצע נאַכט, ווייל דער קליינערס צושטאַנד איז שוין פאַרן אָנפאַל געווען אַ באַאומרויִקנדיקער... מען דאַרף, אַז עמעץ זאָל איצט כסדר אַכטונג געבן, וואָלט איך וועלן אַזוי זיך איינאָרדנען, אַז — איך, איר און עמילקאַ — זאָלן זיך איינער נאָכן אַנדערן פאַרבייטן.

— גוט. אָבער הײַנט וועל איך בלייבן. אויב נישט דאָ, וועל איך זיין אינעם שכנותדיקן צימער, בײַם פענסטער. ווען האָט איר אייך דערוווּסט וועגן אָנפאַל?

— כ׳האָב קיין זאַך נישט געוווּסט. כ׳בין געקומען, ווי תמיד, אין אָוונט זיך דערוויסן, וואָס מען הערט.

— און צו מיר איז געקומען פרוי עמיליאַס דינער, בשעת כ׳האָב געגעסן מיטאָג. איר קענט אייך פאָרשטעלן, ווי איך בין געלאָפן, כ׳בין נישט געווען זיכער, צי איך וועל זי נאָך דערווישן. דאָס מאָדנעסטע איז דאָס, וואָס בשעתן מיטאָג האָבן מיר כמעט כסדר גערעדט וועגן ליטאַן מיט בוקאַצקין און וואַסקאָווס-

קין, ביז עס איז אָנגעקומען מאַשקאַ מיט דער ידיעה, אַז ער האָט חתונה.

— הער מאַשקאַ האָט חתונה?

— יאָ. דאָס נייעס איז זיך נאָך נישט צעגאַנגען, אָבער ער אַליין האָט אונדז פון דעם פייערלעך מודיע געווען. ער האָט חתונה מיט פריילין קרעסלאָווסקאַ. איר געדענקט זי דאָך? מיט דער, וואָס איז דאַמאָלס געווען בײַ די ביגעלס. ס'איז אַ גוטער שידוך פאַר מאַשקאָן — די פריילין קרעסלאָווסקאַ...

זיי זענען אַ ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן. פריילין מאַריניאַ, וועלכע האָט נישט ליב האָבנדיק מאַשקאָן, אָפּגעוואָרפן זײַן פאָרשלאַג, אָבער וואָס האָט נישט איינמאָל זיך געמאַכט פאָרוואָרף צוליב איר באַגיין זיך מיט אים, מחמת זי האָט געהאַלטן, אַז דאָס האָט אים פאַרשאַפט אַנטוישונג און יסורים, האָט געקענט נאָר געפינען אַ נחמה אין דער ידיעה, אַז דער יונגער אַדוואָקאַט האָט אַזוי לײַכט אַריבערגעטראָגן דעם קלאַפּ. דאָך האָט די ידיעה וועגן דעם, בשעת-מעשה זי פאַרחידושט און איר אַ פּיק געטון. פרויען, ווען זיי פילן עמיצן מיט, ווילן ראשית, אַז יענער זאָל באמת זײַן אומגליקלעך, ושנית, וועלן זיי אַליין לינדערן דאָס אומגליק; ווען עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז עס איז עס בכּוח אויך עמעץ אַנדערש צו טון, ווערן זיי אַ ביסל אַנטוישט. פריילין מאַריניאַס איינגליבע איז אויך געוואָרן טאָפּלטן אָנגעריפן. זי האָט נישט גערעכנט, אַז עס זאָל אַזוי לײַכט זײַן אָן איר צו פאַרגעסן, דעריבער האָט זי געמוזט מודה זײַן, אַז איר פאַרשטעלונג וועגן מאַשקאָן, ווי וועגן אַן אומגעוויינטלעכן מענטש, האָט נישט געהאַט קיין שום יסוד. ער איז געווען ביז איצט אַ מין טויז אינם שידוך קעגן פּאָלאַניעצקין — איצט האָט ער עס אויפגעהערט צו זײַן, זי האָט זיך דעריבער, ווי די מעשה זאָל נישט זײַן, געפילט אַ ביסל דערנידעריקט. דאָס האָט איר פונדעסטוועגן נישט גע־שטערט צו דערקלערן מיט אַ געוויסער באַטאָנונג פּאָלאַניעצקין דעם אמת, אַז זײַן נייעס פאַרשאַפט איר אַן אמתע און טיפע פרייד, אָבער אין תוך גענומען האָט זי געפילט אויך אַ מין פאַריבל צו אים, וואָס ער האָט עס איר געזאָגט.

פּאָלאַניעצקי איז פון אַ צייט אָן זיך באַגאַנגען מיט איר איינגעהאַלטן און האָט מיט קיין זאַך נישט אַנטפּלעקט, וואָס אין אים איז פאָרגעקומען. ער האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין איבעריקע קאַלטקייט; היות זיי האָבן זיך געמוזט טרעפן, האָט ער אײַנגם באַגיין זיך מיט איר אָפּגעהיטן אַ געוויסע פריינטלעכע פרייהייט, אָבער זי האָט דווקא דערפאַר גערעכנט, אַז ער האָט זי אויפגעהערט ליב האָבן. ס'איז שוין אַזוי די טבע פון אַ מענטש, אַז הגם דער פריערדיקער פאַרדרוס האָט נאָך אַלץ אין איר געלעבט און האָט זיך אַפילו פאַרשטאַרקט אין דעם מיידלס נשמה, הגם די ערשטע אַנטוישונג האָט זיך פאַרוואַנדלט ווי אין אַ קוואַל, וואָס טרייפט וואָס אַמאָל נייע עגמת-נפשן, האָט דאָך דער געדאַנק אַז איר ווידערווילן איז אים שוין עגאַל, פריילין מאַריניאַן גערייצט. איצט האָט זיך איר געדאַכט, אַז פּאָלאַניעצקי מוז פונדעסטוועגן טריומפירן איבער איר טעות בנוגע צו מאַשקאָן און איבער דעם, וואָס זי האָט, ווי די מעשה זאָל נישט זיין, ביז דאָ נישט לאַנג געהאַט אַן אויסוואַל צווישן מאַשקאָן און אים, איצט אָבער האָט זי שוין נישט און בלייבט אין אַ ביסל אַ דערנידעריקטער פאַרלאָזנקייט.

ער ווידער איז ווייט געווען פון אַזעלכע געדאַנקען. ער איז געווען טאַקע צופרידן, וואָס מאַריניאַ וועט זיך איבערצייגן, אַז אויפהייבנדיק מאַשקאָן איבער אים, האָט זי געהאַט אַ גרויסן טעות, אָבער ס'האָט אים נישט געחלומט צומאָל זיך צו פרייען, אָדער טריומפירן צוליב איר פאַראייַנזאַמקייט, מחמת ער איז יעדער רגע, נאָכמער ווי ווען עס איז, גרייט געווען צו עפענען זיינע אָרעמס, זי צוצודריקן צו זיין ברוסט און ליב צו האָבן. ער האָט געאַרבעט שטאַרק אפילו פאַרביסן איבער דעם צו צעברעכן אין זיך דאָס געפיל, ער האָט עס אָבער אויסשליסלעך געטון פאַר דעם, מחמת ער האָט נישט געזען אין דעם פאַר זיך קיין שום האָפנונג, און האָט געהאַלטן פאַר אַ פחיתות-הכבוד פאַר זיך, אַלס מאַנסביל אַריינצולייגן אַלע כוחות פון האַרץ און נשמה אין אַ נישט קעגנזייטיקן געפיל. ער האָט לויט זיין אייגענעם אויסדרוק געוואָלט „זיך נישט לאָזן" און ווי ווייט ער האָט געקענט, האָט

ער זיך נישט געלאָזט, ער האָט אָבער אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען, אַז אַזאַ קאַמף מאַטערט אויס, שעפּט אויס, און ווען עס ענדיקט זיך אפילו מיט נצחון, ברענגט עס, אַנשטאָט גליק, פּוסטקייט. אַ חוץ דעם איז ער געווען ווייט פון נצחון. נאָך גרויס מי איז ער ענדלעך געקומען צו דעם באַלויז, אַז זיין געפיל האָט זיך צונויפגעמישט מיט עגמת־נפש. אַזאַ באַוויזונג מאַכט טאַקע אַ תל פון דער ליבע, פשוט פאַר דעם, ווייל עס פאַרסמט זי און מיט דער צייט האָט זי געקענט פון איר אַ תל מאַכן אויך אין פּאָלאַניעצקיס האַרץ. אָבער דערווייל וואָס פאַר אַ נישטיקער רעזולטאַט! איצט זיצנדיק נישט ווייט פון מאַריניאַן און קוקנדיק אויף איר פּנים און קאָפּ, וואָס איז געווען באַלויכטן מיט אַ בלאַסן שיין פון לעמפּל, האָט ער באַ זיך אין האַרצן געזאָגט: „ווען זי זאָל נאָר ווערן!“ דערדאָזיקער געדאַנק האָט אים צעבייזערט, ווערנדיק אָבער זיין מיט זיך אויפריכטיק, האָט ער געמוזט מודה זיין, אַז ווען זי זאָל נאָר ווערן, וואָלט ער צו אירע פיס זיך געבויגן מיט דער גרעסטער גרייטקייט. סאַראַ נישטיקער רעזולטאַט דעריבער, סאַר אַן אומוועג! ער האָט גלייכצייטיק געפילט, אַז דאָס מיספאַרשטענדניש צווישן זיי איז זיך אַזוי צעוואַקסן, אַז ווען מאַריניאַ זאָל אפילו ווערן, אַז אַזעלכע מינוטן, ווי זיי האָבן פאַרבראַכט אין קזשעמיען זאָלן זיך אומקערן, איז איר אייגנליבע אין די מוח־א, אַז זי זאָל נישט בלייבן לגבי זיך אַליין אין אַ סתירה, וואָלטן איר דאָס מויל פאַרמאַכט. זייער באַציִונג צווישן זיך האָט זיך שוין אַזוי פאַרפּלאָנטערט, אַז זיי וואָלטן גיכער זיך נאָך געקענט ליב קריגן, ווי קומען צו עפּעס אַ הסכם.

נאָך אַ קירצן שמועס האָט אָנגעהויבן צווישן זיי הערשן אַ שטילקייט וואָס פלעגט באַלויז איבערגעריסן ווערן דורכן קראַנקן קינדס אָטעמען און דורך דעם לייכטן און אומעטיקן קלאַנג פון די שויבן, אין וועלכער ס׳האָט געקלאַפּט דער דראָבנער רעגן, אינדרויסן איז געוואָרן אַ פייכטע האַרבסט־נאַכט, וואָס האָט מיטגעבראַכט מיט זיך צוגעדריקטקייט, טרויער, פּעסימיזם און אַפּאַטיע, טרויעריק האָט אויך אויסגעזען דאָס צימער, וואָס אין זייגע חושכדיקע ווינקלען האָט אויסגעזען לויערט דער טויט. געשוו־

מען איז אַ שעה נאָך אַ שעה, וואָס אַמאָל פּאַמעלעכער. פּאָלאַניעצקין האָט פּלוצלינג באַהערשט שלעכטע פאָרגעפילן. ער האָט אַ קוק געטון אויף ליטקאַן און ס'האָט זיך אים מיטאַמאָל אויסגעוויזן פּאַר אַ משוגעת די השערה, אַז זי קען נאָך לעבן. בחנם דאָס וואַך זיין! אומזיסט די האָפענונגען! בחנם דאָס נאַרן זיך! דאָס קינד מוז שטאַרבן! עס מוז אַלץ מער, וואָס מער ס'איז טייער, זיס, וואָס מער ס'איז געליבט! נאָ איר וועט גיין עמיליאַ — און שפּעטער וועט זיין אַן אמת האָפענונגסלאָזער חלל! וואָס פאַר אַ לעבן איז עס! ער, פּאָלאַניעצקי, האָט די צוויי איינציקע באַשעפענישן אויף דער וועלט, וואָס האָבן אים ליב, פאַר וועלכע ער איז עפּעס, מוז ער זיי באַטירלעך פאַרלירן! לעבן זיי האָלט נאָך געוועזן אין וואָס זיך אָנצוכאַפּן אין לעבן, אָן זיי — בלייבט אייטלקייט און עפּעס אַ בלינדע צוקונפט, אַ טויבע, נאַרישע, מיט אַ פּרצוף פון אַן אידיאָט...

דער ענערגישסטער מענטש דאַרף, אַז עמעץ זאָל אים ליב האָבן, אַנישט פילט ער אין זיך דעם טויט און זיין ענערגיע ווערט געווענדט קעגן דעם לעבן. אַזאַ מינוט איז געקומען אויף פּאָלאַניעצקין. „איך ווייס נישט, סוף־כל־סוף, פאַרוואָס זאָל איך זיך נישט לאָזן אַ קויל אין קאָפּ אַריין — האָט ער אַ טראַכט געטון — נישט אויס יאוש נאָך זיי, נאָר צוליב דער אייטלקייט אָן זיי. אויך דאָס לעבן דאַרף ווערן אַן אומזין, סיידן אויס נייגעריקייט, ווי ווייט עס קען דערגיין!

אָבער דער דאָזיקער געדאַנק איז געקומען צו אים נישט אַלס אַ כוונה. דאָס איז גיכער געוועזן אַ צובינדלעכקייט פון די מענטשלעכע אומגליקן, וואָס ציט זיך איין; אַ רגע פון כעס, וואָס זוכט קעגן וועמען זיך צו ווענדן. און פּאָלאַניעצקין האָט ער זיך פּלוצלינג געווענדט קעגן, מאַריניאַן. ער האָט אַליין נישט געוווסט, פאַרוואָס עס האָט זיך אים פּלוצלינג אויסגעוויזן, אַז אַלדאָס בייז, וואָס עס קומט פאַר, שטאַמט פון איר, אַז זי האָט אַריינגעטראָגן אין זייער קרייז ווידערווילן, וואָס איז נישט געווען, עגמת־נפש, וואָס איז נישט געווען, אַז זי האָט עפּעס געוואָרפן אַ שטיין אין זייער גלאַט וואַסער אַריין און די כוואַליע, צעשפּרייטנדיק זיך וואָס

אַמאָל מער, נעמט אַרום נישט בלויז אים, נאָר אויך פרוי עמיליאַן מיט ליטקאַן, אַלס אַ מענטש, וואָס רעגירט איבער זיך מיטן שכל, נישט מיט די נערוון, האָט ער פאַרשטאַנען די גאַנצע נישטיקייט פון אַזעלכע מינים פאַרווורפן, דאָך האָט ער נישט געקענט ביישטיין די דערמאַנונג, אַז איידער מאַריניאַ איז געקומען, איז אַלץ געווען בעסער, אויף אַזוי פיל אַפילו בעסער, אַז דעם עבר האָט ער געקענט האַלטן פאַר אַ גליקלעכן פעריאָד אין זיין לעבן. ער האָט דאַמאָלס ליב געהאַט נאָר ליטקאַן מיט אַזאַ ליכטיק, פאָטערלעך געפיל, וואָס האָט נישט געקענט ברענגען און נישט געברענגט קיין איין רגע עגמת-נפש. ווער ווייסט דעריבער, צי ער וואָלט מיט דער צייט נישט מסוגל געווען ליב צו קריגן פרוי עמיליאַן! זי האָט לעולם נישט געהאַט פאַר אים קיין אַנדערע געפילן, ווי פריינטשאַפט, אָבער אפשר בלויז פאַר דעם, ווייל ער האָט קיין אַנדערע נישט פאַרלאַנגט. טיילמאָל זאָגן זיך איידעלע פרויען אָפּ פון געפילן, וואָס טרעטן איבער דעם גורל פון פריינטשאַפט, כדי נישט צו באַשווערן און צו פאַרפלאָנטערן דאָס לעבן פון עמעצן וועלכער וואָלט געקענט, אָבער וויל נישט זיין טייער. דאַמאָלס, ליגט אין דער טיף פון זייער נשמה אַ באַהאַלטענער טרויער, זיי געפינען אָבער מחזקות און טרייסט אין דער האַרציקייט, וואָס די פריינטשאַפט דערלויבט.

פּאָלאַניעצקי, דערקענענדיק מאַריניאַן, האָט איר אַוועקגעגעבן איכף דעם בעסטן טייל פון זיינע געפילן. צוואָס? פאַרוואָס? נאָר זיך אַליין צו פייניקן. איצט, צום גאַנצן אומגליק-צו, האָט ליטקאַ, וועלכע איז געווען דער איינציקער שטראַל אין זיין לעבן, געהאַלטן באַם שטאַרבן, אָדער יעדע רגע געקענט זיין טויט. פּאָלאַניעצקי ווידער האָט זיך אין איר איינגעקוקט און האָט באַ זיך אין האַרצן צו איר אַ זאָג געטון:

— בלייב דו כאָטש, קינד לעבן! דו ווייסט גאָרנישט, ווי נייטיק דו ביסט אי מיר, אי דיין מאַמען. זאָל גאָט היטן, וואָס פאַר אַ לעבן עס וועט זיין אָן דיר, טייער באַשעפעניש?

פלוצלינג האָט ער באַמערקט, אַז דאָס מיידעלעס אויגן קוקן אויף אים.

ער האָט אַ רגע געטראַכט, אַז עס דאַכט זיך אים און ניש־ געוואַגט זיך אַ ריר צו טון, די קליינע אָבער האָט אָנגעהויבן שמייכלען און ענדלעך אַרויסגעשעפּטשעט:

— הער סטאַך...

— דאָס בין איך, ליטוש! ווי פילסטו דיך?

— גוט, און וווּ איז די מאַמע?

— זי קומט תיכּף. מיר האָבן שטאַרק מלחמה געהאַלטן מיט איר, אַז זי זאָל גיין שלאָפן און האָבן זי קוים צוגע־ רעדט.

ליטקאַ האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, און באַמערקנדיק פריי־ לין מאַריניאַן, האָט זי אַ זאָג געטון:

— אַ, דאָס איז די מומע מאַריניאַ?

פון אַ געוויסער צייט אָן האָט איר די קליינע געזאָגט: מומע.

פריילין מאַריניאַ האָט זיך אויפגעהויבן און נעמענדיק דאָס פלעשעלע, וואָס איז געשטאַנען אויפן נאַכט־שענקל, האָט זי באַם שיין פון לעמפל גענומען אַרויסגיסן טראָפּנס אויפן לעפע־ לע, דערנאָך האָט זי זיי דערלאַנגט ליטקאַן, און ווען דאָס מיי־ דעלע האָט געענדיקט טרינקען, האָט זי צוגעדריקט די ליפן צו איר שטערן.

ס׳איז אַנטשטאַנען אַ רגע פון שווייגן, דערנאָך האָט דאָס קינד אַ זאָג געטון, ווי צו זיך אַליין:

— מען דאַרף נישט וועקן די מאַמען.

— ניין; קיינער וועט זי נישט וועקן — האָט געענטפערט פּאַלאַניעצקי — אַלץ וועט זיין אַזוי ווי ליטקאַ וויל.

און ער האָט אָנגעהויבן גלעטן איר הענטל, וואָס איז גע־ לעגן אויף דער קאָלדרע.

זי ווידער האָט געקוקט אויף אים, חזרנדיק נאָך איר שטיי־ גער נאָך:

— הער סטאַך... הער סטאַך...

אַ ווײַלע האָט זיך געדאַכט, אַז זי וועט אַנטשלאָפן ווערן, דאָס קינד אָבער האָט געטראַכט משמעות וועגן עפּעס מיט גרויס

אַנשטרענגונג, מחמת די ברעמען זיינע האָבן זיך געהויבן איבער־הייך; ענדלעך האָט זי, אויפעפנדיק די אויגן, אָנגעהויבן איינס נאָך דעם אַנדערן קוקן אויף פּאָלאַניעצקין און אויף פריילין מאַריניאַן.

אין צימער האָט זיך געהערט בלויז דאָס קלאַפּן פונם רעגן אין די שויבן.

— וואָס איז דיר, קינדלעבן? — האָט אַ פרעג געטון פריילין מאַריניאַ.

זי ווידער, פאַרלייגנדיק די הענט, האָט מיט אַ שטים קוים צו הערן אַרויסגעשעפּטשעט:

— איך האָב צו דער מומע מאַריניאַ אַ גרויסע, גאָר אַ גרויסע בקשה, איך דערוועג זי אָבער נישט אַרויסצוזאָגן.

— זאָג, מיין ליבע! כ'וועל אַלץ טון, וואָס דו וועסט ווען.

דעמאָלט האָט דאָס מיידעלע זי אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט און צודריקנדיק עס צו די ליפּן, אַרויסגעשעפּטשעט:

— די מומע מאַריניאַ זאָל ליב האָבן הער סטאַכן.

אין דער שטילקייט, וואָס איז נאָך די ווערטער אַנטשטאַנען, האָט מען געהערט בלויז דעם מיידעלעס אַ ביסל שנעלערן אָטעם; ענדלעך האָט זיך פריילין מאַריניאַס רויקע שטים אָפּגערופן:

— גוט, מיין ליבע!

פּאָלאַניעצקין האָט פּלוצלינג אָנגעכאַפּט אַ ספּאַזם פון געוויין פאַרן גאָרגל. אַלץ מיט פריילין מאַריניאַן בתוכם איז אים פאַרשוואונדן פון די אויגן לגבי דעם קינד, וואָס האָט אין אַזאַ רגע, אַ קראַנקס, אָן אָנמעכטיקס און פנים-אל-פנים מיטן טויט, געטראַכט נאָר וועגן אים.

ליטקאַ ווידער האָט ווייטער געפרעגט:

— און די מומע וועט חתונה האָבן מיט הער סטאַכן?

איינס שיין פון בלויען לעמפּל האָט פריילין מאַריניאַס געזיכט אויסגעזען זייער בלאַס, די ליפּן אירע האָבן געציטערט, זי האָט אָבער, נישט וואַקלנדיק זיך, געענטפערט.

— יאָ, ליטוש.

דאָס מיידעלע האָט אַ צווייט מאָל צוגעטראָגן איר האַנט צו די ליפּן. איר קעפּל איז אַראָפּגעפאַלן אויפן קישן און זי איז אַ צייט געלעגן מיט פאַרמאַכטע וויעס, אין אַ ווײַלע אַרום זענען אָבער צוויי טרערן אַראָפּגערינען איבער אירע בעקלעך.

ס'איז אַנטשטאַנען איצט נאָך אַ לענגערע שטילקייט. דער רעבן האָט געקלאַפּט אין די שויבן. פּאָלאַניעצקי און פרײַלין מאַריניאַ זענען געזעסן אָן באַוועגונג, נישט קיין קוק געטון אויף זיך, ווי זיי וואָלטן אַנטשלאָפן געוואָרן. זיי האָבן בלויז געפילט, אַז זייער גורל איז די נאַכט באַשלאָסן געוואָרן, זיי זענען אָבער געווען ווי צעטומלט פון דעם, וואָס עס איז געשען. אין דעם תוהו־ובוהו פון געדאַנק און געפיל האָט קיינס פון זיי נישט געקענט זיך אָפּגעבן קיין חשבון, נישט באַשטימען, וואָס עס טוט זיך מיט אים.

אינם שווייגן, אינם אינסטינקטיוון שווייגן, נישט אַ קוק צו טון אַ מאָל זיך אין די אויגן, האָט איין שעה אָנגעהויבן שווימען נאָך דער אַנדערער. דער זייגער האָט געשלאָגן האַלבנאַכט, נאָכדעם איינס אַ זייגער; אַנטקעגן צוויי האָט פרוי עמיליאַ זיך אַרײַנגערוקט, ווי אַ שטן אין צימער אַרײַן.

— זי שלאָפט? — האָט זי אַ פרעג געטון.

— ניין, מאַמעשי — האָט געענטפערט ליטקאַ.

— ס'איז דיר גוט?

— יאָ, מאַמעשי.

און ווען פרוי עמיליאַ האָט זיך געזעצט לעבן איר אויפן בעט, האָט די קלײנע אַרומגענומען מיט די הענטלעך איר האַלדז און טוליענדיק איר בלאָנד קעפּל צו איר ברוסט, האָט זי אַ זאָג געטון:

— איצט, מאַמעשי, ווייס איך, אַז אַ קראַנק קינד בעט עפּעס, זאָגט מען עס קיינמאָל נישט אָפּ.

און זי האָט אַ צייט נאָך זיך געטוליעט שווייגנדיק צו דער מוטער. דערנאָך האָט זי, ציענדיק יעדער וואָרט באַזונדער, ווי עס טוען עס שלעפעריקע קינדער, אָדער זייער אָפּגעשוואַכטע, אַ זאָג געטון:

— הער כטאָך וועט שוין מער נישט זיין טרויעריק, איך וועל דער מאַמעשי זאָגן פּאַרוואָס...

אָבער איר קעפּל האָט אָנגעהויבן שווער ווערן אויף דער מוטערס ברוסט און פרוי עמיליאַ האָט דערפילט אַ קאַלטן שוויס, וואָס איז אַרויסגעטרעטן אויף דעם קינדס הענטלעך און שלייפן.

— ליטויש! — האָט זי אויסגעשריגן מיט אַ שטילער, דער-שראָקענער שטים.

און דאָס מיידעלע האָט אָנגעהויבן רעדן:

— ס׳איז מיר אַזוי מאָדנע! עפּעס אַזוי שוואַך...

אירע געדאַנקען האָבן משמעות אָנגעהויבן זיך מישן, מחמת זי האָט אין אַ ווײַלע ווידער געדערעדט:

— אָ! אַ ים פליסט! אַזאַ גרויסער ים און מיר שווימען אַלע אויף אים. מאַמע, מאַמע!...

און ס׳איז ווידער געקומען אַן אָנפאַל, אַ שרעקלעכער, אַן אומדערבאַרמדיקער. דעם מיידעלעס קערפּער האָט זיך אויסגע-צויגן אין קאָנוווּלסיעס און די אייגן זענען בײַ איר פון קאָפּ אַרויס. ס׳איז שוין נישט געווען שוין וואָס זיך צוגעבאַרן. דער טויט איז אָנגעקומען, מען האָט אים געפילט אין דעם בלאַסן שיין פון לעמפּל, אין די חושכדיקע ווינקלען פון צימער, אין דעם קלאַנג פון די שויבן, אין וועלכער ס׳האָט געקלאַפּט דער רעגן, אין דעם גערויש פונם ווינט, וואָס איז פול געווען מיט מוראדי-קע שטימען און געשרייען.

פּאָלאַניעצקי האָט זיך אַ ריס געטון און געלאָפן נאָכן דאָק-טאָר; אין אַ פערטל שעה אַרום זענען זיי ביידע געקומען, נישט זיכער, צוליב דער פאַרמאַכטער טיר פון צימער, צי דאָס קינד לעבט נאָך, און זיי זענען תיכף פאַרשוווּנדן אין איר. פרייער פּאָלאַניעצקי, דערנאָך דער דאָקטאָר, וואָס האָט פון דער ערש-טער רגע אָן, וואָס מען האָט אים אַרויסגעצויגן פון בעט, געחזרט איין פראַזע:

— סיידן אַן אויפרעגונג, אָדער שרעק?

עטלעכע מענטשן פון דער דינערשאַפט, מיט פאַרשלאָפענע

אין דערשראָקענע פּנימער, האָבן זיך פאַרזאַמלט בײַ דער טיר צוהערנדיק זיך — און אין דער גאַנצער װוינונג איז אַנטשטאַנען אַ לאַנגע, װי בלײַ, שװערע שטילקײט.

ענדלעך האָט זי מאַריניאַ איבערגעריסן, װעלכע איז די ערשטע אַרױס פון דעם פּאַרמאַכטן צימער, מיט אַ בלאַס װי לײַװנט געזיכט, און האָט מיט אַ ציטערדיקער שטים שנעל אַ זאָג געטון:

— װאַסער פאַר דער מאַדאַם! דאָס קינד איז געשטאָרבן!

## XIX.

דער האַרבסט שמייכלט צו די מענטשן אין די לעצטע טעג זיינע נאָך טיילמאָל זייער טרויעריק, אָבער גלייכצייטיק אויך מילד, ווי אַ פרוי, וועלכע שטאַרבט אויף שווינדזוכט. אין אַזאַ שיינעם טאָג טאַקע איז אויסגעפאַלן ליטקאָס לוויה. ס'איז דאָ אין דעם אַ ווייטיק, וואָס איז אויסגעמישט מיט אַ געוויסער טרייסט, וואָס די מענטשן, וועלכע בלייבן איבער, טראַכטן און פילן ווייטער פאַר זייערע פאַרשטאָרבענע. פאָלאַניעצקין, וועלכער האָט זיך מתעסק געווען מיט דער לוויה, האָט דער׳אָזיקער שיינער און טרויעריקער טאָג דורכגענומען מיט נאָך אַ גרעסערן צער, אָבער אַ מעסטנדיק זיך דעם קינדס געפילן, האָט ער אַ טראַכט געטון, אַז דאָס קינד וואָלט זיך טאַקע אַזאַ טאָג געוווּנטשן — און ער האָט אין דעם געפונען אַ געוויסע דערלייכטערונג. ביז דער מינוט האָט ער ממש נישט געקענט אויסמעסטן די טיפקייט פון זיין צער. אַזאַ באַוווּסטזיין קומט שפּעטער און הייבט זיך אָן ערשט דאַמאָלס, ווען דאָס געלעבטע וועזן בלייבט איבער אויפן בית-עולם, און דער מענטש קערט זיך אַליין אום אינם פּוסטן הויז

אַריין. אַ חוץ דעם האָבן די לוויה-עניִנים צוגענומען באַ פּאָלאַ-ניעצקין די גאַנצע צייט זיינע. דאָס לעבן איז אַרומג ערינגלט מיט אַזעלכע פאָרמען און האָט אפילו אַזאַ פּשוטן אַקט, ווי ס'איז דער טויט, אויך באַשווערט. פּאָלאַניעצקי האָט נאָך געוואָלט מיט ליטקאַן דעם לעצטן חסד טון, מיט וואָס, איבעריקנס, עס איז נישט געווען וועמען עס זאָל זיך פאַרנעמען. אַלע פּרוזשינעס פון לעבן, אויפן גרונט פון וואָס דער מענטש לעבט, באַשליסט און טוט, זענען באַ פּרוי עמיליאַן דורכן קינדס טויט געוואָרן אונטערגעשניטן. דער ווינט האָט זיך דאָסמאָל אויסגעוויזן שטאַרקער צו זיין פאַר דער וואָל פונם שעפּעלע. צום גליק אָבער דערהרגענען גרויסע יסורים זיך אַליין, מחמת זיי אַטראָפירן דאָס מענטשלעכע האַרץ. אַזוי איז געשען מיט פרוי עמיליאַן. פּאָלאַניעצקי האָט באַמערקט, אַז דער עיקר אויסדרוק פון איר געזיכט און אויגן איז געווען אַן אין סופיקער פאַרגליווערטער פחד. פונקט ווי ס'איז אין אירע אויגן נישט געווען קיין טרערן, אַזוי האָט זי אויף די ליפּן נישט געהאַט קיין רייד. נאָך עפּעס אַ טראַגיש און גלייכצייטיק אַ קינדיש גע-פּליסטער, וואָס האָט עדות געזאָגט, אַז איר געדאַנק איז נישט משיג איר אומגליק, נאָר דרייט זיך אַרום קלייניקייטן, וואָס באַגלייטן עס. כאַפּט זיך אַן אין זיי און רינגלט זיי אַרום מיט אַזאַ זאָרג, ווי דאָס קינד וואָלט נאָך געלעבט. אין צימער, וואָס איז פאַר-וואַנדלט געוואָרן אין אַ טרויער-חדר, האָט ליטקאַן, וואָס איז צווישן בלומען אויף אַן אַטלאַסן קישן ווי אַנטשלאָפן געוואָרן, קיין זאַך נישט געקענט פעלן; דערווייל האָט דאָס קינדיש-געוואַ-רענע פון ווייטיק מוטערלעכע האַרץ זיך כסדר געווענדט קעגן דעם, וואָס דעם קינד האָט געקענט פעלן. ווען מען האָט זי גע-פּרוווט אָפּרייסן פונם קינדס קערפּער, האָט זי קיין ווידערשטאַנד נישט געשטעלט, נאָר פאַרלוירן דאָס לעצטע ביסל באַוווסטזיין און אָנגעהויבן קרעכצן, ווי מען וואָלט איר איבערן כוח וויי גע-טון.

פּאָלאַניעצקי און פּוואַסטאָווסקי, דעם מאַנס ברודער, וואָס איז געקומען צוליב דער לוויה, האָבן געפּרוווט זי אַרויספירן אין דער מינוט, ווען מען האָט ליטקאַן צוגעדעקט מיט דער דעק

פון טרומנע; בשעת פרוי עמיליאַ האָט אָנגעהויבן רופן די קליי־נע באַם נאָמען, האָט זייביידע אויסגעפּעלט דרייסטקייט. ענדלעך האָט די לוויה, צווישן פאַקלען, געריררט פון אָרט, ציִענדיק נאָך זיך אַ גרויסן עק קיפּאַזשן, וואָס האָט פאַר זיך געהאַט גלחים און אַ טרויעריק געזאַנג, און איז געווען אַרומגערינגלט פון אַ מחנה בייגעריקע, וואָס זעטיקן אָן אַזוי אין די מאָדערנע שטעט די אויגן מיט מענטשלעכע יסורים, ווי מען האָט אין די אַמאָליקע צייטן געזעטיקט זיי מיט בלוט אין די צירקן. פרוי עמיליאַ, געפירט פונם מאַנס ברודער, האָבנדיק בײַ דער זייט מאַריניאַן, איז נאָכ־געגאַנגען לעבן קאַראַוואַן, מיט אַ טרוקן און גייסטלאָז געזיכט. אירע אויגן האָבן איצט געזען בלויז איין דעטאַל און דער גע־דאַנק איז בלויז מיט אים געווען פאַרנומען. ס׳האָט אַזוי געטראָפן, אַז איין לעקל פון ליטקאַס בלאָנדינע זייער געדיכטע האָר איז פאַרבליבן אויסער דער טרומנע, פרוי עמיליאַ האָט דעם גאַנצן וועג, נישט אַראָפּגעלאָזט פון דעם קיין אויג, חזרנדיק אַלע רגע:

„אָ גאָט, גאָט! מען האָט דעם קינד די האָר צוגעדריקט!“

אין פאַלאַניעצקין האָט דער צער, די מידקייט, די נער־וועזיטעט צוליבן נישט שלאָפן — זיך פאַרוואַנדלט אין אַ געפיל פון אַזאַ אומדערטרעגלעכער משא, אַז מינוטנווייז האָט אים אָנגע־כאַפּט אַן אומגעהייערער חשק זיך אומצוקערן פונם מיטן וועג, אַוועקגיין צו זיך און וואַרפן אויף דער סאָפע, נישט צו טראַכטן וועגן קיין זאַך, נישט צו וועלן גאָרנישט, נישט ליב האָבן קיינעם, נישט צו פילן קיין זאַך. דער דאָזיקער רעפלעקס פון עגאָיִזם האָט אים גלייכצייטיק געחידושט און פאַרדראָסן אויף זיך אַליין; ער האָט אַגב געוווּסט, אַז ער וועט זיך נישט אומקערן, אַז ער וועט דעם כוס אויסטרינקען ביזן דעק, אַז ער וועט גיין ביזן סוף, נישט בלויז דערפאַר, ווייל עס פּאַסט נישט אַנדערש, נאָר צוליב דעם, וואָס דער טרויער נאָך ליטקאַן און די צוגע־בונדנקייט צו איר וועלן זיין שטאַרקער פאַרן עגאָיִזם. ער האָט איצט אויך אויסגעצייכנט געפילט, אַז אַלע אַנדערע געפילן זענען געוואָרן איינגעשרומפּן, פאַרוועלקט, און ער פאַרמאָגט פאַר דער גאַנצער וועלט, לכל־הפּחות אין דער רגע, איין גרויסן גאָרנישט.

בכלל זענען זיינע רעיונות און געפילן אריינגעפאלן אין א פולקאמענעם כאאס, וואס איז באשטאנען פון אויסערלעכע איינדרוקן, אין וועלכע ער האט זייער איבערפלעכלעך זיך אפגעגעבן א חשבון, פון באמערקונגען, וואס ער האט געמאכט ווער ווייסט צוליב וואס און וואס זענען לחלוטין מעכאניש געווארן אויסגעמישט מיט א געפיל פון צער און עגמת-נפש.

צייטנוויינז פלעגט ער קוקן אויף די הייזער, לעבן וועלכע עס פלעגט פארבייגיין די לוויה און האט באטראכט די קאלירן; מינוטנווייז פלעגט אים אריינפאלן אין די אויגן א שילד פון א געוועלב, וואס ער האט דורכגעלייענט, נישט וויסנדיק צוליב וואס ער טוט עס; דא האט ער ווידער געטראכט, וואס די גלחים האבן אויפגעהערט זינגען און וועלן באלד אנהייבן צוריק און האט געווארט ביז עס וועלן אויפדאסנייי זיך א ריס טון די טרויעריקע שטימען, ווי מיט עפעס א שרעק. צייטנוויינז האט ער סתם געטראכט ווי א מענטש, וואס וועקט זיך פון שלאף, וויל זיך אפגעבן א חשבון פון דערווירקלעכקייט:

„דאס זענען הייזער — האט ער געזאגט צו זיך — דאס זענען שילדן, דאס איז דער ריח פון סמאלע, פון די פאקעלן און דארט אינדערהייך ליגט ליטקא און מיר גייען אויפן בית-עולם“... און פלוצלינג האט זיך אין אים א כוואליע פון צער א ריס געטון נאכן זיסן, ליבן קינד, נאך דעם טייערן קעפל, וואס האט אזוי פיל מאל צו אים געשמייכלט. ער האט זיך דערמאנט און איר פון די אמאליקע און לעצטע צייט; ער האט זיך דערמאנט פון רייכנהאל, בשעת ער האט זי געטראגן, אומקערנדיק זיך פון טומזע, און ווייטער אין דארף בא די ביגעלס, אין פרוי עמיליאס וווינונג, ווען זי האט געזאגט, אז זי וואלט וועלן זיין א בעריאזעלע — און ענדלעך, ווי זי האט עטלעכע שעה פארן טויט געבעטן מאריניאן מיט אים חתונה צו האבן. פאלאניעצקי האט נישט געזאגט צו זיך פשוט, אז די קליינע ליטקא האט זיך געליבט אין אים, ווי א דערוואקסענע פרוי און אז מאכנדיק אים פאר א חתן מיט מאריניאן, האט זי געברענגט פאר א קרבן, מחמת אינדעראמתן וואלטן די נישט באוווסטזיניקע געפילן פון דעם מיי-

דעלע אויף אַזאַ אופן נישט געלאָזט זיך באַשטימען; ער האָט אָבער אויסגעצייכנט געפילט, אַז ס'איז עפּעס ענלעכס געווען און אַזאַ קרבן איז געבראַנגט געוואָרן, אָבער עס איז געווען אַ פּועל־יוצא פון דעם טיפן און אומגעוויינטלעכן צוגעבונדנקייט, וואָס דאָס קינד האָט צו איר געפילט. היות די אבדה פון די טייערסטע מענטשן אפילו פילט מען על־פּי־רוב דורכן היזק, וואָס מען האָט פערזענלעך, האָט פּאָלאַניעצקי איצט גענומען חזרן צו זיך: „דאָס איז געווען די איינציקע נשמה, וואָס האָט מיך באמת ליב געהאַט! איצט האָב איך קיינעם נישט אויף דער גאַנצער וועלט...“ און אויפהייבנדיק די אויגן צו דער טרומנע, צו דעם לעקל בלאָנדע האָר, וואָס האָט זיך געוויגט אין דער לופט, האָט ער אָנגעהויבן אָנרופן ליטקאַן מיט אַלע האַרציקסטע ווערטער, מיט וועלכע ער האָט זיך בנוגע איר באַנוצט באַם לעבן.

ענדלעך האָט ער דערפילט, אַז עס שטיקן אים די טרערן, מחמת דאָס איז אַ רוף און אַ ווידערקול. ס'איז פאַרהאַן עפּעס שניידנדיקס אין דער גלייכגילטיקייט פון געשטאָרבענע, בשעת אַ נפש, וואָס האָט געפילט יעדער וואָרט, יעדער בליק, ווערט גלייכגילטיק אַ ליבנדיקע — אייז קאַלט, אַ נאָענט אין טאָג־טעגלעכן לעבן און די טייערסטע פון האַרץ — פייערלעך און ווייט. ס'וועט גאַרנישט העלפן דאָס חזרן צו זיך: „דער טויט! דער טויט!“ צוזאַמען מיטן גאַנצן ווייטיק, וואָס שטאַמט פון דער אבדה, פילט ער עפּעס נאָך אַ שניידנדיקע אַנטוישונג, עפּעס אַ האַרציקע עוולה, וואָס דער טויטער קערפּער האָט געטון, וואָס בלייבט טויב אויף אונדזערע יסורים און אונדזער סוף. — פּאָלאַניעצקי האָט אויפן דעק פון דער נשמה אויך געהאַט אַ געפיל, אַז ליטקאַ, אַוועקגייענדיק פון אים און אָפּטרעטנדיק אינם לאַנד פון טויט, האָט אים געטון, ווי אַן עוולה, און זי איז פון אַ נאָענט וועזן אים געוואָרן ווייט, פון היימיש־אָפיציעל — עפּעס ווייט, הויך, הייליק, און גלייכצייטיק אינגאַנצן גלייכגילטיק צו דער מוטערס יאוש און צום טיפן פּראַייבזאַמקייט פונם נאָענסטן פריינט. אין פּאָלאַניעצקיס דאָזיקן געפיל איז געווען אַ סך עגאָאיזם, אָדער ווען נישט דער עגאָאיזם, וואָס האָט קודם־כל די אייגענע אבדה און די

אייגענע עלנטקייט אין זיך — וואָלטן מענטשן, בפֿרט נאָך די, וואָס גלייבן אין יענער וועלט און אין גליק נאָכן טויט, גישט באַדויערט קיין געשטאָרבענע.

די לוויה איז אַרויס ענדלעך פֿון שטאָט אויף אָפֿענערע און ליכטיקערע שטחים, און נאָך דער ראָגאַטקע האָט זי זיך גערוקט לענגאויס דער מויער פֿונם בית עולם, וואָס איז געווען באַצירט מיט גירלאַנדעס בעטלערס און גירלאַנדעס אימאָרטעלן און באָדל-ביימער, וואָס זענען באַשטימט פֿאַר די קברים. שורות גלחים אין ווייסע כיטלען, די קברות-לייט מיט פּאַקעלן, דער קאַראַוואַן מיט דער טרומבע און די מענטשן, וואָס גייען נאָך זיי, האָבן זיך פֿאַרהאַלטן פֿאַרן טויער, נאָכדעם האָט מען אַראָפּגענומען ליטקאַן און פּאָלאַניעצקי, בוקאַצקי, כוואַסטאָווסקי און ביגעל האָבן זי געטראָגן צום פּאָטערס קבר.

די שטילקייט אין חלל, וואָס וואַרט ערשט נאָך יעדער לוויה איבערהיים אויף די מענטשן, וועלכע קערן זיך אום פֿון פֿרישע קברים, האָט דאָסמאָל אויסגעוויזן, אַז עס הענגט זיך שוין אָן אויפֿן בית-עולם. דער טאָג איז געווען אַ לויטערער, אַ בלאַסער, פֿון די ביימער זענען דאָ און דאָרט אַראָפּגעשוווּמען אָן גערויש געל-געוואָרענע בלעטער; די צאָל מלוים איז ווייניקער געוואָרן צווישן די ברייטע בלאַסע שטיינער, וואָס זענען פֿאַרזייעט געווען מיט צלמים, ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זיי האָבן גאָר קיין סוף נישט, ווי דאָס בית עולם וואָלט באמת זיך טאַקע עפֿענען אין אין-סוף אַריין. די שוואַרצע ליידיקע ביימער, מיט צוזאַמענגעלייגטע קרוינען פֿון דינע און ווי אין שיין צעלאָזטע צווייגלעך גרויע און ווייסע מצבות, ענלעכע צו געשפּענסטער, פֿאַרוויקלטע בלעטער, וואָס האָבן באַדעקט די לאַנגע און גלייכע אַלעען, — אַלץ צוזאַמען האָט באמת געמאַכט אַן איינדרוק פֿון עפּעס עליזעישע פֿעלדער, וואָס זענען פֿול מיט טיפֿער רו, אָבער אויך מיט טיפֿער און פֿאַרשלאָפֿענער מעלאַנכאָליע, מיט עפּעס „קאַלטע און טרויעריקע ערטער”, וועגן וועלכע עס האָט געטרוימט דעם צעזאַרס טרויעריקער קאָפּ און צו וועלכע עס האָט איצט באַדאַרפֿט קומען נאָך איין „animula vagula”.

די טרומנע איז ענדלעך שוין געבליבן פאַרן אָפענעם קבר. עס האָט זיך דערהערט דאָס האַרצרייסנדיקע „Requiem aeternam" און נאָכדעם: „Anima ejus" פּאָלאַניעצקי האָט דורך דעם תּוהו־ובוהו פון זיינע געדאַנקען און איינדרוקן און דורכן פאַרהאַנג פון זיין אייגענעם צער געזען, ווי אין חלום, פרוי עמיליאַס פאַרשטיינערט פּנים און אירע גלעזערנע אויגן, מאַריניאַס טרערן, וואָס האָבן אים אין דער מינוט געאַרט, בוקאַצקיס בלאַסע בליקן, וואָס פון זייערע שטריכן האָט מען בולט געקענט זען, אַז זיין לעבנס־פילאָזאָפיע, נישט האָבנדיק גאָרנישט צו טון אויפן בית־עולם, האָט אים פאַרלאָזט פאַרן טויער — און די טרומנע מיט ליטקאַן. בשעת מען האָט געוואָרפן אויף דער דעק אַ גאָרשטש זאַמד, האָט ער אויך נאָכגעטון, בשעת ווידער מען האָט נאָכן אַראָפּלאָזן די טרומנע אויף פאַסן אין דער טיף פון קבר, פאַרמאַכט די שטיינערנע טיר, האָט אים ווידער עפּעס אָנגעכאַפּט באַם גאָרגל, אַזוי אַז אַלץ, וועגן וואָס ער האָט געטראַכט און וועגן וואָס ער האָט זיך הייגט אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איין גרויסן חלל. אין האַרצן באַ זיך האָט ער געחזרט די פּשוטע ווערטער: „צום ווידערזען, ליטוש!" וואָס האָבן שפּעטער, ווען ער האָט זיך אין זיי דערמאַנט, אויך אויסגעזען אים, ווי גאָרנישט, לגבי דעם גייסטיקן שטורעם, וואָס האָט אים געפּייניקט — און פּטור. די מלוים האָבן אָנגעהויבן שיטערער און צעגאַנגען ווערן. פּאָלאַניעצקין האָט אין אַ קורצע צייט אַרום אויפגעוועקט אַ ווינט, וואָס האָט געבומען אָביאָגן פונדערווייטנס, פון צווישן די צלמים. לעבן קבר האָט ער איצט באַמערקט פרוי עמיליאַן מיט מאַריניאַן, די ביגעלן, וואַסקאָווסקין מיט ליטקאַס פּעטער — ער האָט בדעה געהאַט אָוועקצוגיין דער לעצטער — און האָט געוואָרט, חזרנדיק באַ זיך אין האַרץ ווידער די ווערטער: „צום ווידערזען, ליטוש!" — און טראַכטנדיק וועגן טויט, וועגן דעם, אַז ער וועט אויך מוזן קומען אין דער שטאָט פון מצבֿות און אַז דאָס איז אַן אָקעאַן, אין וועלכן עס וועלן אַריינפליסן אַלע געדאַנקען, באַמיִונגען, געפילן. . . ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן איצט, ווי ער און אַלע, וואָס זענען דאָרט געשטאַנען

בײַ דעם קבֿר אָדער זענען אַװעק, זענען געװען אױף אַ שיף, װאָס אײַלט אױפֿן װעג גלײַך אין אַפּגרונט אַרײַן. װעגן יענער װעלט האָט ער אין דער רגע נישט געטראַכט.

דערװײַל האָט אָנגערוקט אַ שנעלער האַרבסטיקער בין-השמשות. די צלמים זענען געװאָרן נאָך בלאַסער. דער אַלטער פּראָפֿעסאָר און כװאַסטאָװסקי האָבן צוגעפֿירט פֿרױ עמיליאַן צו דער טיר פֿון בית-עולם, אָן שום װידערשטאַנד פֿון איר זײַט. פּאָלאַניעצקי האָט נאָכאַמאָל איבערגעחזרט: „צום װידערזען, קינד לעבן!” און איז אַװעק.

בײַם טױער האָט ער אַ טראַכט געטון:

— אַ גליק, װאָס די מוטער איז נישט בײַם באַװוסטזײַן, װאָס פֿאַר אַ שרעקלעכער געדאַנק, אַז דאָס קינד איז געבליבן אַלײן! די טױטע פֿאַרלאָזן אונדז, אָבער מיר פֿאַרלאָזן אױך זײ.

פֿונדערװײַטנס האָט ער דערזען די קאַרעטע, אין װעלכער פֿרױ עמיליאַ איז אָפּגעפֿאָרן — און ס'האָט זיך אים אױסגעװיזן, אַז דערדאָזיקער סדר-העניינים אױף דער װעלט האָט אין זיך עפּעס פֿאַרדריסלעכס.

אַלײן אָבער, אײַנשטײַגנדיק אין דער דראָזשקע, האָט ער איבערגעלעבט רגעס פֿון עגאָיסטישער דערלײַכטערונג, װאָס האָט געשטאַמט פֿון געפֿיל, אַז עס האָט זיך געענדיקט עפּעס אַ פּײַנלעכער און שװערער אַקט, נאָך װאָס עס קומט אָפּרו. נאָכן צוריקקערן זיך, האָט אים זײַן אײגענע דירה אױסגעזען אײטל, אָן אַ שטראַל פֿון פֿרײד, אָן האָפֿנונג און הײטערקײט; װען ער האָט אָבער בײַ דער טײ זיך אױסגעצױגן אױף דער סאָפֿע, — האָט אים אַ חיהשע הנאה באַהערשט פּונקט אַזױ נאָך דער אַרבעט; — דאָס געפֿיל פֿון דערלײַכטערונג, אַפֿילו פֿון הנאה צוליב דעם, װאָס די לװיה האָט זיך געענדיקט און ליטקאַ איז שױן באַהאַלטן, האָט אים אַ צװײט מאָל באַהערשט. ער האָט זיך דעמאָלס דערמאָנט די מײנונג פֿון עפּעס אַ דענקער: „איך קען נישט קײן פֿאַרברעכער, איך קען בלױז אָרנטלעכע מענטשן און זײ זענען אױך הערלעך”. פּאָלאַניעצקי האָט אין דער רגע אױסגעזען בײַ זיך עקלהאַפֿט.

אין אָחנט האָט ער זיך דערמאָנט, אַז מען דאַרף פונדעסטוועגן זיך דערוויסן וועגן פרוי עמיליאַן, וועלכע מאַריניאַ האָט געלאָזט נעמען אויף עטלעכע וואָכן צו זיך. אַרויסגייענדיק, האָט ער באַמערקט ליטקאַס פאָטאָגראַפיע, האָט ער זי אַ קוש געטון. אין אַ פערטל שעה אַרום האָט ער געקלונגען בײַ די פּלאַוויצקיס.

דער דינער האָט אים געזאָגט, אַז דער הער איז אַוועק, אָבער אַז אַ חוץ פרוי כוואַטאַוסקאַ איז דאָ פּראָפעסאָר וואָסקאָווסקי און קסיאָנדז כילאַק. און זאַלעכל האָט אים אויפגענומען מאַריניאַ, אַ שלעכט פאַרקעמטע, מיט רויטע אויגן, כמעט אַ מיאוסע. איר אַמאָליקער אופן פון באַגיין זיך מיט אים האָט זיך אָבער לחלוטין געביטן, ווי מאַריניאַ וואָלט האָבן פאַרגעסן אָן אַלע תרעומות לגבי די אומגליקלעכערע ענינים.

— עמילקאַ איז בײַ מיר — האָט זי אָנגעהויבן שעפּטשען. — זי פילט זיך שלעכט, דאַכט זיך אָבער, אַז זי פאַרשטייט לפּחות, וואָס מען רעדט צו איר. פּראָפעסאָר וואָסקאָווסקי געפינט זיך לעבן איר... ער רעדט אַזוי פון האַרץ אַרויס... איר ווילט אומבאַדינגט זען עמילקאַן?

— ניין, פריילין. כ'בין געקומען זיך בלויז דערוויסן, וואָס זי מאַכט, און כ'גיי תיכף אַוועק.

— כ'ווייס נישט... אפשר וועט זי וועלן אייך זען. רוט אייך אַ רגע אָפּ און איך וועל אַוועק זי דערמאָנען, אַז איר זענט געקומען. ליטקאַ האָט אייך אַזוי ליב געהאַט, אַז בלויז צוליב דעם אַליין וועט אפשר עמיליאַן הנאה טון אייך צו זען.

— גוט — האָט געענטפערט פּאַלאַניעצקי.

מאַריניאַ איז אַריין אין שכנותדיקן צימער. זי האָט אָבער משמעות נישט געקענט תיכף אָנהייבן דעם שמועס, מחמת פּאַלאַניעצקי האָט דורך דער אָפענער טיר געהערט נישט איר קול, נאָר וואָסקאָווסקיס, וואָס איז פול געווען מיט באַטאָנונגען פון טיפער איבערצייגונג און וואָס האָט דעריבער, ווי מיט אָנשטרענגונג, זיך באַמיט דורכצוברעכן דעם פאַנצער פון אַטראָפיע און יסורים.

דער אַלטער פּראָפעסאָר האָט געזאָגט:

„... ס'איז אַזוי, ווי זי וואָלט אַרויס אין צווייטן צימער נאָך אַ שפּילצייג — און באַדאַרף תיכף צוריקקומען... זי וועט זיך נישט אומקערן, אָבער איר וועט גיין צו איר. מיין טייערע מאַדאַם, קוקט אויפן טויט, נישט פון דער ערד־זייט, נאָר פון דער זייט, וואָס געהער צו גאָט. דאָס קינד לעבט און איז גליקלעך, ווייל זייענדיק אין דער אייביקייט, קוקט עס אויף דעם שיידן זיך תמיד, ווי אויף אַן אויגנבליק. ליטקאָ לעבט — האָט ער ווייטער געזאָגט מיט באַטאָנונג — זי לעבט און איז גליקלעך. זי זעט, אַז איר גייט צו איר און ציט צו אייך אויס די הענט, און ווייסט, אַז אין אַ רגע אַרום וועט איר קומען, ווייל פון גאָטס זייט איז דאָס לעבן און די קראַנקהייט ווייניקער, ווי אַן אויגנבליק — און דערנאָך די אייביקייט, צוזאַמען — מיט ליטקאָן, גיט אַ טראַכט, מאַדאַם טייערע — מיט ליטקאָן, אין רו, אין גליק... אָן קראַנקהייטן, אָן טויט, די וועלטן וועלן אונטערגיין און איר וועט זיין צוזאַמען..."

און פּאָלאַניעצקי האָט מיט צער אַ טראַכט געטון:

— ס'וואָלט גוט געווען, ווען דאָס זאָל זיין אויף זיכער...

אין אַ ווײַלע אַרום ווידער:

— ווען איך זאָל אַזוי פילן, וואָלט איך געהאַט נאָך וואָס אַהין אַריינצוגיין. אַזיסטן נישט!

אָבער נישט קוקנדיק אויף דעם געדאַנק, איז ער אַריין, נישט וואַרטנדיק אַפילו אויף מאַריניאַס צוריקקומען, מחמת ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז קוים ער האָט נישט געהאַט קיין סיבה, האָט ער געהאַט אַ פליכט און אַז ער טאָר נישט זיין קיין פּחדן קעגן יענעמס יסורים. עגאָיזם איז „בוימאייל אין די אויערן פאַר מענטשלעכע קרעכצן", און פאַרענטפערט זיך פאַר זיך אַליין, אַז דעם גרויסן צער קען מען קיין זאַך נישט זאָגן, וואָס זאָל אים טרייסטן. פּאָלאַניעצקי האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַזוי און עס איז אַ חרפּה געווען זיך באַקוועם צוריקצוציען, איידער צו גיין קעגן דעם צער פון דער מוטער. אַריינגייענדיק, האָט ער באַמערקט פרוי עמיליאַן זיצן אויף דער סאָפקע; איבער דער סאָפקע איז

געשטאַנען דער לאָמפּ, נידעריקער אַ ביסל אַ פּאַלמע, וואָס האָט אויפן אומגליקלעכן קאָפּ געוואָרפן אַ שאָטן, ווי פון צעשפּרייטע רייזיקע פינגער איבער איר. לעבן פרוי עמיליאַן איז געזעסן וואַסקאָווסקי און האַלטנדיק זי פאַר דער האַנט, האָט ער געקוקט איר אין פּנים אַריין. פּאָלאַניעצקי האָט באַ אים אָוועקגענומען די הענט און אייַנבייגנדיק זיך צו זיי, האָט ער זיי אָנגעהויבן שווייגנדיק צודריקן צו די ליפּן.

פרוי עמיליאַ האָט אַ רגע געמריגעט מיט די אויגן, ווי איינער, וואָס באַמיט זיך אויפצוכאַפּן פון שלאָף, דערנאָך האָט זי פּלוצלינג אויסגעשריגן מיט אַן אומנעריכטן אויסברוך:

— איר געדענקט, ווי זי...

און ס'האָט זי אָנגעכאַפּט אַ געוואַלטיק העשע, באַ וועלכן די הענט ווערן צוגעדריקט, דאָס מויל קען קיין אָטעם נישט כאַפּן און די ברוסט פּלאַצט פון כליפּען. ענדלעך האָט איר פאַרפעלט כוחות און זי איז געפאַלן אין חלשות. ווען זי איז ווידער צו זיך געקומען, האָט זי מאַריניאַ אַרויסגעפירט צו זיך אין צימער אַריין. פּאָלאַניעצקי צוזאַמען מיט וואַסקאָווסקין זענען אַריין אין דעם צווייטן זאַלעכל, וווּ פּלאַוויצקי, וועלכער איז דערווייל אָנגעקומען פון שטאָט, האָט זיי פאַרהאַלטן.

— אַזאַ טרויעריק מענטש אין שטוב — האָט ער צו זיי געזאָגט — דאָס מאַכט שטאַרק קאַליע דאָס לעבן; ס'וואָלט מיר געקומען אַ ביסל רו און פרייקייט, אָבער וואָס זאָל מען טון, וואָס זאָל מען מאַכן! — איך מוז אַראָפּ אויפן צווייטן פּלאַן און איך בין גרייט...

אין אַ האַלבע שעה אַרום איז מאַריניאַ אַריין אויף אַ ווײַלע מיט אַ ידיעה, אַז פרוי עמיליאַ האָט זיך לויט איר בקשה צוגעלענט און איז אַ ביסל באַרויִקטער. פּאָלאַניעצקי און וואַסקאָווסקי האָבן זיך אָנגעהויבן געזעגענען און זענען אַוועק.

זיי זענען געגאַנגען אין אַ געדיכטן נעפּל, וואָס האָט באַנאַכט זיך אויפגעהויבן פון דער ערד נאָכן לויטערן טאָג, פאַרשטעלנדיק די גאַסן און מאַכנדיק אַרום די לאַמטערנס פאַרשידנפאַרביקע קרייזן. ביידע האָבן זיי געטראַכט וועגן ליטקאַן, וועלכע

האָט די ערשטע נאַכט פאַרברענגט שוין ווייט פון דער מוטער־
צווישן געשטאָרבענע. פּאָלאַניעצקין האָט זיך דאָס ממש אויסגע־
וויזן שרעקלעך, נישט פאַר ליטקאַן, נאָר פאַר פרוי עמיליאַן,
וועלכע האָט געמוזט פון דעם טראַכטן. ער האָט אויך באַטראַכט
וואַסקאָווסקיס ווערטער צו איר און לסוף זיך אָנגערופן:
— כ'האָב געהערט, וואָס איר האָט געזאָגט... אויב דאָס
האָט איר געמאַכט גרינגער, איז גוט; אָבער זעט איר, ווען דאָס
זאָל זיין אַן אַקסיאָמע, וואָלטן מיר זיך איצט באַדאַרפט... ווייס
איך?... סיידן אַ סעודה מאַכן און זיך פרייען, וואָס ליטקאַ איז
געשטאָרבן.
— און פונוואַנען ווייסטו, אַז מיר וועלן נאָכן טויט זיך
נישט פרייען?
— זאָגט־זשע, פונוואַנען ווייסט איר, אַז עס וועט אַזוי זיין?
— איך ווייס נישט, איך גלייב.
אויף דעם איז נישט געווען וואָס צו ענטפערן — פּאָלאַ־
ניעצקי האָט דעריבער גערעדט ווי צו זיך:
— חנד, עמפּירישער שיין, אייביקייט — פאַריניקן זיך —
אָבער אינדעראמתן וואָס? — אַ בר־מינן פון אַ קינד אויפן בית־
עולם אָן אַ מוטער, וואָס דרייט זיך פון יסורים... וואָלט כאָטש
דער טויט געבוירן די אמונה אייערע, ער מאַכט אָבער געבוירן
יאוש. ווייל דאָס קינד איז דאָך אייך אַ שאָד און מיר באַכמער, און
דערדאָזיקער צער וואַרפט מיר פשוט צו די שאלה: פאַרוואָס איז
זי געשטאָרבן? צוואָס איז דאָסדאָזיקע אכזריות? כ'ווייס, אַז
דאָס איז אַ נאַרישע פראַגע, און אַז מיליאָנען מענטשן האָבן זיך
דאָס געשטעלט; אויב אָבער דאָס דאַרף זיין אַ טרייסט, זאָל עס
דער רוח נעמען! כ'ווייס אויך, אַז כ'וועל קיין תשובה נישט גע־
פינען, אָבער פאַר דעם טאָקע ווילט זיך מיר שילטן און קריצן
מיט די ציין... כ'פאַרשטיי נישט — און כ'בונטעווע זיך — און
פּטור! דאָס איז דער גאַנצער פועל־יוצא, וואָס איר קענט אפילו
נישט אָנערקענען פאַר געוווּנטשן.
וואַסקאָווסקי האָט אויך געענטפערט, ווי ער וואָלט אַליין
צו זיך רעדן:

— קריסטוס איז אויפגעשטאַנען תחית-המתים, ווייל ער איז געווען אַ גאָט אָבער אַלס מענטש איז ער אויך דורכגעגאַנגען דורכן טויט היינט וואָס-זשע קען איך, אָרים ווערעמל, טון, אויב נישט ליב האָבן דעם געטלעכן רצון און די חכמה פונם טויט?

אויף דעם האָט פּאָלאַניעצקי אָפּגעענטפערט:

— מיט אייך איז נישטאָ וואָס צו רעדן.

— ס'איז גליטשיק — האָט זיך אָפּגערופן וואַסקאָווסקי — דערלאַנג מיר די האַנט.

און בעמענדיק פּאָלאַניעצקין אונטערן אָרעם, האָט ער זיך אויף אים אָנגעלענט און ווייטער גערעדט:

— מיין טייערער! דו האָסט אָן ערלעך און ליבנדיק האַרץ, דו האָסט זייער ליב געהאַט די קליינע, וואָלסט זייער אַ סך געווען פאַר איר געטון — נישט אמת? — טו-זשע נאָך דאָס איינע: דו גלייבסט, צי דו גלייבסט נישט זאָג אָפּ פאַר איר: „אייביקע רו..." אויב דו רעכנסט, אַז דאָס וועט איר גאָרנישט צונוץ קומען, זאָג צו זיך: מער קען איך שוין פאַר אירעטוועגן נישט, אָבער דאָס איינע קען איך נאָך...

— לאָזט מיך צורו — האָט געענטפערט פּאָלאַניעצקי.

— זי דאַרף עס אפשר גאָרנישט, אָבער איר וועט זיין טייער דיין געדענקען אָן איר, זי וועט דיר זיין דאַנקבאַר און אויסבעטן פאַר דיר חסד פון זיין ליבן נאָמען.

פּאָלאַניעצקי האָט זיך דערמאַנט, ווי וואַסקאָווסקי האָט, אויף דער ידיעה וועגן ליטקאָס לעצטן אָנפאַל, זיך אויסגעדריקט, אַז דעם קינדס לעב קען נישט זיין אָן אַ ציל און אַז אויב עס איז עס באַשערט צו שטאַרבן, איז מסתמא אָנגעצייכנט, אַז עס זאָל פאַרן טויט עפּעס אויפטון. ער האָט צוליב דעם איצט געוואָלט אָנפאַלן אויף וואַסקאָווסקין, פּלוצלינג אָבער איז אים אין קאָפּ אַריין דער געדאַנק, אַז ליטקאָ האָט פאַרן טויט אים פאַרייניקט מיט מאַרינאַ.

און נישט ווילנדיק איז אים געקומען אויפן רעיון די פראַגע: „און אפשר האָט זי צוליב דעם טאַקע געלעבט?" אָבער די

זעלבע רגע האָט ער זיך אָנגעהויבן בונטעווען קעגן דעם געדאַנק.
ס'האָט אים פלוצלינג אַ כעס אָנגעכאַפּט אויף מאַריניאַן, וואָס איז
געווען פול מיט בזיון און כמעט מיט פאַראַכטונג.
— איך וויל זי נישט פאַר אַזאַ פּרייז — האָט ער אַ טראַכט
געטון, פאַרבייסנדיק מיט די ציין — איך וויל נישט! כ'האָב גע־
נוג זיך אַליין אָנגעמוטשעט. כ'וואָלט צען אַזעלכע אוועקגעגעבן
פאַר איין ליטקאַן!
דערווייל האָט וואַסקאָווסקי, שלעפנדיק זיך לעבן אים, גע
רעדט:
— מען זעט אויף קיין טריט נישט און די שטיינער זע־
בען גליטשיק פון נעפל. ווען נישט דו, וואָלט איך מיך שוין
לאַנג געווען איבערגעדרייט.
פּאָלאַניעצקי האָט זיך אָפּגעקילט און זיך אָנגערופן:
— ווייל, פאַרשטייט איר מיך, הער פּראָפעסאָר, ווער עס
גייט אויף דער ערד, דער מוז גיין אַראָפּ נישט אַרויף.
— דו האָסט גוטע פיס, מיין ליבער.
— און אויגן, וואָס זעען קלאָר, אפילו אין אַזאַ נעפל,
וואָס רינגלט אונדז אַרום, ווייל מיר אַלע לעבן אין אַ נעפל און
הינטער אים ווייסט דער רוח, וואָס עס איז. אַלץ, וואָס איר
זאָגט, מאַכט אויף מיר אַזאַ איינדרוק, ווי מ'מעג וואָלט געבראָכן
טרוקענע צווייגעלעך, געוואָרפן זיי אין שטראָם אַריין און גע־
זאָגט, אַז פון זיי וועלן אַרויסקומען בלומען. ס'וועט זיין פוילעכץ,
נישט מער... מיך האָט אויך עפּעס דער שטראָם אַ ריס געטון,
און כ'האָב געמיינט, אַז עס וועט זיין פון דעם אַ בלום. שטותים!...
אָבער אָט איז אייער טויער! — אַ גוטע נאַכט.
און זיי האָבן זיך צעשיידט. פּאָלאַניעצקי איז אַהיימגעקו־
מען צו זיך קוים אַ לעבעדיקער פון מידקייט און לייגנדיק זיך,
האָט ער ווייטער אָנגעהויבן פּייניקן זיך מיט רעיונות, אָדער ריכ־
טיקער, מיט וויזיעס. קודם־כל האָט זיך אים געשטעלט פאַר די
אויגן די אָנמעכטיק געוואָרענע פון יסורים, פרוי עמיליאַ, וואָס
איז געזעסן אין מאַריניאַס זאַלעכל אונטער דער פּאַלמע, וואָס
איז אַריבערגעהאָנגען איבער איר קאָפּ, ווי אַ גרויסע, ביין־באַ־

שערטע האַנט, מיט צעשפּרייטע רויבערישע פינגער, און געוואָרפן אַ שאָטן אויף איר פּנים. „איך וואָלט געקענט פילאָזאָפירן ביז מאָרגן אינדערפרי — האָט ער געמרוקעט צו זיך. — אַלץ, פון וואָס דאָס לעבן לייגט זיך צונויף איז אַזאַ האַנט, פון וועלכער עס פאַלט אַ שאָטן — נישט מער! ווייל, ווען עס זאָל זיין באַ דעם נאָך אַ ביסל רחמנות, וואָלט דאָס קינד נישט געשטאָרבן — און מיט דעם ווידער, וואָס וואַסקאָווסקי זאָגט, וועט אפילו קיין שפּערל זיך נישט אָנעסן“.

דאָ האָט ער זיך אָבער דערמאַנט, אַז וואַסקאָווסקי האָט נישט בלויז גערעדט וועגן טויט, נאָר אויך געבעטן, אַז ער זאָל אָפּזאָגן פאַר ליטקאַן: „אייביקע רו“. פּאָלאַניעצקי האָט איצט אָנגעהויבן מיט זיך קעמפן. דאָס אויספעלן פון טיפער אמונה, אַז ליטקאַ זאָל קענען הערן זיין „אייביקע רו“ און אַז ער זאָל רעגען איר מיט דעם צונויפקומען, האָט אים פאַרמאַכט דאָס מאָל ער האָט דערביי געפילט עפּעס אַ בושה צו זאָגן ווערטער, וואָס זענען נישט געפלאָסן פון דער טיף פון זיין איבערצייגונג: אין גלייכצייטיק האָט ער אויך דערפילט דיזעלבע בושה עס נישט צו טון. „ווייל סוף־כל־סוף, וואָס ווייס איך? — האָט ער געטראַכט — גאָרנישט. אַרום און אַרום איז נעפּל און נעפּל. מסתמא וועט איר פון דעם גאָרנישט אַרויסקומען, אָבער ווי די מעשה זאָל נישט זיין, איז עס טאַקע די איינציקע זאַך, וואָס איך קען נאָך טון פאַר מיין „קעצל“, פאַר דעם טייערן קינד, וואָס האָט אין דעם טאָג פון טויט געטראַכט וועגן מיר“.

און ער האָט זיך נאָך אַ ווײַלע געוואַקלט, נאָכדעם דאָך אָנידערגעקניט אויפן בעט און געזאָגט: „אייביקע רו.“

דאָס האָט אים אָבער קיין נחמה נישט געבראַכט, מחמת עס האָט אין אים אויפגעוועקט נאָכמער צער איבער ליטקאַן, און גלייכצייטיק כּעס אויף וואַסקאָווסקין פאַר דעם, וואָס ער האָט אים אַריינגעטריבן אין אַזאַ מצב, אין וועלכן ער האָט געמוזט אָדער אַריינפאַלן אין סתירה צו זיך אַליין, אָדער עפּעס בוגד זיין אין ליטקאַן. ער האָט לסוף דערפילט, אַז ער האָט שוין גענוג די פּיין און האָט באַשלאָסן אויפצומאָרגנס אינדערפרי גיין אין

בּיוראָ אַריין און זיך מיט ביגעלן פאַרנעמען מיט אַ ליאַדע ענין, אַבי אָפּצורייסן דעם געדאַנק פון דעם פאַרכּישופטן קרייז, אין וועלכן ער האָט זיך שוין עטלעכע טעג געדרייט...

צומאָרגנס אָבער האָט ביגעל אים מקדים געווען און איז אַליין געקומען צו אים, אפשר אויך כּדי אים מיט עפּעס אַנדערש צו פאַרנעמען. פּאָלאַניעצקי האָט מיט אַ געוויסער גייציקייט זיך געוואָרפן באַטראַכטן די לויפנדיקע ענינים — ער האָט אָבער לאַנג נישט געקענט מיט ביגעלן זיך פאַרנעמען מיט דעם, מחמת אין אַ שעה אַרום איז בוקאַצקי געקומען זיך געזעגענען:

— איך פאָר הײַנט קיין איטאַליע און גאָט ווייסט, ווען איך וועל זיך אומקערן — האָט ער אַ זאָג געטון — כ'האָב אייך געוואָלט זאָגן: אַ זייט געזונט! דער טויט פון דעם קינד האָט מיך געטראָפן טיפער, ווי כ'האָב מיך געקענט ריכטן...

— פאָרסט ווייט?

— אַ סך צו רעדן דאָ. בײַ אונדז רעדט זיך אַזוי, אַז מען איז אַ בודיסט, אָדער וואָס עמעץ וויל — אָבער אין תוך גענו־מען, איז אַ ביסל גלייבט מען, אַ ביסל האָט מען אמונה אין... עפּעס אַ חסד... און מיט דעם לעבט מען. דערווייל אָבער וואָס? די ווירקלעכקייט שמייסט אונדז יעדן טאָג איבערן פּאַצוף — און פירט אַריין אין פרשת דרכים פון דער נשמה, אין עגמת־נפש, אין מאָראַלישן דרוק. דאָ האָט מען אייביק עפּעס, אָדער עמעצן ליב, דאָ האָט מען צער פון פרעמדע אומגליקן, און איך וויל עס נישט. עס מאַטערט מיך אויס.

— וואָס־זשע וועט דיר העלפן איטאַליע?

— וואָס עס וועט מיר העלפן? דאָרט האָב איך אַ זון, וועלכע כ'האָב דאָ נישט; כ'האָב די קונסט, וואָס דאָ האָב איך זי נישט, און צו וואָס איך פיל אַ חולשה; כ'האָב קיאַנטי, וואָס מאַכט מיר גוט אויפן מאָגנקאַטאַר, און ענדלעך האָב איך מענטשן, וואָס גייען מיך לגמרי נישט אָן און וואָס קענען זיך שטאַרבן הונדערטערווייז, אַז ס'זאָל מיך אויף אַ האָר נישט אַרן. כ'וועל באַטראַכטן בילדער, אײַנקויפן וואָס איך דאַרף; כ'וועל פלעגן מיין רעוומאַטיזם, מיין קאַפּ־ווייטיק און וועל זיך מער אָדער ווײַ־

ניקער זײַן עלעגאַנט, מער אָדער װײניקער זאַט און מער אָדער װײניקער אַ חיה — װאָס איז, גלײב מיר, דער געװוּנטשנסטער אופן און מצב פונם לעבן. דאָ קען איך נישט זײַן געגנוג בהמה, און אינעװײניק בײַ זיך װיל איך עס דאָך זײַן.

— ביסט געריכט, בוקאַצקי. מיר, זעסטו, זיצן בײַ חשבונות אַ ביסל אויך צוליב דעם, מען זאָל זיך אַ ביסל פאַרטמען און װעגן עפּעס אַנדערש נישט טראַכטן. אַז מיר װעלן מאַכן אַזאַ פאַרמעגן, װי דו האָסט, — כ'װײס נישט, װי ביגעל — אָבער איך װעל דיר נאָכטון.

— אַלזאָ, צום װידערזען אין צײַט און שטח — האָט אַ זאָג געטון בוקאַצקי.

אין אַ רגע אַרום נאָך זײַן אַװעקגײן האָט פּאָלאַניעצקי אַ זאָג געטון:

— ער איז גערעכט. װי װאָלט איך, למשל געװען גליקלעך, װען כ'זאָל נישט געװען זיך אַזוי צובינדן צו דעם קינד און צו פרוי עמיליאַן. מיר זענען אין דעם פּרט אומאויסהײלבאַר און מאַכן בידים אַ תל פונם לעבן. ער איז גערעכט. דאָ ליבט מען עפּעס אָדער עמעצן. דאָס איז אַ קראַנקהײט בירושה. . . אײביקער ראָמאַנטיזם, אײביקער סענטימענטאַליזם — און אָן אײביק שטעכעניש אין האַרץ. . .

און ביגעל האָט אַ זאָג געטון:

— דער אַלטער פּלאַװיצקי האָט דיך געלאָזט גריסן. ער האָט קײנעם אַ חוץ זיך נישט ליב.

אײגנטלעך איז עס אפשר אַזוי, אָבער אים פעלט אויס אי שכל, אי דרײסטקײט, זיך צו זאָגן, אַז אַזוי מוז מען און אַזוי דאַרף מען. אדרבה. ער איז איבערצײגט, אַז מען דאַרף אַנדערש און דעריבער איז ער אין אַן אײביקער קנעכטשאַפט. דאָ, אַז עמעץ האָט אפילו אַזאַ נאַטור, װי ער, מוז ער נאָך מאַכן דעם אָנשטעל, אפילו פאַר זיך אַלײן, אַז ער האָט עפּעס אָדער עמעצן ליב.

— װעסט זײַן הײַנט בײַ פרוי עמיליאַן? — האָט אַ פרעג געטון ביגעל.

— פאַרשטײט זיך! װען כ'זאָל דיר, למשל, זאָגן, אַז כ'האָב

מאַלאַ־יע, איז נישט טייטש, אַז כ׳האָב מיט דעם אַליין זיך שוין אויסגעהיילט פון דעם.

און באמת, ער איז נישט בלויז געווען דעם טאָג בײַ פרוי עמיליאַן איינמאָל, נאָר גאַנצע צוויי מאָל, מחמת ער האָט בײַם ערשטן מאָל די דאַמען נישט געטראָפן אינדערהיים, פּלאַוויצקי האָט אויף די פראַגע, ווו די טאָכטער איז? געענטפערט אים מיטן געהעריקן פּאַטאָס און יאוש: „איך האָב איצט נישט קיין טאָכ־טער!“ — פּאָלאַניעצקי, נישט וועלנדיק אים אָנזידלען, צוואָס ער האָט דערפילט פלוצלינג גרויס חשק, איז אַוועק און צוריקגעקומען ערשט אינאָוונט.

דאָס מאָל איז ווידער צו אים אַרויס מאַריניאַ אַליין און מודיע געווען, אַז פרוי עמיליאַ איז דאָס ערשטע מאָל פון ליטקאַס לוויה אָן אַנטשלאָפן געוואָרן. זאָגנדיק דאָס, האָט זי אַ קורצע צייט געהאַלטן איר האַנט אין זיינער. פּאָלאַניעצקי האָט נישט קוקנדיק אויף דעם גאַנצן תוהו־ובוהו, אין וואָס זיינע געדאַנקען האָבן זיך געפונען, נישט געקענט דאָס נישט באַמערקן, און ווען ער האָט ענדלעך מיט אַ פרעגנדיקן בליק איר אַ קוק געטון אין די אויגן, האָט ער באַמערקט, אַז דעם מיידלס באַקן זענען לייכט פאַרויטלט געוואָרן, דערווייל האָבן זיי זיך אַוועקגעזעצט איינער לעבן אַנדערן און אָנגעהויבן שמועסן:

— מיר זענען געווען אויפן פּאָוואָנזעק — האָט אַ זאָג גע־טון מאַריניאַ — כ׳האָב צוגעזאָגט עמילקאַן, אַז מיר וועלן יעדן טאָג אַהינפאָרן.

— צי איז עס דען אַזאַ מעלה פאַר איר, אַז זי זאָל יעדן טאָג זיך דערמאָנען אינם קינד און צערייסן די וואונדן?

— אָך, אַנישט זענען זיי דען פאַרטריקנט געוואָרן — האָט געענטפערט מאַריניאַ. — און קען מען איר דען זאָגן: „פאָר נישט?!“ איך האָב אַליין געמיינט, אַז דאָס וועט נישט גוט זיין, איך האָב זיך אָבער איבערצייגט, אַז פאַרקערט. אויפן פּאָוואָנזעק האָט זי שטאַרק געוויינט, אָבער עס איז איר בעסער געוואָרן, צוריקקערנדיק זיך האָט זי זיך דערמאָנט אָן דעם,

וואָס פּראָפעסאָר וואַסקאָוסקי האָט איר געזאָגט — און דער געדאַנק, דאָס איז פאַר איר די איינציקע טרייסט — די איינציקע!

— זאָל זי כאָטש אַזעלכע האָבן — האָט געענטפערט פּאָלאַניעצקי.

— זעט איר, איך האָב תחילת נישט געוואָגט זי צו דערמאָנען וועגן ליטקאָן, זי רעדט אָבער כסדר וועגן איר. האָט אויך נישט קיין מורא מיט איר צו רעדן דערוועגן, ווייל דאָס מאַכט איר משמעות לייכטער...

דאָ האָט דאָס מיידל אָנגעהויבן צו דערציילן מיט נאָך אַ בידעריקערער און ווי נישט זיכערער שטים:

— זי מאַכט זיך כסדר פאָרוווּרף, אַז די לעצטע נאַכט האָט זי געהאָרכט דעם דאָקטאָר און איז אַוועק שלאָפן. ס'איז איר אַ שאָד די פּאָר אָרימע רגעס, וואָס זי האָט געקענט פאַרברענגען מיט ליטקאָן און דער געדאַנק פּייניקט זי. היינט, ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט פון בית-עולם, האָט זי מיך אָנגעהויבן אויספרעגן וועגן די קלענסטע פּרטים: ווי דאָס קינד האָט אויסגעזען, ווי לאַנג עס איז געשלאָפן, צי ס'האָט גענומען די רפואה און וואָס עס האָט דערביי געזאָגט, צי ס'האָט זיך צו אונדז אָפּגערופן?... דערביי האָט זי מיך באַשווירן, כ'זאָל זיך אַלץ דערמאָנען און נישט דורכלאָזן קיין איין וואָרט אפילו.

— און איר האָט קיין זאַך נישט דורכגעלאָזט?

— ניין.

— ... ווי האָט זי עס אויפגענומען?

— זי האָט זייער, זייער געוויינט.

ביידע זענען זיי אַנטשוויגן געוואָרן און האָבן לאַנג געשוויגן, נאָכדעם האָט מאַריניאַ אַ זאָג געטאָן:

— כ'וועל גיין געבן אַ קוק, וואָס עס טוט זיך מיט איר.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי זיך אומגעקערט:

— זי שלאָפט — האָט זי געזאָגט — געלויבט איז גאָט!

פּאָלאַניעצקי האָט דעם אָוונט נישט געזען מער פּרוי עמיל-

יאַן, מחמת זי איז אַריינגעפאַלן עפעס אין אַ לעטאַרגישן שלאָף. באַם געזעגענען זיך האָט מאַריניאַ ווידער לאַנג און שטאַרק אַ דריק געטון זיין האַנט און כמעט מיט הכנעה אַ פרעג געטון:

— איר וועט נישט בייז זיין אויף מיר, וואָס כ'האָב איבערגעחזרט פאַר עמילקאַן ליטקאַס לעצטן פאַרלאַנג?

— אין אַזעלכע מינוטן — האָט געענטפערט פּאָלאַניעצקי — קען איך נישט טראַכטן וועגן זיך, מיר גייט בלויז אין פרוי עמיליאַן און אויב אייערע ווערטער האָבן איר געשאַפן אַ דערלייכטערונג, דאַנק איך אייך פאַר דעם.

— אַלזאָ, ביז מאָרגן? אמת?

— ביז מאָרגן.

פּאָלאַניעצקי האָט זיך געזעגנט און אַוועק. אַראָפּגייענדיק פון די טרעפּ, האָט ער געטראַכט:

— זי האַלט זיך פאַר מיין כלה.

און ער האָט זיך נישט טועה געווען. מאַריניאַ האָט אים געהאַלטן פאַר איר חתן. זי איז קיינמאָל נישט געווען צו אים גלייכגילטיק; אדרבה, די קראַפט פון פּאַרדרוס איז געווען אין איר די מאָס פונם אומגעווינטלעכן איבערערעס, וואָס ער האָט אין איר אויפגעוועקט. באַ דעם האָט ער בשעת ליטקאַס קראַנקהייט און לוויה געקענט אַליין אַנטדעקן אין זיך אומגעהייערע שיכטן עגאָיזם— איר ווידער האָט ער זיך אויסגעוויזן אַזוי גוט, אַז זי האָט ממש נישט געהאַט מיט וועמען אים צו פאַרגלייכן. דאָס איבעריקע האָבן אויפגעטון ליטקאַס ווערטער. אין תוך גענומען האָט איר האַרץ קודם כל געגאַרט ליב צו האָבן — און איצט — קוים האָט זי איינמאָל צוגעזאָגט ליטקאַן אין דער מינוט פון איר טויט, קוים האָט זי זיך מתחייב געווען ליב צו האָבן און חתונה צו האָבן, האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז ווען זי זאָל אפילו נישט ליב האָבן, וואָלט זי עס זיך באַדאַרפט הייסן — און זי האָט שוין נישט געטאָרט נישט ליב האָבן. פּאָלאַניעצקי איז אַריין אין קרייז פון אירע פליכטן, מחמת זי האָט אָנגעקערט צו די פשוטע פרויען-נאַטורן, וועלכע טרעפן זיך נישט זעלטן עד-היום, פאַר וועלכע

דאָס לעבן און די פליכטן זענען איינס און דאָסזעלבע, און די־ריבער טראָגן זיי אַריין אין דער פליכט גוטן ווילן און נישט בלויז גוטן, נאָר אויך אויסגעהאַלטענעם.

אַזאַ ווילן ברענגט מיט זיך ליבע, וואָס לייכט ווי די זון, וואַרעמט ווי איר וואַרעמקייט און הייליט ווי דער בלויער, לויטע־רער הימל! אויף אַזאַ אופן ווערט נישט דאָס לעבן קיין טרוקע־נער דערנער־קוסט, וואָס שטעכט, נאָר אַ בלום, וואָס בליט און פאַרשיכורט.

דאָס רעכטפאַרטיקע אין אירע געדאַנקען און גלייכצייטיק פשוטע און איידעלע אין אירע געפילן פון אַ דאָרפיש מיידל, האָט געהאַט אין זיך די פעיקייט פון לעבן און גליק ביזן העכסטן גראַד.

דעריבער, ווען פּאַלאַניעצקי איז אוועק, האָט זי טראַכטנדיק וועגן אים אַנדערש נישט אָנגערופן בײַ זיך אין האַרץ, ווי: „הער סטאַך!" ווײַל דאָס איז שוין געווען טאַקע איר „הער סטאַך".

פּאַלאַניעצקי ווידער, לייגנדיק זיך שלאָפן, האָט געחזרט צו זיך מעכאַניש אַ ביסל:

— זי האַלט זיך פאַר מיין כלה.

ליטקאָס טויט און די איבערלעבונגען פון די לעצטע טעג האָבן אָפּגערוקט מאַריניאַן נישט בלויז אין געדאַנק, נאָר אויך אין זיין האַרץ אויף אַ ווייטן, אפילו זייער ווייטן פּלאַן.

איצט האָט ער ווידער אָנגעהויבן טראַכטן וועגן איר און גלייכצייטיק וועגן זיין צוקונפט. און פּלוצלינג האָט ער דער־זען עפּעס אַ כמאַרע אומצאָליקע פראַגן, אויף וואָס ער האָט קיין שום תשובה נישט געהאַט.

ער האָט בלויז געפילט פאַר זיי אַן אימה; ער האָט גע־פילט, אַז דערווייל פעלט אים אויס הן כוח, הן חשק, די מי זיך אונטערצונעמען ווידער אָנהייבן דאָס אַמאָליקע לעבן, ווידער אַריינפאַלן אין דעם סענטימענטאַלן פאַרכישופטן קרייז, ווידער זיך באַאומרויקן, ווידער זיך אָנטון אַ כוח, זיך באַמיען וועגן זאַכן,

וואָס ברענגען בלויז צער, זיך בריהן מיט זיך צוליב געפילס־טעמים ? צי איז נישט בעסער, צו היטן די חשבונות מיט ביגעלן, מאַכן געלט, כדי אַמאָל זיך אַ לאָז צו טון, ווי בוקאַצקי קיין איטאַליע אָדער ערגעץ אַנדערש, וווּ ס׳איז דאָ אַ זון, קונסט, גו־טער ווײַן צום מאָגן און קודם־כּל מענטשן, וועלכע זענען דיר גלײַכגילטיק, וואָס זייער גליק צעשטראַלט נישט דאָס האַרץ פונם אָנגעקומענעם. אָבער פאַר דאָס דריקט דער טויט אָדער די נויט קיין איין טרער פון אים נישט אַרויס.

## סוף פון ערשטן באַנד